DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02483

Stawiski Memorial Book

Sṭavisḳ

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Stavisk : sefer zikaron / [ʻarukh ʻa. y. Y. Rubin].
IMPRINT	880-03 [Tel Aviv] : Irgun yotsʻe Stavisk be-Yiśraʻel, 1973.
DESCRIPT	379, v p. : ill. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Stawiski.
	Stawiski (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Stawiski.
ADD'L NAME	Rubin, Yosef, 1913-
ADD'L TITLE	Stavisk : yizker bukh

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר סטביסק
יזכור־בוך

„וַיְהִי לְאֵבֶל כִּנֹּרִי
וְעֻגָבִי לְקוֹל בּוֹכִים"
(איוב ל׳ 31)

סטאוויסק

יזכור־בוך

ארויסגעגעבן דורכן סטאוויסקער לאנדסלייט־פאראיין אין ישראל
תשל"ג — 1973

סטביסק

ספר זכרון

הוצאת אירגון יוצאי סטביסק בישראל
תשל"ג — 1973

ערוך ע"י

י. רובין

דפוס „העשור" בע"מ, ת"א, המסגר 66, טל. 31554

התוכן - אינהאלט

מתולדותיה של סטביסק
צו דער געשיכטע פון סטאַוויסק

רבנים ואישים
רבנים און פערזענליכקייטן

בין שתי מלחמות העולם
צווישן ביידע וועלט מלחמות

הווי ודיוקנאות
שטייגער און פאַרטרעטן

בימי השואה
אין די טעג פון חורבן

דברי הספד

עם הופעת הספר

שנים התלבטנו בשאלה אם עלינו להוציא ספר־זכרון לקדושי עירנו סטביסק. היו שהתנגדו לכך מנימוק שאין להוסיף על ספרי־הזכרון המרובים שהופיעו עד כה, מאחר שהכל נאמר בהם ושוב אין מה לחדש בנושא זה; לעומתם סברו המחייבים, שעל אף הדמיון בצביונן של קהילות ישראל במזרח אירופה ובהווי חייהן — רב היה השוני בין קהילה לקהילה כרבות ההבדל בין אדם לאדם, וכל אחת מהן נתייחדה בייחוד משלה, ואת הייחוד הזה מן הראוי להנציח לדורי דורות.

המשימה היתה קשה, המלאכה מרובה והזמן דחק. רוב בני עירנו, החיים בארץ ומחוצה לה, עזב את סטביסק לפני עשרות בשנים, ואף שכולם נשאו ונושאים עמוק בלבם את זכר משפחתם ועירם, הרי נשחקו דברים רבים וחשובים בגלגלי הזמן ונשתכחו מזכרונם. כן ידענו שהזמן אינו פועל לטובת הענין, מאחר שאנו שרידי הדור האחרון שחי את חיי העיירה בנעוריו ויש להזדרז ולהציל משכחה כל אשר ניתן מהמעטים שמסוגלים לתרום את חלקם לכך. יביע מי שרק יכול, כל אחד בדרכו הוא, את אשר יהמה הלב במסתרים, כדי להנציח את זכר יקירינו, שניספו בשואה האיומה שירדה על יהדות אירופה.

ככל התחלה היתה גם זו קשה. העלינו את הענין באסיפות־הזכרון השנתיות ובחוזרים שנשלחו לבני העיר בארץ ובתפוצות וביקשנו מכל אחד לכתוב על נושא הקרוב ללבו. עברו שנים ולא נענינו, בכל זאת לא נואשנו. את הדחיפה הגדולה למימוש הרעיון נתן מורנו הדגול וידידנו האמן משה זאב גואלמן ז״ל, שנרתם למשימה בכל נימי נפשו ומרצו. משה גואלמן ז״ל היה אחד הקשישים בתוכנו, שזכרונו לא הועם עם הזמן וגם היה הראשון שהעלה על הכתב מזכרונותיו על חיי העיירה וצייר בנאמנות אחדים מאישיה ודמויותיה.

ניגשנו לענין בדחילו ורחימו. לא התימרנו להוציא ספר־זכרון מיוחד במינו, ידענו שאין גבול לאפשרויות הגלומות בנושא כאוב ואיום זה, אך הכרנו את מגבלותינו ועשינו כל אשר היה ביכולתנו — בכוחותינו הדלים ובאמצעים המועטים שעמדו לרשותנו — כדי להציב יד וזכר ליהודי סטביסק על אורח־חייהם האחיד והמיוחד, על תקוותיהם ורצונותיהם, כשלונותיהם ואכזבותיהם, ששונם וכאבם; לתאר ולו במעט את יהודי עירנו על רבדיהם השונים, הדבקים באמונתם ועושים דבר ה׳ ביראה וברצון, יהודים ששאבו מאמונתם תקוה בביאת המשיח וכוח לעמוד בפני תלאות חייהם; להעלות מתהום הנשיה את חלומותיהם ומאווייהם של בני־נוער וצעירים, אשר מרדו במוסכמות וראו את פגעי החברה היהודית בנכר תוצאה בלתי נמנעת מעצם חייהם בגולה, ואת שאיפותיהם לעלות לארץ אבות ולתת את חלקם בבנין חיי עם נורמליים ובעיצוב חברה חדשה על יסודות תקינים ומוצקים על אדמת המולדת.

כך קיוו וכך עלו בלהבות הם ותקוותיהם.

את המעט אשר עשינו בעיצוב צורתו וגיבוש תוכנו של ספר־הזכרון אנו חייבים לרבים, שאחדים מהם אינם עוד בחיים. ראש וראשון היה, כאמור, משה גואלמן ז״ל, אחד מהוגי הרעיון של הוצאת ספר־הזכרון ומגשימיו. עד יומו האחרון עמל לקידומו של הספר, אך תקוותו לראותו יוצא לאור לא נתמלאה.

הרצל (הרצקה) צ׳שלוק ז״ל היה אוד מוצל מאש, אחד מבין התשעה שנשארו משואת סטביסק. הוא הגיע לארץ שבור ורצוץ בגופו ובנפשו. משהצליח לחזור אט־אט לחיים תקינים בא בקשר עם בני עירנו. הוא הוא אשר העלה את הרעיון לקיים בי״ז בתמוז אסיפות־אזכרה שנתיות לזכרם של קדושי עירנו, ובזכותו קיימנו אותן מדי שנה בשנה במשך תקופה ארוכה. בישיבת הועד שנקראה לענין הספר סמוך לחג השבועות תשל״ב, הודיע על תרומתו הכספית ונרתם לאסוף כספים בין בני עירנו הגרים בצפון הארץ. הגורל, שהצילו ממחנות התופת, התאכזר אליו לאחר שעלה בידו להתאושש מכל אשר עבר עליו בימי השואה ולאחריה, ובליל חג השבועות, בהיותו סמוך על שולחן ידידיו בחיפה, נשבר לבו הדאוב.

נזכור את חנה וינר ז״ל, שעד רגעי חייה האחרונים היתה מסורה בלב ונפש לכל שנתן ביטוי להעלאת זכרם של קדושי עירנו, ובמיוחד לענין הוצאת ספר־הזכרון.

אנו מבכים כל אלה הטובים, הישרים והנאמנים, אשר לא זכו להגיע ליום זה: ולראות בצאת הספר לאור.

מבין הנמצאים עמנו נתונה תודתנו לבן־עירנו עו״ד חיים וילמובסקי, אשר תרם הרבה מזמנו לאיסוף חומר לספר, ובין השאר חומר תיעודי על השואה שירדה על עירנו.

✶

נציין לטובה את בני עירנו בארה״ב, אשר עזרו לנו, כל אחד בדרכו הוא, בהוצאת ספר־הזכרון: את מר **יעקב אלפנבוים** מניו־יורק, שהעביר אלינו, דרך משה גואלמן ז״ל, את שארית קופת־הלאנדסמאנשאפט; את מר **בצלאל צוויבאק** מקליפורניה, שנתפש לענין הספר בכל חום לבבו והעניק למטרה זו סכום הגון מכספו, ואף „הדביק״ מדביקותו לענין אחד מידידיו, מר **נתן קעראַן**, שתרם תרומה יפה, שחלקה נועד לספר וחלקה לקופת „גמילות חסדים״ שבהנהלת הרב ח. ל. ברנשטיין. בצלאל צוויבאק גם הדפיס מספר מודעות בעתונים ביידיש בארה״ב — מעין „קול קורא״ לבני עירנו בתפוצה זו לסייע בהוצאת הספר; את מר **נחמיה לוין** (לווינוביץ) ממיאמי, את הגב׳ **חנה ברמזון** משיקאגו ואחיה מר **לייזר ברמזון** מניו־יורק, את מר **זרוצקי** מניו־יורק ואת מר **חיים סולל** ממקסיקו — שפעלו והפעילו, תרמו והתרימו רבים למען הספר.

אנו אסירי־תודה לכל בני עירנו, למכרים ולידידים בארץ ובתפוצות, אשר נענו

לפניותינו ונתנו את חלקם באיסוף חומר ובכתיבתו וסייעו בידינו בכל דרך שהיא להוציא את הספר לאור. יבואו כולם על התודה ועל הברכה.

✶

אנו מצרפים את ספר הבכות הזה לשורת הספרים אשר נכתבו ואשר ודאי עוד יכתבו, למען נזכור כולנו וכל הבאים אחרינו את אשר עולל הצורר הנאצי, בשיתוף פעולה הדוק עם הפולנים האנטישמים, לעיירתנו היהודית ברדת השואה על בית ישראל בגולה. נזכור כי בכל דור ודור קמו וקמים עלינו לכלותנו. נזכור שכל ישראל ערבין זה בזה וקיום העם מותנה בליכוד כל חלקיו. נזכור ולא נשקוט עד אשר יבנה העם בארצו בנין עדי עד.

ועדת הספר:
חמדה לוינוביץ—קן־תור
אלעזר גואלמן
זלמן הירשפלד
הרב שמעון כ״ץ

צום דערשיינען פון יזכור־בוך

נאָך לאנגע ראנגלענישן במשך פון יאָרן האָבן מיר באשלאָסן ארויסגעבן א בוך צום אנדענק פון די קדושים פון אונזער שטעטל סטאַוויסק. אסך זיינען געווען געגן אָנווענדנדיק דעם ארגומענט, אז אלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן חורבן פון דער יידישער אייראָפּע אין די ביז איצט דערשינענע ביכער און ס׳איז נישטאָ וואָס צו באנייען; דאקעגן האָבן אנדערע גע׳טענה׳ט, אז טראָץ דער איינהייטליכקייט פון די יידישע שטעט און שטעטלאך אין מזרח־אייראָפּע, האָט דאָך יעדע קהילה פארמאָגט איר אייגנארטיקייט און ייחוד, און אָט דעם ייחוד איז ווערט צו פאראייביקן אויף דור־דורות.

די אויפגאבע איז נישט געווען קיין לייכטע און דאָס אויסצופירן האָט מען באדארפט ווידמען אסך מי און צייט. און די יאָרן לויפן. די מערסטע פון אונזערע שטעטישע, וועלכע געפינען זיך אין לאנד און אין אויסלאנד, האבן פארלאָזן סטאַוויסק מיט אסך צענדליק יאָרן צוריק, און ווען אפילו זיי טראָגן טיף אין הארצן דעם אָנדענק פון זייערע משפחות און שטעטל, האָט דאָך די צייט אסך פון די זכרונות פארטושט און פארנעפלט און וואָס ווייטער ווערט אלץ ערגער. און מיר טאָרן לענגער נישט ווארטן, ווייל מיר זיינען געבליבן בלויז שרידים פון לעצטן דור וואָס האָט געלעבט אין שטעטל און מ׳דארף זיך צואיילן און אָפּראטעווען פון פארגעסנקייט אלץ וואָס איז נאָר מעגליך.

ווי יעדער אָנפאנג איז אויך דער געווען א שווערער. מיר האָבן וועגן דעם גערעדט אויף יעדער יערלעכער אזכרה־פארזאמלונג, געשיקט בריוו און צירקולארן צו אונזערע שטעטישע אין לאנד און אין אויסלאנד און געבעטן יעדער זאָל שרייבן וועגן דעם וואָס איז אים נאָענט צום הארצן. יאָרן זיינען פארגאנגען און קיינער האָט נישט געענטפערט. דאָך האָבן מיר זיך נישט מיאש געווען. דעם ערשטן שטויס דעם גדאנק צו פארווירקליכן האָט געגעבן אונזער אומפארגעסליכער לערער און הארציקער פריינד משה זאב גאָעלמאן ז״ל, וועלכער האָט זיך ארייגעוואָרפן אין דער ארבעט מיט אומבאשרייבליכן ענטוזיאזם. משה גאָעלמאן איז געווען צווישן די געציילטע פון פארגאנגענעם דור, וועמעס זכרון איז געווען לויטער און פריש און ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פארצייכנט זיינע זכרונות וועגן שטעטל און באשריבן אסך פון אירע פערזענליכקייטן און געשטאלטן.

מיר זיינען צוגעגאנגען צוגרייטן דעם יזכור־בוך מיט א הייליקן ציטער, וויסנדיק פאָרויס אונזערע באגרעניצטע מעגליכקייטן, סיי גייסטיקע און סיי מאטעריעלע. מיר האָבן אלץ געטאָן צו שאפן דעם נויטיקן מאטעריאל צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון סטאַוויסקער יידן, זייער שטייגער לעבן, זייערע האָפנונגען און וואונטשן, דורכפאלן און ענטוישונגען, ליידן און פריידן; מאָלן די פארשידענע שיכטן יידן, וואָס זייענדיק געטריי זייער גלויבן האָבן זיי אויסגעפירט מיט פאָרכט און רצון גאָטס הייליקע געבאָטן; יידן וועלכע האָבן געשעפט פון זייער אמונה האָפנונג אין ביאת המשיח און כוח אויסצושטיין אלע לעבנס־שטרויכלונגען; באשרייבן די יוגנטלעכע און זייער רעוואָלט קעגן דער האָפנונגסלאָזער ווירקליכקייט, יוגנט וואָס האָט געזען אין די נעגאטיווע זייטן פון דער יידישער געזעלשאפט א אומפארמיידליכן רעזולטאט פון גלות־לעבן, און געשטרעבט עולה זיין קיין ארץ־ישראל און העלפן בויען א נייעם לעבנס־שטייגער, א נייע געזעלשאפט באזירט אויף פעסטע און גערעכטע יסודות אויף מאמע־ערד.

זיי האָבן נישט זוכה געווען. זייערע האָפנונגען צוזאמען מיט זייערע לעבנס זיינען אוועק מיט די פלאמען.

✶

דאָס ווייניקע וואָס מיר האָבן געטאָן צו געשטאלטן די פאָרם און אינהאלט פון יזכור־בוך האָבן מיר צו פארדאנקען אסך פון אונזערע שטעטישע. אייניקע פון זיי זיינען מער נישטאָ. דער ערשטער פון זיי איז געווען אונזער לערער און דערציער משה וועלוול גאָעלמאן ז״ל. מ.וו. האָט אוועקגעגעבן אסך פון זיינע כוחות און צייט צו זאמלען מאטעריאל פון נאָענטע און ווייטע. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז ער געווען טעטיק און וואָך פאר דעם ענין, און צום גרויסן באדויערן נישט זוכה געווען דאָס בוך צו זען אָפגעדרוקט.

הרצל (הערצקע) טשעשלוק ז״ל, איינער פון די 9 לעבנגעבליבענע פון חורבן סטאַוויסק. געקומען איז ער אין לאנד א צעבראָכענער פיזיש און גייסטיק. ביסלעכווייז איז אים געלונגען קומען צו זיך און אָנהויבן פונדאָסניי פירן א נאָרמאל לעבן. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ארויסגעבראכט דעם געדאנק מ׳זאָל יעדן י״ז בתמוז

איינאָרדנען א יערלעכע הזכרה צום אָנדענק פון די קדושים פון אונזער שטעטל, און טאקע אדאנק זיין איניציאטיוו האָבן מיר דאָס יאָרן לאנג דורגעפירט. אויף דער פאַרלעצטער זיצונג פון קאָמיטעט נאָענט צו שבועות, געווידמעט דעם יזכור־בוך, האָט ער צו־וויסן געגעבן וועגן זיין געלט־ביישטייער פארן בוך און זיך אויך אונטערגענומען זאמלען געלט פאר דעם צוועק צווישן די שטעטישע אין חיפה און אומגעגנט. דער גורל, וואָס האָט אים באשיצט און ארויסגעראטעוועט פון אלע טויט־לאגערן, האָט אים דאָסמאָל נישט געשוינט — זיצנדיק שבועות ביינאכט ביים יום־טוב׳דיקן טיש מיט זיינע חברים אין חיפה, האָט זיין צעווייטיקט הארץ פלוצלונג אויפגעהערט קלאפן.

זאָל דערמאָנט ווערן אויך חנה וויינער ז״ל, וועלכע האָט געהאט א טיפן געפיל און א אומבאגרעניצטע ווארימקייט פאר אלץ וואס איז געווען פארבונדן מיט אונזער שטעטעלע און אין משך פון יאָרן האָט זי געמוטיקט און סטימולירט דאָס ארויסגעבן דעם יזכור בוך.

מיר באוויינען די אלע ליבע, ערליכע און געטרייע, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען זען דעם בוך אָפגעדרוקט.

באזונדערס דאנקען מיר אונזער שטעטישן אדוואָקאט חיים ווילאמאָווסקי, וועלכער האָט געווידמעט אסך צייט צו זאמלען דאָקומענטירטן מאטעריאל וועגן חורבן סטאוויסק פארן בוך.

★

מיר דאנקען אונזערע לאנדסלייט אין אמעריקע, וועלכע האָבן געהאָלפן, יעדער אויף זיין שטייגער, ארויסגעבן דעם יזכור־בוך: הער **יעקב עלפנבוים** פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט געשיקט צו משה גאָעלמאן ז״ל א סומע געלט וואָס איז פארבליבן אין דער דאָרטיקער לאנדסמאנשאפט־קאסע; הער **בצלאל צוויבאק** פון קאליפאָרניע, וועלכער האָט מיט התלהבות זיך אָפגעגעבן דעם ענין און איבערגעשיקט א גרויסע סומע געלט פאר דעם צוועק. מיט זיין ענטוזיאזם האָט ער אויך „אָנגעשטעקט" זיין פריינד, דעם הער **נתן קעראָן**, וועלכער האָט אונז געשיקט א וויכטיקע סומע געלט, א טייל פארן יזכור־בוך און א טייל פאר דער „גמילות־חסדים" קאסע וואָס ווערט אָנגעפירט דורך הרב חיים־לייב בערנשטיין. בצלאל צוויבאק האָט עטלעכע מאָל אָפגעדרוקט אנאָנסן וועגן בוך אין די אָרטיקע יידישע צייטונגען, כדי צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע אמעריקאנער לאנדסלייט צו דעם ענין; הער **נחמיה לעווין** (לעווינאָוויטש) פון מיאַמי, פרוי **חנה בראמזאָן** פון שיקאגאָ און איר ברודער הער **לייזער בראמזאָן** פון ניו־יאָרק, הער **זארוצקי** פון ניו־יאַרק, הער **חיים סולל** פון מעקסיקאָ — וועלכע האָבן געווידמעט צייט צו זאמלען געלט צווישן אונזערע לאנדסלייט און זיך אליין באשטייערט פארן יזכור־בוך.

מיר דריקן אויס אונזער דאנק אלע אונזערע לאנדסלייט, פריינט און נאָענטע אין ישראל און אין אויסלאנד, וועלכע האָבן זיך ווארעם אָפגערופן אויף אונזערע ווענדונגען, אונז צוגעשיקט זייערע אייגענע זכרונות און אָפהאנדלונגען און געהאָלפן זאמלען וויכטיקן מאטעריאל בא אנדערע אויף צו דערגרייכן אונזער געמיינזאמן ציל.

★

מיר זיינען מצרף דעם טרויער־בוך צו דער לאנגער ריי יזכור־ביכער, וואָס זיינען שוין געשריבן געוואָרן און וואָס וועלן נאָך ערשיינען, כדי מיר און אונזערע נאָכפאָלגער זאלן געדענקען וואָס דער נאַצישער גרויזאמער צורר האָט, מיט דער אינטענסיווער מיטארבעט פון די גויים־אנטיסעמיטן, געמאכט פון אונזער יידיש שטעטעלע בעת דעם גרויסן חורבן וואָס האט זיך אראפגעלאזט אויפן אייראפעאישן יידנטום. זאלן מיר אייביק געדענקען, אז יעדער דור האָט זיין המן וואָס וויל אונז פארטיליקן; זאָלן מיר געדענקען, אז כל ישראל ערבין זה בזה און אז נאר מיטן כוח פון ברידערליכער אייניקייט קענען מיר פארזיכערן דעם קיום פון אונזער פאָלק. לאָמיר געדענקען און נישט רוען ביז אונזער פאָלק וועט אויפבויען זיין זיכערע היים אין ארץ־ישראל במהרה בימינו.

קאָמיטעט פון יזכור בוך:

חמדה לעווינאָוויטש-קאנטאָר
אלעזר גאָעלמאן
זלמן הירשפעלד
הרב שמעון כ״ץ

מתולדותיה
של סטביסק

צו דער געשיכטע
פון סטאַוויסק

נתונים על סטביסק

סטביסק — ישוב עירוני ואחוזות סמוכים לנהר דז׳רבה (יובל הנארב), שוכנת על הגבעות בצדי הדרך מלומז׳ה לשצ׳וצ׳ין. המרחק בינה לבין קולנו — עיר נפה — 24 וויורסט (וויורסט — קצת יותר מק״מ). המרחק מסטביסק ללומז׳ה — 21 וויורסט, ולורשה — 168 וו. מוסדותיה: כנסיה אזורית, 2 בתי־כנסת, בית־ספר יסודי, „חדרים", בית־משפט אזורי, מועצה מקומית ובית־דואר. מצויים בה 181 בתים ואוכלוסיה של 4140 נפשות (1930 גברים, 2210 נשים). שטחה 3530 מורג (1 מורג — כ־5 דונם) עירוניים. בשטח האחוזות מצויים: בית־מבשל לייש, טחנת־קמח, בית־חרושת ללבנים; תושביה עוסקים גם בבורסקאות. בתקופה קודמת היו בסטביסק גם בתי־חרושת לבדים ולמגבעות ומצבעה *).

סטביסק התפתחה תודות למיקומה. היא יושבת על צומת דרכים מסחרי, המוביל צפונה לפרוסיה המזרחית. כן מהווה היא מוקד מסחרי בין לומז׳ה לשצ׳וצ׳ין.

אין נתונים מדויקים על מועד ייסודה של סטביסק. לפי ספרו של קרל צירהופר „שמות ישובים במזוביה הצפונית", שהוצא בשנת 1957, הוכרזה סטביסק כישוב עירוני בשנת 1426. בשנת 1697 בנה בעל האחוזה זמויסקי מנזר פרנצ׳ישקני וכנסיה מעץ. מאוחר יותר בנו כנסיה מלבנים, ובשנים 1790—1818 נבנה בנין הכנסיה הגדול הקיים כיום.

ב־1813 עלו כל בתי העיירה באש. חלק מהכנסיה שנותר לפליטה מהשרפה היה מסונף לכנסיית פוריטה.

במאה ה־18 היו האחוזות נחלתם של האצילים לבית קרמקובסקי ולאחרונה עברו לרשותם של האצילים לבית קישלניצקי. הקרקעות של סטביסק בשנת 1886 הכילו את האחוזות סמולניק וסוקוליחה, שהשתרעו על 3048 מורג, בתוכם שדות־תבואה, כרי מרעה, יערות ומירבצי־כבול.

בשנים האחרונות הגיעה האוכלוסיה של סטביסק ובנותיה ל־8163 נפש על שטח של 19182 מורג. מצויים בהן בתי־ספר, בית־מבשל לייש, 2 בתי־חרושת ללבנים, 5 טחנות־קמח, בית־בד לשמן. הקהילה סטביסק כללה את העיירה כמרכז עירוני, 14 אחוזות ו־13 כפרים *).

---

*) מהדו״ח לא ברור לאיזו תקופה מיוחסים הנתונים הללו.

אלגעמיינע דאטן וועגן סטאוויסק

סטאוויסק — א שטאטישער ישוב און אימעניעס,ביים טייך דזשערבא (א צופלוס פון טייך נארעוו), זיצט אויף די בערגלאך אויף ביידע זייטן שאסיי פון לאמזשע קיין שטשוטשין. זי געפינט זיך 24 וויאָרסט פון דער קרייז־שטאט קאָלנע, 21 וויארסט פון לאמזשע און 168 וו. פון ווארשע. אין סטאוויסק זיינען פאראן פאלגענדע אינסטיטוציעס: א קירכע פאר דער גאנצער געגנט, 2 שולן, א פאָלקס־שולע, „חדרים", קרייז־געריכט, שטאָט־ראט און פאָסט. זי פארמאָגט 181 שטיבער מיט א באפעלקערונג פון 4140 נפשות, פון זיי 1930 מענער און 2210 פרויען. איר שטח באשטייט פון 3530 שטעטישע מאָרג (אַ מאָרג האלט ארום 5 דונאם). אויפן שטח פון די אימעניעס געפינען זיך א בראנפן־ברויערײַ, א מיל, א ציגל־פאבריק. א טייל באפעלקערונג איז אויך באשעפטיקט בא גארבערײַ. אין א פריערדיקער תקופה האט סטאוויסק אויך פארמאגט א טעקסטיל־פאבריק, א פאבריק פאר היט און פארבערײַ.

סטאוויסק האָט זיך ענטוויקלט אדאנק איר געאָגראפישער לאגע. זי ליגט אויפן סוחרישן טראקט וואס פירט אין צפון קיין מזרח־פרייסן און איז א קאמערציעלער צענטער צווישן לאמזשע און שטשוטשין.

עס זיינען נישט פאראן קיין גענויע דאטן ווען סטאוויסק איז געגרינדעט געווארן. דער וויי‏טסטער דאטום לויט קארל צירהאָפערס בוך „נעמען פון ישובים אין צפון מאזאָוויע", ארויסגעגעבן אין יאָר 1957, איז סטאוויסק באשטימט געוואָרן אלס שטעטישער ישוב אין יאָר 1426. אין יאָר 1697, האָט דער פאמיעשטשיק זאמאָיסקי דא אויפגעבויט א פראנטשישקאנער מאָנאסטיר און א קלויסטער. די געביידעס זיינען געווען הילצערנע. שפעטער איז אויפגעבויט געווארן א קלויסטער פון ציגל, און צווישן די יאָרן 1790—1818 איז אויפגעשטעלט געווארן די קירכע וואס שטייט ביז היינט.
אין 1813 זיינען אלע סטאוויסקער שטיבער אוועק מיטן פייער. דער טייל פון דער קירכע וואס איז געבליבן גאנץ, איז געווען אנגעשלאסן אן דער קירכע פון פאָריטע.

אין 18־טן יארהונדערט האבן די סטאוויסקער גיטער געהערט צו די פריצים פון דער משפחה קראמקאָווסקי, שפעטער זיינען זיי אריבער אין רשות פון דער פריצים־משפחה קישעלניצקי.

אין יאר 1886 האט דער ערד באזיץ פון סטאוויסק ענטהאלטן די גיטער סמאלניק און סאקאליכע, וואס האבן פארנומען א שטח פון 3048 מאָרג, צווישן זיי תבואה־פעלדער, לאָנקעס פאר פאַשע, וועלדער און טאָרף פעלדער.

די לעצטע יארן האט די באפעלקערונג פון סטאוויסק און געגנט דערגרייכט די צאל פון 8163 נפשות אויף א שטח פון 19182 מאָרג. אין סטאוויסק און אומגעגנט געפינען זיך 3 פאלקס־שולן, א בראנפן־ברויערײַ, 2 ציגעלניעס, 5 מילן און א בוימל־פאבריק.

די סטאוויסקער געמיינדע באשטייט פון שטעטל, 14 גיטער און 13 דערפער.

צבי ליברמן

לתולדותיה של סטביסק

סטביסק היא עיירה קטנה במאזוביה הצפונית, השוכנת על הנחל דז׳אז׳ביה — יובלו של הנארב. אין בה אתרים היסטוריים חשובים, פרט אולי לשתי חלקות קברים משני צדי היער בדרך ללומז׳ה. מדרום לעיר משתרעת החלקה הגרמנית, ומצדו השני של היער, במרחק של כ־7 ק״מ נמצאת החלקה הרוסית, בה ישנים שנת עולם החיילים הרוסיים שהגנו על לומז׳ה בשנת 1914 נגד הכובשים הגרמניים.

סטביסק משובצת בין ערים שבתקופות שונות מילאו תפקידים מדיניים ואדמיניסטרטיביים חשובים בסביבה כולה. שצ׳וצ׳ין היתה עיר פלך בהתחלת המאה ה־19, בימי שלטונם הקצר של הפרוסים, משנת 1837 היתה אוגוסטוב עיר מחוז, ובזמן האחרון נמצאה סטביסק בגבולות שיפוטה של הנפה קולנה במחוז ביאליסטוק.

במחקר שערך לאחרונה קארול צירהופר, שהופיע בשנת 1957 תחת השם „שמות ישובים במאזוביה הצפונית״, מסופר, שלפי עדות בתי משפט וספרי־יוחסין של אצילים, נזכרת סטביסק בפעם הראשונה כישוב עירוני בשנת 1426, ולפי מפה המצורפת לאותו מחקר מסתבר שכמעט כל הישובים במובלעת בין פרוסיה המזרחית וליטא נוסדו במאות ה־15 וה־16. העיר העתיקה ביותר באיזור היא ויזנה ששימשה בירה לנסיכי מאזוביה, ואילו במאזוביה המערבית, בפלונסק, מאקוב, וישקוב ומקומות אחרים — התחילה ההתישבות במאות ה־12 וה־13. יש להניח שקיומם של הישובים הללו קדומה מן התעודות הנ״ל. בכל אופן ברור כי מערב מזוביה הקדימה בישוביה ובהתפתחותם את מאזוביה הצפונית.

יש להניח שנסיכי מאזוביה הלכו בעקבות הנסיך גדימין (1315—1340) שהתחיל ליישב חבל ארץ זה בצורה מאורגנת ומכוונת ע״י בני דתות שונות. לצורך זה ברא יערות וניקז ביצות טובעניות, כדי להכשיר את האיזור להתיישבות. כידוע שררה ברית ידידות במשך שנים רבות בין שליטי ליטא ונסיכי מאזוביה, שנבעה ממלחמה משותפת נגד האבירים הטבטונים, מלחמה שהוכתרה בנצחון בשנת 1410, בתבוסה שהנחילו לטבטונים בביצות טננברג המפורסמות ובגרונוולד. נקל לשער כי מניעים מדיניים וכלכליים דחפו את נסיכי מאזוביה ליישב את האיזור ולפתחו.

מפה בספרו של צירהופר מראה שהגבעות שבאיזור היו מיוערות ביערות עד, והעמקים היו משופעים באגמים וביצות. תיאור טופוגרפי מהימן וחלוקי נחל עגולים שהיו זרועים בסביבה למכביר מעידים שקרחון כיסה בימים קדומים את האיזור, וכך נוצרו האגמים והביצות בפרוסיה המזרחית (טננברג), האגמים היפים באוגוסטוב והאגמים המאזוביים, וכן הביצות ושדות הכבול בסטביסק.

מהאוכלוסיה הטרום־היסטורית בסביבת בראשית זו, שחיתה על צייד ודייג וחקלאות פרימיטיבית ביותר, נשארו שרידים עד ימינו — אלה הם בני שבט הקורפים ע״י אוסטרולנקה, שראינו אותם ב„ירידים״ בקולנה.

הישוב היהודי

אם כי קיומם של ישובים יהודיים במאזוביה הצפונית מוזכר בפעם הראשונה בפנקס של ועד ארבע הארצות בהקשר לקהילת טיקטין במאה ה־17, הרי אפשר לקבוע בודאות שהרבה הרבה שנים לפני כן הגיעו מתיישבים יהודים לאיזור זה, והם הם שמילאו תפקידים חלוציים בפיתוח הארץ, הם שפילסו נתיבות למסחר והניחו יסודות לתעשיה צמודה לתוצרת החקלאית ולמלאכות שונות. הם באו מציביליזציות יותר גבוהות והביאו עמם ידע רב בייצור מוצרי מתכת, אריגים, שמן, משקאות ועיבוד עורות. לפי עדותו של ב. מארק זרמה ההגירה היהודית מכיוונים שונים: מקרים ומרייסין (רוסיה הלבנה), מפולין המערבית, מגרמניה וגם מבוהמיה ומורביה. הסיבה להגירה היתה בדרך־כלל הרעת מצב היהודים בארצות מגוריהם. מקרים ומרייסן באו בלחץ פלישת המונגולים; מגרמניה בלחץ הצלבנים, ובתקופה מאוחרת יותר מבוהמיה ומורביה עקב תבוסת ההוסיטים.

יהיו כאשר יהיו הגורמים שהניעו יהודים מארצות שונות לחפש מקלט במאזוביה, הרי כעבור תקופה מסוימת לבשו הקהילות הצעירות צורה וסגנון דומה, אם כי כל קהילה נבדלה במשהו מחברתה. השוני התבטא בצורה ארכיטק־טונית מסוימת של בתי־הכנסת, במנהגים מקומיים וכיו״ב. השוני בין עיירה לעיירה בא לידי ביטוי גם באוכלוסיה הנוצרית, כגון בכנסיות הגותיות השונות, ששיוו גון מיוחד לכל ישוב.


כל האיזור השתייך פעם לנסיך זאמאָיסקי, נצר לנסיכי מאזוביה. הוא בנה בסטביסק את הכנסיה הראשונה ומנזר פרנציסקני על שם אנטוניוס הקדוש בשנת 1697. עד היום נמצאת בכנסיה טבלה חקוקה על שמו. לימים עברו אדמות האיזור או חלקן למשפחת אצילים בשם קישלניצקי, שקבריהם מצויים בכנסיה הזאת, וארמונם שנבנה במערב העיר מוקף גן ענקי של עצי פרי.

העיירה נבנתה על־יד אחוזת הפריץ קישלנצקי. אחד מאבות אבותיו העריך את התועלת שהיהודים עשויים להביא למקום והעניק להם חסות בטחונית ועודד את פעילותם הכלכלית. תודות למדיניות הזאת הפכה סטביסק לישוב עירוני שרוב תושביו היו יהודים. כי זאת לזכור, בימי שלטון הפיאודלים, שנמשך בעצם כל ימי מלכות פולין עד לחלוקה בסוף המאה הי״ח, היו רוב המתיישבים משועבדים לפריצים ונתונים לחסדיהם. אחרי הרפורמה האגררית בימיה האחרונים של פולין העצמאית, קיבלו יהודים אמידים חלקות אדמה למרעה בקרבת היערות, והנוצרים קיבלו אחוזות ואף אפשרות של רכישת אדמות מידי הפריץ. כך עוצבה במאה ה־19 דמותה של העיירה כפי שהכרנו אותה. בתקופה זו נסלל הכביש הגדול מלומז׳ה לסובאלק שחצה את העיר. קראו לכביש בשם דרך פטרבורג־ורשה. הוא נסלל בשנת 1841. ב־1844 עבר בדרך הזאת הנסיך הגדול אלכסנדר ניקולאיביץ׳. לימים הקיסר אלכסנדר השני, שבשנת 1861 שיחרר את האיכרים הצמיתים משיעבודם לפריצים. בכביש הזה עבר גם השר משה מונטיפיורה בדרכו לרוסיה להשתדל בפני הצאר לטובת הישוב היהודי הגדול בארץ הענקית. באותה דרך איסטרטגית חשובה עבר גם נפוליאון בפלישתו לרוסה בשנת 1812.

בספר האחוזות רשומה סטביסק כישוב עירוני פרטי — OSADA (אחוזה), רק

בשנת 1919 נתכנתה העיירה בשם MIASTO (עיר). כעיירה קטנה היו בה מוסדות מעטים כגון: עיריה, דואר, משטרה, בית־ספר ובית־משפט.

כרגיל, התנהלו החיים היהודיים במסלול נפרד ולסיפוק צרכיהם הדתיים, החברתיים והכלכליים הקימו והחזיקו היהודים מוסדות רבים ושונים שהחשובים שבהם היו: בתי־כנסת, בתי־מדרשות, „חדרים". בתקופה מסוימת היתה גם ישיבה בסטביסק, ובזמן האחרון גם בית־ספר עברי מודרני. כן היו בה ספריה, בנק, חברות צדקה, גמילות חסד, ביקור חולים, מתן בסתר, הכנסת כלה, מועדונים ציוניים יעוד.



אשר לאספקט הכלכלי, מלבד החנויות ובתי־המלאכה שהיו בעיירה התקיימו בה פעמיים בשבוע ימי שוק וששה „ירידים" בשנה. הסוחרים נסעו גם לירידים שהתקיימו בישובים הסמוכים, ידואבנו וקולנו.

בתי־כנסיות ובתי־מדרשות

בית־כנסת עתיק היה בסטביסק, שבנייתו הוחלה במאה ה־י"ח. זה היה בנין מיוחד במינו. כתליו היו עבים ככתלי מבצר, וכנראה שמתכנניו גם התכוונו לכך שבעת צרה ישמש מחסה ליהודים. הבנין היה מפואר. קשתותיו הלבנות התנשאו לגובה של 12 מטרים, וביניהם היו משובצים קרשים בצבע לבן־ירוק. ארון הקודש שהתנוסס לכל גובה האולם היה עשוי מלאכת־מחשבת. פיתוחי עץ אמנותיים גילמו את מרבית הסמלים היהודיים המסורתיים, כגון: י"ב השבטים

משה ואהרן, לוחות הברית, הלויתן ושור הבר, שבעת המינים וגידולים אחרים מצמחי הארץ. הרכב הצבעים היה נפלא. בית־כנסת מפואר כזה לא היה בסביבה כולה.

לידו היה בית־מדרש גדול ועוד שלושה בתי־תפילה ותורה קטנים יותר. בשבתות היו מתפללים בהם מנינים אחדים, עממיים יותר, שלא היו להם סיכויים לזכות ב„עליה" בבית־הכנסת ובבתי־המדרש הגדולים.

בתי־הכנסת ובתי המדרשות היוו מאז ומתמיד מקום מפגש ולימוד למבוגרים ולעתים גם לילדים. בין כתליהם התרכזו גם חיי החברה של העיירה, שם שמע העם הפשוט ידיעות מן המתרחש בעולם הגדול וכן דברי רכילות מקומיים מצאו שם אוזן קשבת. בסטביסק היו תמיד יחידים שקראו עתונים עבריים, כגון: „המליץ", „המגיד", „הצפירה", ואחרים שידעו גם את שפת המדינה והיו מנויים על עתונים בלשון הרוסית. בתי־הכנסת שימשו איפוא גם בתי־מועד למסירת ידיעות על הנעשה בעולם היהודי והלא יהודי, ופרנסים וסוחרים שהיו נוסעים לרגל מסחר וצרכי ציבור לערים גדולות ברוסיה, ואף לגרמניה, היו מספרים את רשמיהם למרבית תושבי העיירה, שבדרך כלל בילו כל ימיהם בתחומי העיירה ובסביבתה הקרובה. למותר לומר שגם ויכוחים „סוערים" התנהלו בין כתלי בתי מועד אלה על נושאים שהיו מנסרים בעולמם ובעולם היהודי בכלל.

עליות וירידות

התפתחות העיירה לא היתה הדרגתית. נהפוך הוא, בתקופות שונות חלו בה עליות וירידות. מתעודות שונות שנשתמרו ניתן לראות שסטביסק היתה פעם משופעת בתעשיות שונות כגון: אריגים, לבדים, מצבעות, עורות, כובענות מברשות, בתי מבשל ליין ובירה ועוד. אחת הסיבות לירידות התכופות של המקום היו השריפות שפקדו את העיירה מפעם לפעם. ב־1813 השתוללה דליקה גדולה שכילתה את רוב בתי העיר, שכמעט כולם היו בתי עץ. לא עבר זמן רב ותושביה התאוששו ובנו את העיר מחדש. כמה מקורות סייעו לכך: דמי ביטוח, תרומות של קהילות שכנות ובעלי האחוזות שבסביבה שסיפקו ביד נדיבה עצים מיערותיהם הגדולים. הואיל ושריפות היו חזון נפרץ בימים ההם בכל הישובים, היתה קהילה אחת עוזרת לחברתה בהימוט עליה אסון. ברם, אחרי דליקה גדולה התמעטה בדרך כלל האכלוסיה לתקופה ממושכת.

לפי נתונים מהימנים היו בסטביסק בשנת 1813, לפני השריפה הגדולה, 3146 תושבים, מהם 2775 יהודים, ואחריה ירדה האוכלוסיה עד לאלפיים נפש בערך. גם התעשיה שהיתה קיימת עד אותה שנה לא שוקמה ברובה. אפשר והסיבה לכך היתה גם התפתחותם של הישובים הסמוכים. סיבה נוספת להקטנת האוכלוסיה היהודית היא זרם ההגירה למדינות הים שהתחילה בסוף המאה הקודמת ונמשכה עד למלחמת העולם השניה. אלה הם יוצאי סטביסק וצאצאיהם החיים בשתי האמריקות, במערב אירופה ובארץ.

בפולין המשוחררת

עיירה קטנה היתה סטביסק ולא היו בה לא ישיבות ולא בתי־ספר תיכוניים, על כן נדדו צעירים רבים למקומות תורה והשכלה. רובם בני עניים היו. בחורי הישיבות אכלו „ימים" על שולחנות זרים ולנו באכסניות זולות, ואלה שלמדו בגימנסיות גם הם חיו בתנאים קשים מאד. אין להתפלא איפוא שעל הרוב לא הצליחו לסיים את חוק לימודיהם וחזרו לעיירה ללא תעודה וללא תואר. אי היכולת לרוות את צמאון הדעת הותירה צלקת בנשמה. רבים מצאו פורקן בעסקנות מפלגתית ובבליעת ספרים בסוציולוגיה, פילוסופיה וספרות כאבטודידקטים. בשנות העשרים היתה תופעה לא נדירה ויכוחים בין צעירים על הגל ומרכס, שפינוזה ובורוכוב, אם כי ספק רב אם באמת הבינו את יצירותיהם וחדרו לעומק דעתם. אך עצם העובדה שבני תשחורת דנו והתוכחו על נושאים אלה מעידה על היצר לדעת והשכלה שקינן בלבם של צעירי ישראל. אין לתמוה איפוא שהנוער היהודי נתפס לכל מיני אידיאולוגיות והיה פעיל במפלגות — נושאיהן של האידיאולוגיות הללו. חלק נתפס לרעיון הציוני, וחלק, מתוך קוצר רוח, נסתנוור מהברק המתעה של הקומוניזם. ביחוד נתפסו רבים ברשתו בשנת 1921, כשפלשו הבולשביקים לפולין וגם עיירתנו נמצאה זמן מה תחת שלטונם. זוכרני, כשנכנסו לעיירה התיצבו מיד לפקודתם נאמני המהפכה, שרובם היו יהודים. ביחוד גאה לבם של בני „עמך" כאשר בראש ה„ריבקום" עמדו גולדה בת המלמד הרצקה קולינסקי, אנשים צעירים בשנות העשרים. גולדה היתה נערה גאה ונמרצת, והרצקה, אחיו של חיים קדיש, היה טיפוס של מנהיג, בטוח בעצמו ומהיר החלטה. בקרבות שהתנהלו בין הצבא האדום והצבא הפולני נפל גנרל אדום, ופעילי התנועה הקומוניסטית בעיירתנו ערכו לו לוויה ממלכתית. בראש צעדי גולדה והרצקה, ענדו סרטים שחורים על שרווליהם ובידיהם דגלים אדומים תזמורת ניגנה מנגינות לכת מהפכניות, ואנו, הילדים, נגררנו אחרי הלוויה עד לבית הקברות הצבאי. אם זכרוני אינו מטעני נשא פרלמן את הדגל האדום הראשי. ילדים היינו ולא הבנו מאומה באידיאולוגיות, אך גאים היינו שיהודים עלו לגדולה כזאת. עם נסיגת הצבא האדום נמלטו הפעילים הקומוניסטים עם הצבא, באו לרוסיה ושם אבדו עקבותיהם. גורלם היה כגורלם של מהפכנים רבים אחרים שנשרפו באש המהפכה.

עם התבוסה שנחל הצבא האדום בפולין שככה גם בסטביסק ההתלהבות הקומוניסטית ומרבית הנוער היהודי הצטרף לתנועות החלוציות לגווניהן, ורבים אף זכו לעלות לארץ ולהימנות עם בוניה. אחרים שלא ראו אחיזה ועתיד בפולין האנטישמית היגרו, מי לארה"ב, מי למערב אירופה, מי לאמריקה הדרומית. שפר חלקם ולא היו בפולין כשירדה עליה השואה והיום אנו מוצאים אותם בירושלים ובתל־אביב, בבלפוריה ובגבע, בניו־יורק ובלוס אנג'לס, בפריז ובלונדון. אלה הם שרידי סטביסק שיחד עם הנמלטים הספורים מגיא הצלמוות נושאים בלבם באהבה ובהוקרה את זכר האלפים שנטבחו בידי שכנינו הפולנים ונשרפו בתאי הגזים של מחנות ההשמדה. ישמשו טורים אלה מצבה צנועה לזכרם.

צבי ליבערמאן

צו דער געשיכטע פון סטאַוויסק

סטאַוויסק איז א קליין שטעטל אין צפון מאַזאָוויע, ביים טייך דזשעזשבא וואָס גיסט זיך אריין אין טייך נאַרעוו. דאָס שטעטל האָט נישט קיין היסטאָרישע פלעצער אָדער דענקמעלער. סטאַוויסק ליגט צווישן שטעט, וואָס אין פאַרשידענע צייטן האָבן זיי געשפּילט וויכטיקע פּאָליטישע און אדמיניסטראַטיווע ראָלן אין לאָמזשער-ביאַליסטאָקער געגנט. אין אָנפאַנג 19־טן יאָרהונדערט, אונטער דער הערשאַפט פון די רוסישע צאַרן, איז שטשוטשין געווען א קרייז־שטאָט, און זייט 1837 איז אוגוסטאָוו געווען א גובערניע־שטאָט. לעצטנס האָט סטאַוויסק געהערט צו דער יוריסדיקציע פונעם קרייז קאָלנע אין ביאַליסטאָקער גובערניע.

אין א פאַרש־ארבעט פון קאַראָל צירהאָפער, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1957 אונטערן נאָמען „נעמען פון ישובים אין צפון מאַזאָוויע״, ווערט איבער־געגעבן אז לויט עדות פון געריכטס־אינסטאַנצן און שטאָם־ביכער פון אדעליגע ווערט סטאַוויסק דערמאָנט צום ערשטן מאָל אלס שטאָטישער ישוב אין יאָר 1426; און א בייגעלייגטע מאַפּע באַווייזט, אז דער רוב ישובים צווישן מזרח־פּרייסן און ליטע זיינען געגרינדעט געוואָרן אין 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט. די עלטסטע שטאָט פון דער געגנט איז וויזנע, וואָס האָט געדינט אלס הויפּטשטאָט פון די מאַזאָווער פירסטן. דאַקעגן אין מערב־מאַזאָוויע זיינען פּלאָצק, פּלאָנסק, מאַקאָוו, ווישקאָוו א.א. שוין געווען ישובים אין 12־טן און 13־טן יאָרהונדערט.

א סברה אז די מאַזאָווער פירסטן זיינען געגאַנגען אין די וועגן פונעם פירסט געדימין (1315—1340), וואָס האָט גענומען באַזעצן די געגנט אויף א פּלאַנירט־אָרגאַניזירטן אופן דורך אָנגעהעריקע צו פאַרשידענע רעליגיעס. פאַר דעם צוועק האָט ער געלאָזט אויסהאַקן די וועלדער פון דער סביבה און מעלאָריזירט די זומפּן אויף צו מאַכן דעם באָדן קאָלאָניזאַציע־פעאיק. יאָרן־לאַנג האָט געהערשט א פריינדשאַפט־בונד צווישן די ליטווישע הערשער און מאַזאָווער פירסטן, א בונד וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אדאַנק דער בשותפות׳דיקער מלחמה וואָס זיי האָבן געפירט קעגן די טעווטאָנישע ריטער, א מלחמה וואָס איז אין 1410 געקרוינט געוואָרן מיט א נצחון אין די באַרימטע טאַנענבערגער און גרונוואַלדער זומפּן. פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאָטיוון האָבן באַוואויגן די מאַזאָווער פירסטן צו באַזעצן די געגנט און זאָרגן פאַר איר ענטוויקלונג.

א מאַפּע אין צירהאָפערס בוך ווייזט, אז די בערגלאַך פון דער געגנט זיינען געווען באַדעקט מיט אור־וועלדער און די טיילן זיינען געווען רייך אין וואַסער וואָס האָבן פאָרמירט זומפּן און אָזיערעס. די שיינע אָזיערעס אין אוגוסטאָוו און די טאָרף־פעלדער און זומפּן אין סטאַוויסק זאָגן עדות אויף יענער ווייטער אור־תקופה.

פון דער פּרעהיסטאָרישער אור־באַפעלקערונג זיינען געבליבן רעשטן ביזן

היינטיקן טאָג — דער קאַרפּן־שבט נעבן אָסטראָלענקע, וואָס זיינע אָפּשטאַמיקע פלעגן מיר באגעגנען אויף די „ירידים" אין קאָלנע.

דער יידישער ישוב

צום ערשטן מאָל ווערן דערמאָנט יידישע ישובים אין פנקס פון ועד ארבע הארצות אין שייכות מיט דער קהילה טיקטין אין 17־טן יאָרהונדערט. עס איז אָבער אויסער יעדן ספק אז יידן האָבן זיך באזעצט אין צפון־מאַזאָוויע אסך פריער בייטראָגנדיק פיל פאר דער ענטוויקלונג פון דער געגנט. פאַקטיש זיינען יידן געווען די וואָס האָבן אויסגעטראָטן וועגן פאר האנדל און געלייגט די יסודות פאר אינדוסטריע פון אגריקולטור־פּראָדוקטן, ווי אויך איינגעפירט פארשידענע פאכן אין דער גאנצער געגנט. קומענדיק פון מער ענטוויקלטע לענדער האָבן זיי מיטגעבראכט פיל וויסן אויסצואַרבעטן פארשידענע מעטאל־ארטיקלען, שטאָפן, בוימל, משקאות און גארבעריי.

לויט דער עדות פון ב. מארק האָט די יידישע אימיגראַציע געשטראָמט פון פארשידענע ריכטונגען: פון קרים און רייסין (ווייס־רוסלאנד), פון מערב־פוילן, דייטשלאנד, בעמען און מערן. ווען זייער לאגע אין די וואוינערטער איז שלעכט געוואָרן האָבן יידן אויסגעוואנדערט אין אנדערע לענדער. פון קרים און רייסין זיינען יידן אנטלאָפן אונטערן דרוק פון דער מאָנגאָלישער אינוואזיע; פון דייטשלאנד זיינען זיי אנטלאָפן פון די קרייצציגלער, און שפעטער פון בעמען און מערן נאָך דער הוסיסטישער מפּלה.

די יונגע יידישע קהילות אין מאַזאָוויע האָבן טראָץ זייער ענליכקייט איינער צו דער צווייטער, נאָך א געוויסער צייט אָנגענומען יעדע איינע אן אייגענעם סטיל און כאראקטער, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אויך אין דער ארכיטעקטור פון די שולן, פארשידענע אָרטיקע מנהגים א.א. אויך ביי דער קריסטליכער באפעלקערונג איז געקומען צום אויסדרוק די אייגנארטיקייט פון יעדער שטעטל אין די פארשידענע קלויסטערס אין גאָטישן סטיל, וואָס האָבן צוגעגעבן יעדן שטעטל א באזונדערן קאָלאָריט.

אין אָנפאנג האָט די גאנצע געגנט געהערט דעם פירסט זאמאָיסקי, אן אָפּשטאַמיקער פון די ערשטע מאזאָוויער פירסטן. ער האָט אויפגעבויט די ערשטע קירכע אין סטאַוויסק און א פראנציסקאנער מאָנאַסטיר אויפן נאָמען פון הייליקן אנטאָניוס אין יאָר 1697. ביז היינט געפינט זיך אין דער קירכע א שילד מיט זיין נאָמען. אין פארלויף פון דער צייט זיינען די גיטער פון דער געגנט אָדער א טייל פון זיי איבערגעגאנגען אין רשות פון די פירסטן קישעלניצקי, וואָס אויך זייערע קברים געפינען זיך אין דער סטאַוויסקער קירכע, און זייער פאלאַץ אין מערב טייל פון שטאָט רינגלט ארום א ריזיקער פרוכט־גאָרטן.

סטאַוויסק איז אויפגעבויט געוואָרן נעבן דער אימעניע פון די קישעלניצקיס. איינער פון די ערשטע פריצים פון דער דאָזיקער אַדל־משפחה, אָפּשאַצנדיק דעם בייטראָג וואָס יידן קענען געבן דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון דער געגנט, האָט גענומען די אָרטיקע יידן אונטער זיין שוץ און סטימולירט זייער עקאָנאָמישע טעטיקייט. אדאנק זיין פּאָליטיק האָט זיך סטאַוויסק פארוואנדלט אין

א וויכטיקן שטאָטישן ישוב, וואָס איר רוב באפעלקערונג איז געווען א יידישע. אדאנק די אגראר־רעפאָרמען וואָס עס האָט איינגעפירט די פוילישע רעגירונג נאָענט פאר דער פוילישער צעטיילונג (סוף 18־טער יאָרהונדערט), האָבן רייכע יידן ארענדירט שטחים באָדן פון די וועלדער פאר פאשע, און די קריסטליכע באפעלקערונג האָט געקענט דערווערבן שטחים ביי די פריצים.

אין 19־טן יאָרהונדערט האָט שוין סטאוויסק געהאט דעם אויסזען ווי מ׳יר האָבן איר געקענט. אין יאָר 1841 האָט מען אויסגעפלאסטערט דעם שאָסיי לאָמזשע־סוואַלק, וואָס שניידט אדורך סטאוויסק און איז באקאנט אונטערן נאָמען דער פעטערבורג־ווארשע־שאָסיי. אין 1844 איז אויף דעם שאָסיי דורכגעפאָרן דער רוסישער גרויספירסט אלעקסאנדער ניקאָלאַיעוויטש, שפעטער דער צאַר אלעקסאנדער דער 2־טער, וואָס האָט אין יאָר 1861 באפרייט די פויערים פון דער „פּאַנשטשיזנע״ (לייב־אייגנטום). אויף דעם שאָסיי איז אויך אדורכגעפאָרן דער שר משה מאָנטעפיאָרע אויפן וועג קיין רוסלאנד אויסצופועלן ביים צאַר א בעסערע באציאונג צו דער יידישער באפעלקערונג. אויך נאפּאָלעאָן אין זיין מארש אויף רוסלאנד אין יאָר 1812 האָט זיך באנוצט מיט דעם דאָזיקן סטראטעגישן וועג.

אין די אָפיציעלע רעגיסטערס פיגורירט סטאוויסק אלס שטאָטישער ישוב אונטערן נאָמען Osada (פריוואטע אימעניע). ערשט אין יאָר 1919 ווערט זי אָנגערופן מיטן נאָמען Miasto (שטאָט). זייענדיק א קליין שטעטל האָט סטאוויסק פארמאָגט וויניק אָפיציעלע אינסטיטוציעס. זי האָט געהאט א שטאָט־ראט, א פּאָסט, א פּאָליציי־סטאציע, א שולע און א געריכט.

זייט דור־דורות האָט זיך דאָס יידישע לעבן געפירט לויט אייגענע נאָרמען און יידן האָבן אליין געזאָרגט פאר זייערע רעליגיעזע, געזעלשאפטליכע און עקאָנאָמישע הצטרכות׳ן. דאָס יידישע סטאוויסק האָט פארמאָגט שולן, בתי־מדרשים, „חדרים״, אין א געוויסער תקופה אויך א ישיבה, און אין די לעצטע יאָרן אויך א מאָדערנע העברעאישע שולע, א ביבליאָטעק, א באנק, צדקה חברות, פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס ווי גמילות־חסד, ביקור־חולים, מתן בסתר, הכנסת כלה, און מיטן אויפקום פון ציוניסטישן געדאנק — ציוניסטישע פאראיינען און קלובן.

עקאָנאָמיש האָבן זיך סטאוויסקער יידן אָפּגעגעבן מיט האנדל און מלאכה. צוויי מאָל אין וואָך זיינען פאָרגעקומען אין שטעטל מארק־טעג און 6 „ירידים״ א יאָר. יידישע סוחרים פלעגן אויך פאָרן אויף די „ירידים״ אין די שכנה׳שע ישובים ווי יעדוואבנע און קאָלנע.

שולן און בתי־מדרשים

די גרויסע שול אין סטאוויסק האָט מען אָנגעהויבן בויען נאָך אין 18־טן יאָרהונדערט. אירע ווענט זיינען געווען זייער דיקע ווי פעסטונג־ווענט. א סברה אז די בויער פון דער שול האָבן גענומען אין באטראכט די מעגליכקייט, אז אין אן עת צרה פאר יידן זאָלן זיי אין דער שול זיך קענען פארפעסטיקן און

באַשיצן קעגן אָנפאַלער. דאָס איז געווען א וואונדערבאַרער בנין. דעם ווייס געוועלבטן סופיט פון 12 מעטער די הויך האָבן פאַראייניגט ברעטער געפאַרבט אויף ווייס־בלוי. דער ארון־קודש איז געווען אזוי הויך, אז ער האָט דערגרייכט ביז צום סופיט. דאָס איז געווען א מייסטער־ווערק. קינסטלערישע האָלץ־שניצערייען האָבן פאַרגעשטעלט יידישע סימבאָלן ווי די 12 שבטים, משה און אהרון, די לוחות, דעם לויתן און דעם שור־הבר, די שבעה מינים און אנדערע ארץ־ישראל פלאַנצן. וואונדערבאַר איז געווען דער פאַרבן שפיל. די סטאַוויסקער שול איז געווען די שענסטע אין דער גאַנצער סביבה.

נעבן דער שול איז געשטאַנען דער גרויסער בית־מדרש און נאָך דריי קלענערע בתי־תפילה.

די שולן און בתי־מדרשים האָבן אין משך פון דורות געדינט אלס לערן און פאַרזאַמלונגס־פלעצער פאַר גרויס און קליין. דאָרט האָט זיך געהערט דער קול תורה און תפילה און יידן האָבן דאָרט אויך געשמועסט וועגן טאָג־טעגליכע ענינים און אפילו ארייַנגעכאַפּט א רכילות'ל. אין שטעטל זיינען געווען יחידים וואָס האָבן געלייענט העברעאישע צייטונגען ווי „המליץ", „המגיד", „הצפירה" א.א. די וואָס האָבן געקענט רוסיש האָבן אויך אַבאָנירט רוסישע צייטונגען. אין די שולן און בתי־מדרשים פלעגן יידן איבערגעבן איינע די אנדערע נייעס פון דער גרויסער יידישער און נישט־יידישער וועלט. גרויסע סוחרים וואָס פלעגן באַזוכן ווייטע שטעט אין רוסלאַנד און דייטשלאַנד, פלעגן זיך אין שול און בית־מדרש טיילן מיט זייערע איינדרוקן מיט דעם רוב יידן וואָס האָבן קיינמאָל נישט פאַרלאָזט די גרעניצן פון שטעטל און נאָענטער סביבה. פאַרשטייט זיך, אז די ווענט פון די שולן און בתי־מדרשים האָבן אויך איינגעזאַפּט פלאַם־פייערדיקע דיסקוסיעס, וואָס יידן האָבן געפירט צווישן זיך אויף פאַרשידענע טעמעס.

עליות און ירידות

פון פאַרשידענע דאָקומענטן איז צו זען, אז דאָס שטעטל האָט געהאַט תקופות פון אויפשטייג און תקופות פון ירידה. געווען צייטן ווען סטאַוויסק האָט פאַרמאָגט פאַרשידענע אינדוסטריעס ווי: שטאָפן, פילץ, פאַרבערייען, גאַרבערייען, גאָזשעלינעס, ביר־ברויערײַ א.א. די אָפטע שריפות וואָס פלעגן אויסברעכן אין שטעטל זיינען געווען דער הויפּט־גורם פון אירע ירידות. אין 1813 האָט א גרויסע שריפה פאַרלענדט כמעט אלע הילצערנע שטיבער, וואָס זיינען געווען דער רוב אין סטאַוויסק. נאָך דער דאָזיקער שריפה איז די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט געוואָרן פון 2775 נפשות אויף קרוב 2000. אויף די חרוב געוואָרענע אינדוסטריעס זיינען מער נישט רעסטאַווירט געוואָרן. עס קען אויך זיין אז דער וואוקס פון די שכנה'שע ישובים האָט זיך אויסגעווירקט אומגינסטיק פאַר דער ענטוויקלונג פון סטאַוויסק. די עמיגראַציע קיין אמעריקע און אנדערע לענדער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט און אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אויך בייגעטראָגן צו דער פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטל.

אין דער באפרייטער פוילן

סטאוויסק האָט נישט פארמאָגט נישט קיין ישיבות און נישט קיין גימנאזיעס. דערפאר זיינען יידישע יוגנטליכע דורשטיקע נאָך בילדונג אוועק אין גרעסערע שטעט וואָס האָבן פארמאָגט יידישע און אלגעמיינע בילדונגס־אנשטאלטן. א שווער לעבן האָבן זיי געהאט אין דער פרעמד. די ישיבה־בחורים פלעגן עסן „טעג״ אויף פרעמדע טישן און נעכטיקן אין ביליקע אכסניות. אויך די גימנאזיסטן האָבן געלעבט אין שווערע באדינגונגען. דער רוב האָט זיך געזען געצוואונגען איבעררייסן דאָס לערנען און זיך אומקערן אין שטעטל צו די אָרימע טאטע־מאמע. דאָס נישט קענען לעשן דעם בילדונגס דורשט האָט ארויסגערופן ביי דער יוגנט א געפיל פון אומצופרידנקייט, וואָס איז טיילווייז געשטילט געוואָרן דורך פארטיי אקטיוויזם און נישט איבערקלייבערישן לייען־דורשט. מען האָט געלייענט ביכער וועגן סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע און ליטעראטור און געפירט דיסקוסיעס וועגן העגעל און מארקס, שפינאָזא און באָראָכאָוו, נישט פארשטייענדיק על פי רוב דאָס געלייענטע. דער פאקט גופא וואָס יוגנטליכע האָבן זיך אָפגעגעבן מיט אזעלכע טעמעס זאָגט עדות וועגן זייער גרויסן וויסן און בילדונגס־דורשט. עס איז דערפאר נישט קיין וואונדער, וואָס די יידישע יוגנט איז פארכאפט געוואָרן פון פארשידענע אידעאָלאָגיעס און איז געווען אקטיוו אין די פארטייען — די טרעגער פון די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס. איין טייל יוגנט איז פארכאפט געוואָרן פון ציוניסטישן געדאנק, אן אנדערער טייל, די מער אומגעדולדיקע, זיינען פארבלענדט געוואָרן פונם פאלשן ליכט וואָס איז אויפגעגאנגען אין רוסלאנד. פיל האָבן זיך פארפלאָנטערט אין די קאָמוניסטישע נעצן אין יאָר 1921 בעת דער באָלשעוויקישער אינוואזיע קיין פוילן.

איך געדענק ווען די באָלשעוויקעס האָבן פארנומען אונזער שטעטל, האָבן זיי אויפגענומען מיט פרייד בעיקר יידישע יוגנטליכע און זיך געשטעלט צו זייער דינסט. אין שפיץ פון „רעווקאָם״ איז געשטאנען גאָלדע דעם מלמד׳ס טאָכטער און הערצקע קאלינסקי. גאָלדע איז געווען א שיין ענערגיש מיידל, און הערצקע, חיים־קדיש׳ס ברודער, האָט אין זיך געהאט עפעס פון א פירער. אין איינעם פון די שלאכטן צווישן דעם פוילישן מיליטער און דער רויטער ארמיי איז געפאלן א רויטער גענעראל. די קאָמוניסטישע אקטיוויסטן פון אונזער שטעטל האָבן אים איינגעאָרדנט א אימפאָזאנטע לוויה. אין דער שפיץ האָבן מארשירט גאָלדע און הערצקע מיט שווארצע פאסן אויף די ארבל, טראָגנדיק רויטע פענער. א קאפעליע האָט געשפילט רעוואָלוציאָנערע מארשן, און מיר קינדער, פארכאפט פון דעם פייערליכן צערעמאָניאל, זיינען מיטגעגאנגען מיט דער לוויה־דעמאָנס־טראציע ביז צום בית־עולם. מיטן צוריקטריט פון דער רויטער ארמיי זיינען אוועק מיט איר די קאָמוניסטישע אקטיוויסטן און אין ראטנפארבאנד זיינען זייערע שפורן פארשוואונדן אויף אייביק.

נאָך דער באָלשעוויסטישער מפלה האָט זיך אָפגעקילט די קאָמוניסטישע התלהבות און דער רוב יוגנטליכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די פארשידענע חלוצישע אָרגאניזאציעס. פיל פון זיי האָבן אויך זוכה געווען עולה צו זיין און זיך אָנגעשלאָסן אָן די בויער פון ארץ־ישראל. די וואָס האָבן נישט געקענט

קריגן קיין סערטיפיקאט האָבן אויסגעוואנדערט וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזן. ווער עס האָט זיך דערשלאָגן אין די פאראייניקטע שטאטן, ווער קיין מערב־אייראָפע, ווער קיין לאטיין־אמעריקע. זיי זיינען פאקטיש די איינציקע סטאוויסקער יידן, וואָס זיינען געבליבן נאָכן חורבן אייראָפע. צוזאמען מיט די ניין לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן זיך על פי נס ארויסגעראטעוועט פון נאצישן גיהינום, טראָגן זיי טיף אין הארצן דעם אָנדענק פון די טויזנטער סטאוויסקער ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען גרויזאם אומגעבראכט געוואָרן דורך די פוילישע שכנים און פארברענט געוואָרן אין די גאז־קאמערן.

זאָלן די שורות דינען אלס באשיידענע מצבה פאר זייער הייליקן אָנדענק.

חמדה

מיין שטעטעלע סטאוויסק

שטייט מיין שטעטעלע אין ווינטער
איינגעבויגן, קאלט און ווייס,
און דאס טייכעלעביים בריקל
א פארגליווערטס פון דעם אייז.

ליגט א שניי א שפאגל־נייער
מיט דער פרישקייט פון דער נאכט,
שפריצט ער ווי מיט פונקען פייער,
בלענדעט ווייסקייט מיט זיין פראכט.

איבער יעדן דאַך און פענסטער
הענגען שטיקער אייז ווי ליכטער,
און פון ווינט עס פינקלען אויגן,
פלאמען אלעמענס געזיכטער.

ווייס־געקאלכטע קליינע הייזלאך
איינגעגראבן טיף אין שניי
און דערנעבן יונגע בוימלאך
שטייען ווייסע אין דער ריי.

מיט זיין פענזל אויסגעמאלט האט
פראָסט אויף יעדער שויב און גלאז
שלאנקע בוימער, לאנגע צווייגן,
צארטע בלומען, ווייכן גראז — —

און ווען ס׳בלאזט א וואַרעם ווינטל
ווערט פארבלאַטיקט ווייסער שניי;
פאלן טראַפּנס פון די דעכער,
ווי דער אומעט טריפן זיי — —

⁂

אין דער גאנצער לענג פון שטעטל
שלייכט אדורך זיך דער שאסיי,
לויפט פארביי דעם בית-הקברות
און זעצט פאָר דעם וועג אזוי.

אויף די פרייע ברייטע פעלדער
ליגט דער שניי נאָך אומבאריערט,
בלאנקט און בליצלט ווי א טעפיך
פול מיט שטערנדלאך באצירט.

איינגעהילט ווי אין א קיטל
און פארשטיינערט שטיל און קאלט,
טיף געזונקען אין א חלום
ווי פאר׳כישופ׳ט — שטייט דער וואלד.

קוקט לבנה׳ס צארטע בלאסקייט
דורך געדיכטעניש פון צווייגן,
פאלט איר אומעטיקער שמייכל
אין דעם סודות׳דיקן שווייגן.

זינגט א לידל ווער פון ווייטן,
ציט א ניגון ווער אין טאָל
און פארגייט אין שטילן בענקען,
וועקט חלומות פון אמאָל — —

⁂

ווי נאר פרילינג איז געקומען
איז אוועק דאס שווער געמיט.
האבן קנאספן זיך צעעפנט,
בוימער, בלומען זיך צעבליט

און צעוואקסן די אלייען;
האבן פעלדער ברייט און ווייט

מיט א גרינעם ווייכן סאמעט
ווי צום יום־טוב זיך באנייט.

אין דעם וואלד מיט פרישע דופטן
האבן בוימער זיך צעשפרייט,
גרינע גרעזלאך ביי די שטעגן
האט א צויבער־האנט פארזייט.

האָט די יוגנט זיך געצויגן
צו דעם וואלד מיט א געדראנג,
האָט ארום געהילכט איר לאכן
און געקלונגען איר געזאנג.

זיינען יארן שטיל געפלאָסן
ווי דאָס טייכעלע אין טאָל
און געוועבט א יידיש לעבן
אין מיין שטעטעלע אמאָל — —

***

אמאל? נישט לאנג איז דאס געוועזן,
און דער מארק און דער שאסיי
און די שמאָלע לאנגע געסלאך —
יידיש היימיש זיינען זיי.

יידיש איז די פיין, דער צער,
און די דחקות און די נויט;
שלינגט מען יידיש־הייסע טרערן
מיטן אָרים ביסן ברויט;

יידיש זיינען די יסורים,
שטילער אומעט און געוויין;
יידיש איז דא יעדע שמחה,
האַרציק היימיש, מלא חן.

אָט קומט אָן דער שבת־קודש
— גאָטס מתנה ליב און טייער —
איבער ליכט עם בענטשן מאמעס,
שיינט פון זיי א הייליק פייער.

שעפטשען מאמעס בלייכע ליפן
פון דעם הארצן שטיל א תפילה:
„שיק אונז, גאָט, דיין גוטן מלאך
און פארלאז אונז נישט, חלילה — —"

***

אין די ווייטע האריזאנטן
איז די זון נארוואס פארגאנגען.
גייען טאטעס מיט די קינדער
שבת־מלכה צו עמפפאנגען

אין דער שול און אין בית־מדרש —
די צוויי הייליקע בנינים
מיט די „שטיבלעך" וואו עס פלעגן
דאווענען גאנץ פרי מניינים —

ווער־זשע וועט זיי נישט געדענקען
— כאטש פיל יארן איז אריבער —
ווי אין שטילן הינטערגעסל
שטייען זיי זיך קעגנאיבער?

וויפל האט מען פרייד און טרערן
צווישן זייערע ווענט געשלונגען,
און ניגונים פול מיט דביקות
שבת־יום־טוב׳דיק געזונגען;

פון די אותיות פון די קליינע —
וויפל כוחות און מאָראַל
האט עס דור נאך דור געשעפט
אזוי ווי פון א טיפן קוואל;

פון „כל נדרי", „ונתנה" —
ווער פארגעסן קען דעם ציטער
וואס באהערשט האט די מתפללים
און צעטרייסלט די געמיטער;

זיך געשלאגן „על חטאים"
נישט באגאנגענע אפילו
און געבעטן: „שמע קולנו"
און „באוויליק אונזער תפילה" — —

ועד הקהילה



עומדים (מימין לשמאל): שמש בית־הכנסת: מאיר לב; חיים־קדיש קולינסקי; יצחק אינדורסקי; ישראל־אלי שפירא; חנא יעליניביץ;
יושבים (מימין לשמאל): מאיר־ינקל קופלוביץ; אימיול; הרב וסרמן; משה־זאב ברמזון; הילד — בן הרב וסרמן. בחלון: ישראל׳קה מאָרוס, קיווייקו.

אגודת־עזרה לפליטים במלחמת העולם הראשונה מטעם הסתדרות ,,התחיה״
הילפס־פאראיין פאר פליטים אין סטאוויסק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה



עומדים (מימין לשמאל): שרה׳קה שמעונוביץ (ניספתה); חיים־לייבל לוינוביץ (חי בארה״ב); מליטה סלוצקה (ניספתה); משה גואלמן ז״ל; שרה רמיגולסקי (ניספתה); איצ׳קובסקי (ניספה).
יושבים: שרה מונדנשטיין לבית מאָרוס, יוסלה מונדנשטיין (שניהם בארה״ב).

תלמוד תורה בסטביסק



התלמידים ומוריהם (באמצע הרב וסרמן)
די תלמידים און די לערער (אינדערמיט זיצט הרב וואסערמאן)

און געווארט מיט טיפן בענקען
שופר של משיח הערן
און די דורות־לאנגע האפנונג
זאל אָט־אָט מקויים ווערן — —

*
* *

ביי צעעפנט־ברייטע ספרים
האבן זיך ביינאכט צעוויגן
אין בית־מדרש די למדנים
מיט א זיסן גמרא־ניגון

און גע׳פלפול׳ט זיך מיט חריפות
איבער פוסקים און משניות
און געבראכט פון דורות גאונים
בערג פירושים און ראיות;

פלעגן קינדער אין „חדרים"
זיצן פון גאנץ פרי און לערנען,
און ביינאכט אהיים געגאנגען
פארן שיין פון ליכט־לאמטערנען.

ווער ס׳האט א־ב גע׳חזר׳ט
און ווער חומש, פירוש רש"י;
פלעגן בחורים זיך פארזינקען
אין א טיפער הארבער קשיא,

און א שווערע בלאט גמרא
פלעגן לערנען מיט התמדה
און געשליפן זיך די מוחות
אין הלכה און אגדה;

פרוכת׳ן צום ארון־קודש,
מענטעלאך פאר ספרי־תורה —
האבן יידיש־צארטע טעכטער
אויסגענייט פון שענסטער סחורה.

איז דאס אלץ אמאל געוועזן,
אין די קינדער־יוגנט יארן;
היינט — ווי — זיינען בלויזע חורבות
פון מיין יידיש היים געווארן.

ווען דער שוחט האָט גע׳שוחט׳ן
אלט און יונג, און קינד אין וויגן —
האָט די וועלט און גאָטס־פּארטרעטער
פרום־אכזריות׳דיק געשוויגן — — —

איבער צאפּלדיקע קערפּערס
אין קאלוזשעס בלוט און שטויב —
האבן באנדעס זיך צעהוליעט,
איינגעטיילט זיך מיטן רויב

און באזעצט זיך אין די הייזער
— „יורשים" פון מיין יידיש שטעטל.
וואו דער קבר פון די קדושים?
וואו א צייכן? וואו א ברעטל?

ס׳איז קיין זכר נישט געבליבן
פון געפירט צו דער עקדה,
פון געפייניקטע, דערשטיקטע —
פון א גאנצער יידיש עדה.

בעלי־בתים, ראשי־קהל,
פרומע ווייבער מיט פּארוקן;
בעלי־עגלה׳ס, שמידן, טרעגערס,
הארעפּאשנע קרומע רוקן;

און פארשווארצטע בעלי־מלאכות
פון די קליינע הינטער־געסלאך;
חברה־תהלים, חדר־יינגלאך
און פאר׳חלומטע בעלי־בית׳לאך;

און א רב מיט די כלי־קודש;
און א מנין הייסע חסידים
(האבן אין מתנגדים־שטעטל
אויסגעזען ווי בני־יחידים);

און עסקנים, תלמודיסטן,
און פרשנים פון מארקסיזם;
און א מחנה העברעאיסטן
אויסגעווייקט אין ציוניזם;

און די ייִדן־יונגע־לייטלעך,
צניעות'דיקע פרויען, טעכטער,
אומשולדיקע קליינע קינדער —
ווייסט איין גאָט נאָר דער גערעכטער

ווי עס האט זיין גרויזאם צאָרן
— פאר דעם גרעסטן זינד, אַפּנים,
שטאָלץ דעם נאָמען ייד צו טראָגן —
אייך געשליידערט פאַר תלינים — —

***

ס'האט די זון געשיינט ווי שטענדיק
און געגאנגען זיך איר וועג,
ווען ס'איז יידיש בלוט געפלאסן
אזוי ווי טייכן אן א ברעג;

נישט געשפאלטן זיך די הימלען
פון מאַרטירערס פיין און וויי;
ס'האט פון הויכן כס־הכבוד
נישט געדונערט זיין געשריי,

נישט צעשמעטערט קעפּ פון רוצחים
— „שליחי־מצוה" פון זיין צאָרן —
הענקער פון זיין פאלק ישראל
דור נאך דור זייט לאנגע יארן.

נישט פארלאשן זיך די שטערן
אין דער שוידערליכער נאַכט,
ווען מ'האט מיין יידיש שטעטל
אין יסורים אומגעבראכט — —

חיה קולינסקי ז"ל

עיר מולדתי בעבר ובהווה*)

עיירתי סטביסק רחוקה 21 ק"מ מלומז'ה. סטביסק היא עיירה שקטה ונקיה, מוקפת יערות, הרים, בריכות ונחלים. אוכלוסייתה מועטה: בס"ה חיות בה 592 משפחות, מהן 332 משפחות יהודים ו־260 נוצרים. 35 כפרים סובבים את העיירה והם כמעט ריקים מיהודים.



באמצע השוק המרובע ניצבת מצבת־זכרון, שהוקמה לכבוד שחרורה של פולין בשנת 1918. בעיבורו של השוק עומדים כנסיה ומנזר, שנבנו בשנת 1697 ע"י הרוזן פרדינגד זאמויסקי. לא רחוק מן הכנסיה נבנו בשנת 1781 שורת חנויות (השייכות לקהילה היהודית) ע"י הבנאי צבי גנידא. בטבורה של העיירה עובר כביש. בדרך המובילה ללומז'ה נמצא יער עבות, ובו אבן גדולה, שציורה

---

*) רשימה זו הודפסה בשבועון העברי „בדרך", ב־כ' בטבת תרצ"ח — 24 בדצמבר 1937. השבועון הופיע בוארשה בעריכתו של א. ל. יעקובוביץ. יש מקום לשער, שאת החומר ההיסטורי על סטביסק שאבה חיה קולינסקי ז"ל מתוך פנקס הקהילה והחברה־קדישא.

להקים הקיסר הרוסי אלכסנדר הראשון בדרכו מפטרבורג לורשה. הכביש נקרא „כביש ורשה—פטרבורג".

אין נתונים מדוייקים בדבר המועד בו נוסדה העיירה ולראשית התיישבות היהודים בה. יש אומרים שסטביסק היא עיירה עתיקה מאוד. החומה העתיקה ביותר בעיירה היא כבת 170 שנה. בבית־הקברות הסטביסקאי הובאו לפנים לקבורה גם יהודים מישובים סמוכים. המצבה העתיקה ביותר היא בת 200 שנה.

בניית בית־הכנסת נגמרה בשנת תקע"ג (1813). אבנים לבנין נדב איש נוצרי, מצאצאיו של בעל האחוזה דהאידנא קישלניצקי. זקני הדור סיפרו, שהיסוד של בית־הכנסת היה כה רחב ומוצק, שהנדבן קישלניצקי נסע עליו במרכבתו רתומה לסוסים. בית־המדרש נבנה לפני 85 שנה. על־יד בית־המדרש נמצא מַעין המפכה מים חיים וקרים, אותו גילו הגרמנים בשנת 1915. מי המעין זורמים בלי הרף, אך הנביעה הולכת ומתמעטת.

החברות הדתיות בעיירה הן: חברת „משניות", פועלי־צדק, פירוש־מלים, הכנסת־אורחים, חברת ק"ס (קוני ספרים), חברת חצות, חברה קדישא וחברת תהלים. חברת תהלים מתקיימת כבר 150 שנה, והחברה קדישא — 300 שנה. כן קיימים מוסדות צדקה כגון: גמילות־חסדים, ביקור־חולים, לחם־לעניים.

לפני המלחמה (מלחמת העולם הראשונה) שגשג בעיירה המסחר, ביחוד בסחורות מיועדות ליצוא לחו"ל, כגון: חליפות, פרוות, מטפחות־משי, וילונות, בדים, וכן כל מיני תבואה, עצים, בעלי כנף וכו'. בסטביסק היתה קיימת גם תעשיה זעירה — עיבוד עורות, ייצור גפרורים, בירה, נרות, שמן, סבון, יין, חומץ, גזוז ועוד. יהודי סטביסק ידם היתה פתוחה ולא חסכו בהוצאות בעיקר לחינוך ילדיהם והשכלתם. אפילו בני דלת־העם מכרו את הכר שלמראשותיהם ושילמו שכר לימוד. וכשהבן סיים את חוק לימודיו ב„חדר", שלחוהו ההורים ללמוד תורה ב„ישיבה". ואכן על בני סטביסק נמנים הרבה גדולי־תורה, רבנים וצדיקים.

רבים מצדיקי הדור ישנים שנת עולם בבית־הקברות הסטביסקאי, ביניהם הרב הגאון ר' אברהם בר' דב; הרב הגאון ר' פישעלע; הרב הגאון ר' אריה רקובסקי; הרב הגאון ר' מאיר נח; הרב הגאון סוקולובר; הרב הגאון הצדיק והחסיד ר' חיים אריה בר' אהרון יוסף מישקובסקי; הרב הגאון רוטנברג; הרב הגאון ר' יהושע לאנג; הרב הגאון ר' אריה דבורצקי. לפני מלחמת העולם הראשונה ובשנות המלחמה כיהן כרב דמתא הרב הגאון ר' בנימין רמיגולסקי, ואחריו הרב הגאון ר' ראובן כ"ץ, בעל הספר „דגל ראובן". הרב ר' ראובן כ"ץ חי זמן מסויים בארה"ב וכעת מכהן הוא כרב הראשי בפתח־תקוה.

עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה ירדו פלאים המסחר והתעשיה בעיירה. יהודים רבים שנמנו עם העשירים והאמידים ירדו מנכסיהם. חיסול סחר־החוץ ערער את קיומן של הרבה משפחות, שעליו עמדה פרנסתן. עם כניסת הגרמנים בשנת 1915 הוטב קצת המצב, שכן המסחר בביצים, עופות, חמאה וסוכר קם לתחיה; מאידך גיסא הורע מאוד מצב המשפחות שראשיהן היו באמריקה, ומחמת שיבושן של נתיבות הימים נפסקה התמיכה החדשית שהיו מקבלים לפני כן. משפחות אלה רב היה סבלן והן מצאו את מחיתן בזה שאספו גרעינים ותפוחי־

אדמה בשדות. הנשים עשו כל עבודה להביא פת־קיבר לילדיהן. רק כעבור זמן התחילו לקבל סכומים לא גדולים באמצעות „אגודת העזרה של יהודי גרמניה". עם תום המלחמה הצטרפו לבעליהן באמריקה.

בשנות 1915—16 שבו לעיירה רבים מהבחורים שלמדו ב„ישיבות", שבחלקם היו מורים ומדריכים. אחדים מהם הצטיינו כנואמים מצויינים. כולם ידעו את השפה העברית והיו נאמנים לרעיון הציוני, שהיכה שרשים עמוקים ברחוב היהודי ועורר את העיירה מתרדמתה שבה היתה שקועה. בחורים אלה הקימו את אגודת „התחיה" וקיימו בין כתליה שיעורי־ערב ללימוד השפה העברית, קורות ימי עמנו, תנ"ך וכו'.

ליד „התחיה" נוסדה ספריה ומדי חודש נרכשו ספרים חדשים. בערבי־שבת התקיימו אסיפות, ניתנו הרצאות על נושאים שעמדו אז ברום העולם של העם היהודי. הנוער קרא הרבה, הגה ולמד. כל מאורע שהתרחש אז בחיי היהודים נדון והוסבר בין כתלי „התחיה". לימים נתפסו אחדים ממיסדי „התחיה" לרעיונות אנטי־ציוניים, עזבו את האגודה הציונית ואירגנו אגודות ברוחה של מפלגת ה„בונד". שני הסקטורים, הציונים והבונדאים, ערכו ערבי־ויכוחים בהם ביקש כל צד להוכיח את אמיתות האידיאולוגיה שלו. בשנות העשרים התחיל לצאת הנוער של האירגונים הציוניים למקומות הכשרה ורבים מהם עלו לארץ.

בשנות המלחמה התרוששה העיירה מבחינה כלכלית, גם דמנו נשפך בקרבות שהתנהלו בפרבר העיירה בדרך ללומז'ה. מטר פגזי תותחים ניתך על העיירה. אחדים מהם הגיעו עד לטבורה של העיר. ליד בית־המדרש נהרגה האשה לבקוביץ, בלכתה להביא אוכל לבנה אשר למד ב„חדר". בקרבת היער נורתה למוות האשה הניה אפשטין. חיינו היו בסכנה. מאמינים אמרו, שבזכות הצדיקים ששוכנים מנוחת עולמים בסטביסק ניצלה העיירה מחורבן גמור. בדרך ללומז'ה ישנם קברי־אחים של חיילים שנפלו במקום הזה במלחמת העולם הראשונה, ועליהם כתובות: „פה נפלו 100 רוסים"; „פה נפלו 30 גרמנים" וכו'.

העיירה שלנו יצאו לה מוניטין באנשי מעלה שיצאו מתוכה, כגון: סופרים, רופאים, רבנים, מורים, עורכי־דין, אמנים ובעלי־מופתים. המפורסמים הם: בעל המופת ר' קדיש הזקן, ר' משקה חייעוו הבעל שם, השחמטיסט המפורסם עקיבא רובינשטיין, הסופרים יעקובוביץ ומאיר רבינוביץ, זליג בז'וסטוביצקי שחי בבלגיה, ד"ר קופל ליברמן שחיבר ביידיש את הספר „תולדות היהודים בבלגיה", חיים גרענט (בז'וסטוביצקי) שחי באמריקה, והפסל ברנדנבורג, שהתפרסם בפסלו „הנביא".

בשנים האחרונות, תחת הממשל האנטישמי בפולין, ירדו פלאים המסחר והתעשיה. הרבה חנויות יהודיות נסגרו ובמקומן נפתחו חנויות של פולנים. זרם ההגירה סחף את טובי הנוער. באין תעסוקה התרוקנה העיירה ממיטב בניה. בשנים קודמות היו „ימי השוק" שוקקים חיים. איכרי הסביבה הביאו לעיירה את תוצרתם החקלאית ורבו המכירות והקניות, ואילו עתה לא נשאר כמעט סימן מהחיים השוקקים הללו. האיכרים קונים בחנויותיהם של הנוצרים, האנטישמיות מתפשטת והולכת מיום ליום ואותותיה ניכרים בכל. הרוכל היהודי, שהביא עד כה את לחמו בסובבו בכפרים עם מרכולתו, שוב אינו יכול לצאת לכפרים מחמת

הסכנה האורבת לחייו. אשתקד הניחו בריונים פצצה בבנין היהודי שע״י הכנסיה, ורבה החרדה. הנוער גדל ללא תורה וללא השכלה. היאוש אוכל בכל פה, כי אין עתיד. הכל גווע, מקורות הפרנסה של יהודי סטביסק נצטמקו במידה מדהימה והרבה משפחות נידונו ממש לחרפת רעב.

סטביסק, דצמבר 1937

חיה קאַלינסקי ז״ל

מיין געבורט־שטעטל אַמאָל און היינט*)

מיין שטעטל סטאַוויסק געפינט זיך 21 קילאָמעטער פון לאָמזשע. סטאַוויסק איז א רואיק ריין שטעטל, ארומגערינגלט מיט וועלדער, בערג, סאַזשעלקעס און טייכלאַך. קליין איז איר באַפעלקערונג, בסך הכל 592 משפחות, פון זיי 332 יידישע און 260 קריסטליכע. 35 דערפער נעמען ארום דאס שטעטל און זיי זיינען כמעט אלע יידנריין.

דער מארק איז פירעקיג. אינמיטן מארק שטייט א מאָנומענט לכבוד פוילנס נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין יאר 1918. אין איין זייט פון מארק געפינט זיך דער קלויסטער און א מאַנאַסטיר אויפגעבויט דורכן גראף פערדינאַנד זאַמאָיסקי אין יאר 1697. נישט ווייט פונעם קלויסטער זיינען אויסגעבויט געוואָרן דורך דער יידישער קהילה א שורה קלייטן. דער בוימייסטער איז געווען צבי גניידא. אין צענטער פון סטאַוויסק שניידט דורך דער שאסיי, וואס פירט קיין לאָמזשע. אויפן וועג געפינט זיך א געדיכטער וואַלד. ווען דער רוסישער קייסער אלעק־סאנדער דער ערשטער איז דארט דורכגעפאָרן פון פעטערבורג קיין ווארשע, האט ער אלס אנדענק געהייסן אויפשטעלן א גרויסן שטיין. דער שאסיי טראָגט דעם נאָמען „ווארשע־פעטערבורג שאסיי״.

וועגן דער צייט וואס דאס שטעטל איז געגרינדעט געוואָרן און ווען יידן האָבן זיך אָנגעפאַנגען אין איר באַזעצן, זיינען נישטא פאַראַן קיין גענויע דאַטן. ס׳איז פאַראַן א סברה, אז סטאַוויסק איז גאר אן אלטע שטעטל. די עלטסטע מויער שטייט בערך 170 יאָר. עס איז באַוואוסט, אז אויפן סטאַוויסקער בית־הקברות פלעגט מען ברענגען צו קבר־ישראל יידן פון די ארומיקע ישובים. די עלטסטע מצבה איז אלט 200 יאר.

די שול האָט מען פאַרענדיקט בויען אין יאר תקע״ג (1813). בוי־שטיינער

*) די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ איז דערשינען אין דער העברעאישער וואָכנשריפט „בדרך״ דעם 24־טן דעצעמבער 1937. די וואָכנשריפט איז ארויסגעגאנגען אין ווארשע אונטער דער רעדאַקציע פון א. ל. יאַקובאָוויטש.

און ציגל האט מנדב געווען א קריסט, אן אפשטאמיקער פונם היינטיקן גוט־באזיצער קישעלניצקי. זקנים דערציילן אז דער פונדאמענט פון שול איז געווען אזוי ברייט און מאסיוו, אז דער נדבן קישעלניצקי איז איבער אים געפארן מיט א קארעטע געשפאנט צו עטליכע פערד. דער בית־המדרש איז אלט 85 יאר. נעבן בית־מדרש פליסט א קוואל מיט פרישע קאלטע וואסער. דעם קוואל האבן אנטדעקט די דייטשן אין יאר 1915. דער קוואל שפרודלט אן אויפהער, אָבער זיין קוועלונג ווערט מיט יעדן יאָר שוואכער.

די רעליגיעזע חברות אין שטעטל זיינען פאלגענדע: חברה משניות, פועלי־צדק, פירוש־מלים, הכנסת אורחים, חברה ק״ס (קוני ספרים — ספרים קויפער), חברה חצות, חברה קדישא און חברה תהלים. די חברה תהילים עקזיסטירט שוין 150 יאר און די חברה קדישא 300 יאר. אחוץ די אויבענדערמאנטע חברות זיינען אויך פאראן אין סטאוויסק פילאנטראפישע אינסטיטוציעס ווי גמילות־חסדים, ביקור־חולים און לחם לעניים.

פאר דער ערשטער וועלט מלחמה האָט אין סטאוויסק געבליט דער מסחר, איבערהויפט מיט סחורות וואס זיינען געווען באשטימט פאר עקספאָרט ווי: אנצוגן, פוטערוואַרג, זיידענע טיכלאך, פאַרהאנגען, שטאָפן, תבואות, געהילץ און געפליגל. סטאוויסק האט אויך פאַרמאָגט א קליין אינדוסטריע ווי: גארבעריי, שוועבעלאך, ביר, ליכט, בוימל, זייף, וויין, עסיק, סאדע־וואסער א.א. סטאוויסקער יידן האבן געהאט א אפענע האנט און בעיקר זיינען זיי געווען ברייטהארציק ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן געבן א גוטע דערציאונג זייערע קינדער. אפילו די ארימסטע פלעגן פארזעצן די קישנס אויף צו באצאלן שכר־לימוד. און אז דאס יינגל איז גרעסער געווארן און דאס לערנען אין „חדר״ איז שוין פאר אים נישט גענוג געווען, פלעגן אים די עלטערן אוועקשיקן אין דער פרעמד לערנען אין א ישיבה. נישט אומזיסט האט סטאוויסק ארויסגעגעבן פיל לומדים, בני תורה, רבנים און צדיקים.

אסך פון די סטאוויסקער צדיקים רוען אויפן ארטיקן בית־עולם, צווישן זיי דער רב הגאון ר׳ אברהם בר׳ דב; הרב הגאון ר׳ פישעלע; דער רב הגאון ר׳ אריה ראקאָווסקי; הרב הגאון ר׳ מאיר נח; הרב הגאון סאָקאָלאָווער; הרב הגאון, צדיק און חסיד ר׳ חיים אריה בר׳ אהרון יוסף מישקאָווסקי; הרב הגאון ראָטענבערג; הרב הגאון ר׳ יהושע לאנג און הרב הגאון ר׳ אריה דוואָרעצקי. פאר דער ערשטער וועלט מלחמה און בעת דער מלחמה איז געזעסן אופן כסא הרבנות אין סטאוויסק דער רב הגאון ר׳ בנימין רעמיגאָלסקי, און נאָך אים הרב הגאון ר׳ ראובן כ״ץ, דער מחבר פונם ספר „דגל ראובן״. דער רב ר׳ ראובן כ״ץ האָט א געוויסע צייט געלעבט אין די פאראייניקטע שטאַטן און יעצט פארנעמט ער דעם אַמט אלס רב ראשי אין פתח־תקוה, ארץ־ישראל.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז שטארק געפאלן דער מסחר און די אינדוסטריע אין שטעטל. פיל יידן וואס האבן זיך פריער גערעכנט צווישן די רייכע און פארמעגליכע זיינען אינגאנצן פאראָרימט געווארן. דער אָפשטעל פונם מסחר מיט אויסלאנד האָט רואינירט אסך משפחות, וואס זייער פרנסה איז געווען געבויט אויף עקספּאָרט. אין יאָר 1915, מיטן אנקום פון

די דייטשן, האָט זיך דער מצב אביסל פארבעסערט. יידן האָבן אנגעהויבן צוריק האנדעלן מיט אייער, עופות, פוטער און צוקער. פון דער אנדערער זייט אָבער איז שטארק פארערגערט געוואָרן די לאגע פון די משפחות, וואס זייערע מענער זיינען געוועזן אין אמעריקע און עס האָט נישט געקענט אנקומען זייער מאָנאטליכע שטיצע. די דאָזיקע משפחות האבן שטארק געליטן. די פרויען האָבן שווער געהארעוועט אויף צו ברענגען א שטיקל ראזעווע ברויט פאר זייערע קינדער, זיי פלעגן אויך ארויסגיין אין די פעלדער קלויבן קערנער און קאַרטאָפל. ערשט מיט א געוויסער צייט שפעטער האבן זיי באקומען א קליינע געלט־שטיצע פונם „דייטש־יידישן הילפס פאריין". ווען די מלחמה האָט זיך פארענדיקט, האבן זיי זיך פאַראייניקט מיט זייערע מענער און עלטערן אין אמעריקע.

אין די יאָרן 16—1915 האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל אסך בחורים וואָס האָבן געלערנט אין „ישיבות". אלע האָבן געקענט העברעאיש און א טייל פון זיי האבן זיך אויך אויסגעצייכנט אלס רעדנער. זייענדיק דורכגעדרונגען פונעם ציוניסטישן געדאנק, האבן זיי אָרגאניזירט דעם פאריין „התחיה", וואו זיי האבן געלערנט דער יוגנט העברעאיש, תנ"ך, יידישע געשיכטע און בכלל געהאָלפן פארטיפן אין שטעטל דעם נאציאָנאל־ציוניסטישן געדאנק.

אין לאקאל פון „התחיה" האט זיך געגרינדעט א ביבליאטעק און יעדן חודש פלעגט מען צוקויפן נייע ביכער. אין די פרייטיק־צונאכטסן זיינען פאַר־געקומען פארזאמלונגען, וואו עס זיינען געהאלטן געווארן רעפעראטן אויף פארשידענע יידישע טעמעס. די סטאוויסקער יידישע יוגנט האָט אסך געלייענט און געלערנט און יעדע געשעעניש וואס אין פארגעקומען אין דער יידישער וועלט איז באהאנדלט געווארן צווישן די ווענט פון „התחיה". מיט דער צייט זיינען אייניקע גרינדער פון „התחיה" פארכאפט געווארן פון אנטיציוניסטישע אידייען און געגרינדעט אין שטעטל א בונדיסטישן פאריין. ציוניסטן און בונדיסטן פלעגן פירן אפטע דיסקוסיעס, וואו יעדער צד האט געזוכט איבער־צייגן דעם אנדערן אין דער ריכטיקייט פון זיין אידיי. אין די צוואנציקער יאָרן האבן מיטגלידער פון די ציוניסטישע גרופירונגען אנגעפאנגען ארויספארן אויף הכשרה און פיל פון זיי האבן טאקע עולה געוועזן.

אין די מלחמה יאָרן איז דאס שטעטל שטארק פאראָרימט געוואָרן. אויך יידיש בלוט איז פארגאָסן געוואָרן אין די קאמפן וואָס זיינען פאָרגעקומען אויפן וועג קיין לאמזשע. א האָגל פון קאַנאָנען שראַפּנעלן האט זיך אַראָפּגעלאזט אויפן שטעטל. נעבן בית־המדרש איז גע'הרג'עט געווארן פון א שראפנעל די פרוי לעווקאָוויטש טראָגנדיק עסן פאר איר זון וואָס האָט געלערנט אין „חדר". נישט ווייט פון וואלד איז דערשאסן געווארן די פרוי העניע עפשטיין. אונזער לעבן איז געוועזן אין סכנה. פרומע האָבן געזאָגט, אז אין זכות פון די צדיקים וואָס זיינען געקומען צו אייביקער רו אויפן סטאוויסקער בית־עולם איז די שטעטל ניצל געווארן. אויפן וועג קיין לאמזשע איז פאראן א ברודער־קבר פון סאלדאטן, וואס זיינען דארט געפאלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויפן קבר זיינען פאראן אויפשריפטן: „דא זיינען געפאלן 100 רוסן". „דא זיינען געפאלן 30 דייטשן" א.א.וו.

אונזער שטעטל איז בארימט אדאנק די פיל פערזענליכקייטן וואָס זי האָט ארויסגעגעבן, צווישן זיי שרייבער, דאקטוירים, רבנים, לערער, אדוואקאטן, קינסטלער און בעלי־מופתים. די בארימטסטע צווישן זיי זיינען: דער אלטער ר׳ קדיש, ר׳ משה׳קע כאיעוו, דער בעל־שם, דער בארימטער שאך־מייסטער עקיבא רובינשטיין, די שרייבער יאקובאָוויטש און מאיר ראבינאָוויטש, זעליג בזשאָסטאָוויעצקי וואס לעבט אין בעלגיע, ד״ר קאָפּל ליבערמאן וואס האָט אָנגעשריבן א בוך אויף יידיש „וועגן דער געשיכטע פון יידן אין בעלגיע״, חיים גרענט (בזשאסטאוויעצקי) וואס וואוינט אין אמריקע, און דער סקולפטאר בראנדענבורג וואס איז בארימט געווארן אדאנק זיין סטאטוע „דער נביא״.



דער סקולפּטאָר יוסף בראנדענבורג
הפסל יוסף ברנדנבורג

אין די לעצטע יארן, אונטער דער פוילישער הערשאפט, איז שטארק פאר־ערגערט געוואָרן די עקאָנאָמישע לאגע פון סטאוויסקער יידן. אסך יידישע קראמען האבן זיך געשלאסן און אויף זייער ארט האבן זיך געעפנט פוילישע קלייטן. די בעסטע יוגנט האט געמוזט עמיגרירן. נישט קענענדיק פארזארגן אירע יידישע איינוואוינער מיט פרנסה, האבן פיל פון זיי פארלאזן דאס שטעטל. אמאָליקע יאָרן פלעגן די „מארק־טעג״ ברויזן מיט לעבן. די פויערן פון דער סביבה פלעגן ברענגען אין שטעטל זייער פּראדוקציע און איינקויפן ביי די יידישע קרעמער אלץ וואס זיי האבן באדארפט. יעצט איז פון דעם אלעמען כמעט גארנישט געבליבן. די פויערן קויפן אין די קריסטליכע געשעפטן, דער אנטי־סעמיטיזם שטארקט זיך פון טאג צו טאג און ווירקט זיך אויס אויף אלע געביטן.

דער יידישער פעדלער, וואָס פלעגט ציען זיין חיונה פון דאָרף, קען נישט ארויס־גיין אין די דערפער מיט זיין סחורה, מחמת דאס איז היינט פארבונדן מיט סכנת־נפשות. פאראיאָרן האָבן כוליגאנעס אונטערגעגלייגט א באָמבע אין א יידיש הויז נישט ווייט פון קלויסטער. גרויס איז די מורא און אומזיכערקייט. די יוגנט וואַקסט אָן תורה און אָן בילדונג. דער יאוש ווערט גרעסער פון טאג צו טאג. דאָס יידישע שטעטל אין פוילן האט נישט קיין צוקונפט. אַלץ גייט אונטער. די פרנסה־קוואלן פון די סטאַוויסקער יידן זיינען כמעט ווי אויסגעטריקנט און אסך משפחות זיינען ממש פארמשפט צו הונגער־נויט.

סטאַוויסק, דעצעמבער 1937.

זלדה אדלשטיין

בדרכי אבות*)

סבא ר׳ קלמן־איצ׳לה וסבתא אסתר־קיילה

בעיירה סטביסק, שהיתה ידועה ברבניה, צדיקיה וגאוניה, חי לפני כמאה וחמישים שנה מלמד תינוקות, תלמיד חכם, איש ישר ונעים הליכות — ר׳ קלמן־איצ׳לה. זוגתו, אסתר־קיילה, היתה אשת חיל ומוצאה ממשפחה של אדמו״רים מהעיר וישיגרוד, הסמוכה לורשה.

כנהוג בימים ההם אצל בני תורה, היה האיש יושב אוהל על התורה ועל העבודה, והאשה היתה המפרנסת ומכלכלת הבית. אסתר־קיילה הצטיינה גם במסחר, גם במלאכות היאות לאשה, כגון: תפירה, רקמה וסריגה. עיקר עיסוקה היה עשיית כיסויי ראש לנשים נשואות. גדולה היתה מומחיותה בעשיית כובעי נשים גם לימי חול, גם לשבתות וחגים. אם לימי חול היו כיסויי הראש עשויים מבד פשוט, הרי לשבתות ולחגים התקינה אותם מקטיפה וממשי, לפעמים מקושטים בפרחים ססגוניים ובשנצים שונים. לכיסויי הראש הללו היה שם מיוחד — צ׳יפיק. לימים נוראים עשתה אסתר קיילה צ׳יפיקים מבד לבן, כמו שנאמר: „אם יהיו חטאיכם כשני כשלג ילבינו״.

ולא רק צ׳יפיקים עשתה אסתר קיילה, היא תפרה גם כובעי ילדים, רקמה סינרים לגבירות וחולצות־לידה.

ככיסויי הראש כך הסינרים. הסינרים לימי חול היו עשויים מבד פשוט, ואילו סינרי שבת ויום־טוב היו עשויים ממשי שחור, רקום בקצותיו בחוט משי צבעוני, הכל לפי טעמה של הלקוחה.

לר׳ קלמן־איצ׳לה ולאסתר־קיילה נולדו שתי בנות ובן בשם עקיבא. הבנות, הבכירה ליבה והצעירה מלכה, למדו מאמן, מלבד מידותיה הטובות, גם את

---

*) פרקים מתוך עבודה גדולה יותר של המחברת.

מלאכת התפירה והרקמה ועבדו בשקידה ובחריצות, עד אשר יכלה אסתר־קיילה למסור לידן האמונות את המלאכה, והיא עצמה הקדישה את רוב זמנה למסחר, שכן למרות העבודה הרבה של האם ובנותיה התפרנסה המשפחה בדוחק. ומשנתפנתה אסתר־קיילה מהתפירה והרקמה, ארזה את הסחורה — מעשה ידיה ובנותיה, נסעה אל ה„ירידים״, בהם מכרה את מרכולתה והיו הרווחים לעזר לכלכלת הבית.

ר׳ קלמן־איצ׳לה לא עשה את מלאכת הקודש שלו רמיה, ולתלמידיו, שהיו מן הבנים המובחרים שבעיירה, הרביץ תורה במסירות ובאמונה, ורבים מהם נתפרסמו לימים כלמדנים וגדולים בתורה. ערב, ערב, משסיים ר׳ קלמן־איצ׳לה את תלמודו עם תלמידיו, מיהר לבית־המדרש ללמוד „לעצמו״ בצוותא עם חבר. בהיותם שניהם בקיאים וחריפים, למדו בעיון רב ולפעמים התעמקו בסוגיה עד שעה מאוחרת בלילה.

אסתר־קיילה המתינה בסבלנות לבעלה, עד שיבוא מביהמ״ד, כדי להגיש לו תבשיל חם, ואם לא המשיך להרהר בסוגיה בה עסק עם חברו, היתה לוקחת דברים עמו בעניני הבית, אם כי מעולם לא לקח חלק פעיל בניהול הבית, עניני פרנסה וצער גידול בנים, מאחר שכל אלה התחומים היו מאז ומתמיד ברשותה של אסתר־קיילה. גם את שכר הלימוד מתלמידיו היה מוסר בגמר ה„זמן״ לאשתו, אחרי ניכוי חומש ומעשר, והיא עשתה בו כמיטב יכולתה והבנתה.

ערב אחד מערבי החורף הארוכים, משגמר ר׳ קלמן־איצ׳לה את ברכת המזון, פתחה פיה אסתר־קיילה ואמרה:

— בעלי היקר, בדעתי לשתף אותך בעסק שהקב״ה בכבודו ובעצמו עוסק בו.

— למה הקדמת? — שאל ר׳ קלמן־איצ׳לה — גם לי יש ענין נכבד לקחת דברים עמך.

— צדקת, בעלי. הבכורה לך. דבר אתה קודם.

פתח ר׳ קלמן־איצ׳לה ואמר: זה מזמן שמתי עיני בבחור הלומד בביהמ״ד, הנקרא בפי הכל בשם לייבלה מתמיד. הבחור הזה שוקד על לימודו יומם ולילה, והוא גם בחור כארזים בחיצוניותו: חסון בגופו וכולו אומר יופי.

עוד לא הספיק ר׳ קלמן־איצ׳לה לסיים את דבריו, הפסיקתו אסתר־קיילה ואמרה: „גם אני בחלומי, כשנסעתי בפעם האחרונה מהיריד בעגלה עמוסה אנשים, ביניהם גם תלמידי־חכמים, השתדלתי לתפוס מקום בקרבתם כדי לשמוע מפיהם דברי תורה, וגם שיחות חולין, שהרי גם שיחות חולין של ת״ח דברי תורה הם. והנה שמעתי אותם מדברים בשבחו של אותו בחור ר׳ לייבלה המתמיד, וכולם קילסו את חריפותו ובקיאותו בתורה, וכן את נועם הליכותיו עם הבריות. אז, למשמע דבריהם, גמרתי אומר בלבי, כי בע״ה, בשובי בשלום לביתי, אקח דברים אתך לשדך את בתנו ליבה עם הבחור המצויין הזה. הלא יש לנו תהילה לאל נדוניא הגונה בשבילה כראוי לבת עשירים, והיא ג״כ מצוינת במידות טובות. וסימן שמהשם יצא הדבר, שגם אתה באת לאותה מסקנה, ואני מקוה שהבחור המהולל לייבלה יסכים להיות לנו לחתן״.

למחרת, בביהמ״ד, אחר תפילת שחרית, ניגש ר׳ קלמן־איצ׳לה לשדכן, המדבר נכבדות בבתי עשירים, וביקש ממנו לקחת דברים עם הורי הבחור ר׳ לייבלה בענין השידוך. יהודי זריז ופיקח היה השדכן ועוד באותו יום סר

לבית הורי הבחור והציע להם את השידוך עם בתם הבכירה של ר׳ קלמן־איצ׳לה ואסתר־קיילה.

ר׳ לייבלה ואשתו ליבה וצאצאיהם

הורי ר׳ לייבלה הסכימו לשידוך, נכתבו תנאים, וכעבור זמן קצר חגגו את החתונה ברוב פאר והדר.

אחר שנתיים־שלוש שהיה הזוג הצעיר סמוך על שולחן הוריה של ליבה, יצאו לרשות עצמם. כאמה כך ליבה קיבלה עליה את עול הפרנסה, בלבד שבעלה ימשיך לעסוק בתורה באין מפריע.

אל ר׳ לייבלה ששמו הלך לפניו כגדול בתורה, פנו כמה בעלי־בתים חשובים ועשירים וביקשו ממנו שילמד את בניהם גפ״ת בתנאי, שמספר תלמידיו לא יעלה על מנין. תחת זה התחייבו לשלם לו שכר לימוד ביד רחבה, שיספיק לפרנסת ביתו בכבוד. ר׳ לייבלה שכל מעיניו היו נתונים ללמוד ולהרביץ תורה ברבים, קיבל את ההצעה, וכל ימיו היה מלמד בחורים עד לכניסתם לחופה ועד בכלל.

אחד־עשר ילדים ילדה ליבה ורק שתי בנות נשארו בחיים: זלדה ודינה. כשזלדה הגיעה לפרקה החליטו ההורים להשיא אותה לבחור שיוכל גם לשאת בעול הפרנסה ולשלוח במסחר ידו, כדי למנוע מבתם העדינה והענוגה הנשיאה בעול הפרנסה.

בסטביסק חי יהודי תלמיד־חכם, ר׳ יקותיאל, שנפטר בדמי ימיו. אשתו חנה פירנסה את המשפחה ממכירת כלי חרס. שני בנים ושתי בנות היו להם. יצחק צבי היה הבכור. יצחק־צבי שקד בלימוד התורה ושמו יצא כאחד העילויים בין לומדי ביהמ״ד. בהגיעו לגיל שבע־עשרה נתן בו ר׳ ליבלה עיניו ובחר בו כחתן לבתו זלדה.

הבחור יצחק־צבי מלבד ידיעותיו הרחבות בש״ס ופוסקים הצטיין גם במלאכת הכתיבה בלשון הקודש, היה בעל דקדוק, וסגנונו היה צח ונקי.

אחרי החתונה לא אכל יצחק צבי על שולחן חותנו כנהוג בימים ההם, אלא השקיע את כסף הנדוניא שלו במסחר של כותנה ושערות־חזיר, ואת הסחורה היה שולח לליפסיא (לייפציג) שבגרמניה. האיר לו מזלו והצליח בעסקיו ולא יצאו ימים מרובים והתעשר.

במלאת לו 21 שנה, צריך היה להתיצב בפני ועדה צבאית בהתאם לחוק שירות הצבא ברוסיה. והואיל ולא רצה לשרת את הקיסר שש שנים רצופות, נאלץ היה להוציא את כל כספו ורכושו תמורת פדיון נפשו.

משהשתחרר מחובת הצבא קפצה עליו דאגת הפרנסה. כדי להתחיל בעסק כלשהו היה זקוק לסכום ניכר שלא היה לו לאחר שכל כספו הוציא לשחד את הרשות הצבאית. אשתו זלדה עמדה לימינו, התפרקה מתכשיטיה היקרים ומסרה אותם לבעלה. את התכשיטים נתן יצחק־צבי בעיבוט למלווה, ועם הכסף שקיבל ממנו בתורת הלוואה פתח שוב במסחר, יצא לשוק, קנה כל מיני סחורות, אך הפעם לא האיר לו המזל פנים וכמעט שהפסיד את כל כספו. יצחק־צבי התהלך מודאג ומדוכא, ושוב היתה לו אשתו זלדה לעזר. קנתה שק קמח והחלה לאפות לחם למכירה. בדוחק פירנסה בעבודתה את בני ביתה, אך ילדיה לא רעבו ללחם.

כעבור זמן מה הוקם בסטביסק מפעל לעיבוד שערות בהמה, ויצחק־צבי שהיה מומחה במקצוע זה מעיסוקיו הקודמים, נתקבל לעבודה בבית־החרושת הזה במשכורת הגונה. קיווה יצחק־צבי שמעתה יוכל לישב בשלוה ולהתמסר לביתו. והנה יום אחד, חלתה באופן פתאומי אשתו האהובה, ועד שהספיק להביא רופא מלומז׳ה (בימים ההם לא היה רופא בסטביסק) נפטרה זלדה, והיא רק בת שלושים.

יצחק־צבי נשאר עם ארבעה ילדים קטנים, שלשה בנים ובת, והבכור עזריאל־זליג־נח, היה בן עשר במות עליו אמו.

הרבה שנים עבד יצחק־צבי בבית־החרושת הנ״ל, חסך סכום כסף הגון והחליט לנסות שוב מזלו במסחר. הפעם עשה שותפות עם סוחר ותיק, שרימה אותו וכעבור זמן לא רב יצא מעסקו בעירום ובחוסר כל. אחרי הכשלונות במסחר פנה למלמדות, שהספיקה בקושי למלא את צרכיו ועד סוף ימיו חי בעוני ובמחסור.

אבי מורי ר׳ עזריאל־זליג־נח קושלבסקי זצ״ל

אבי הקדוש נולד בסטביסק בשנת תרכ״ז (1867) לאביו ר׳ יצחק צבי ולאמו זלדה. כמסופר לעיל היה בן עשר במות עליו אמו. עד גיל שלש־עשרה למד בתלמוד תורה בלומז׳ה אצל ר׳ ברוך אובלבקר, ושם התחיל לרשום חידושי תורה על מסכת עבודה זרה, אשר שימשו חומר ראשוני לספרו „לבוש עדנים״.

בהגיעו למצוות עזב את בית אביו ונדד למרחקים, למקום תורה, לעיר שצ׳וצ׳ין. ביישן היה ולא העז לפנות לאחת הישיבות המפורסמות, אעפ״י שלפי ידיעותיו בתלמוד ובפוסקים היה ראוי להתקבל לישיבה גדולה. ואכן כל ימיו דוה לבו על כך ודרש על עצמו: „ולא הביישן למד״.

אחרי טלטולים רבים הגיע למחוז חפצו, לשצ׳וצ׳ין. על פי הכתובת שהיתה בידו הלך לבקר אצל קרוב משפחה, שלישי שבשלישי, מצד האב. קיבלו אותו בסבר פנים יפות, הגישו לו אוכל — צלחת גריסין, עם לחם וגם ללינת לילה הזמינוהו.

כך עברו ימים אחדים. יום אחד, כשבא מבית המדרש אחר תפילת שחרית, לא הזמינוהו לארוחת בוקר. התברר שאף הם חיו בצמצום והארוחה הדלה שנתנו לו חסכו מפיהם.

חזר לבית המדרש, נטל גמרא והשקיע את עצמו בלימוד ובמשך כל היום לא בא אוכל לפיו. אותו יום הסתפק בשתית מים בלבד. למחרת, אחר תפילת שחרית, התישב ללמוד כדרכו. כדי להסיח דעתו מן הרעב שהציק לו השתדל להתרכז בסוגיה בה עסק, וכך המשיך עד לשעות הצהרים. פתאום תקפתו חולשה, ראשו הסתחרר וזיעה קרה כיסתה את פניו. היה קרוב לעלפון.

שכנו לספסל, הפרוש ר׳ טוביה, הבחין בחוורון פניו ושאל אותו: „בחור, למה אתה נראה כ״כ חיוור? פניך לא כתמול־שלשום. הגד את האמת, האם כבר אכלת היום?״

— גם אתמול לא אכלתי — ענה עזריאל־זליג.

— קום, לך מהר אל ר׳ יוסף גבאי הצדקה הגר בפינת השוק, ואם עוד נשארו בקופתו קופיקות אחדות, ודאי יתן לך אותן ותקנה לך אוכל.

ברגלים כושלות הלך הנער אל ר׳ יוסף הגבאי, אך למרבה הצער היתה קופתו ריקה.

כשיצא מביתו של ר׳ יוסף הגבאי קרה מקרה נדיר ומעניין: אשה אחת, בעלת חנות בדים, ישבה בחנותה ואכלה ארוחת צהרים, ולידה על השולחן היה מונח ככר לחם. לחנות נכנס כלב, חטף את הלחם בשיניו וברח מבלי שבעלת החנות הספיקה להבחין בו.

שני אנשים שעברו ברחוב התחילו לרדוף אחרי הכלב כדי להוציא מפיו את הלחם. כשהגיע הכלב לסימטא שבין שני בתי־הכנסת הופיע מצדה השני של הסימטא עזריאל־זליג. הכלב נעצר, זרק לרגליו את ככר הלחם ונעלם.

עזריאל־זליג היה כה שקוע ברעיונות שלא הבחין במה שהתרחש לידו. בינתיים באו שני היהודים שרדפו אחר הכלב ושאלוהו: בחור, לא הבחנת שהכלב זרק לרגליך ככר לחם? — לא, אין לי לחם...

אמרו שני היהודים: משמע שצריך למסור את המציאה לבחור ישיבה ונזכה במצוה.

שמע עזריאל־זליג את דבריהם ואמר להם: אם אין אתם מוצאים את בעל־הלחם ורצונכם למסור לו לבחור ישיבה — תנו אותו לי, כי גם אני מחובשי בית־המדרש.

— צדקת, בחור, — אמרו היהודים. עתה אנו מבינים שהכלב היה שליח־מצוה להאכילך לחם.

וראה זה פלא, מאותו יום לא ידע עוד עזריאל זליג מחסור.

שנים אחדות למד עזריאל־זליג בבית־המדרש בשצ׳וצ׳ין בשקידה רבה והגיע לבקיאות וחריפות בש״ס ונושאי כליו. הילד בן השלש־עשרה גדל והיה לבחור גבוה, תמיר ורזה. כשמילא כרסו בתלמוד והיה מוכן להתיצב בפני גדולים, החליט לנסוע לישיבת וולוז׳ין המפורסמת. אך „רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום״. לפתע חלה במחלת־מעיים קשה ונאלץ לוותר על שאיפתו ללמוד בוולוז׳ין.

שוב היה ר׳ טוביה הפרוש שחלץ אותו ממצוקתו. הביא אותו לרופא, וכשההוא בדק אותו ציוה עליו לצאת למקום, בו האויר טוב וצח, ליער של עצי אורן. ושוב, בהמלצתו של ר׳ טוביה הפרוש נתקבל עזריאל־זליג בכפר שישבו בו כ־15 משפחות יהודיות למורה ולמדריך רוחני.

הכפר ההוא נמצא כ־10 ק״מ משצ׳וצ׳ין והנסיעה אליו היתה דרך יער. ואכן הנסיעה דרך היער כבר השפיעה לטובה על עזריאל־זליג.

לפנות ערב הגיע עזריאל־זליג לכפר, וטרם שהספיק לרדת מן העגלה סובבוהו אנשי הכפר והקדימו את פניו בכבוד ובחיבה.

עזריאל־זליג סרב להתאכסן בבית פרטי וביקש מאנשי הכפר שיסדרו לו מקום בבית־המדרש. מבוקשו ניתן לו. באסיפה שערכו אנשי הכפר סיכמו שכל אחד מהם יכלכל את הבחור מסטביסק שבוע ימים לפי התור, וכן לספק לו את המזונות, כולל תבשיל חם, ישר לבית המדרש.

בהשפעת המזון הטוב והטרי והאויר הצח התאושש עד מהרה והחלים. את תפקידו כמורה ומדריך רוחני מילא באמונה. כל יום, לפנות ערב, בין מנחה

למעריב, לימד את באי בית־המדרש שעור ב„עין יעקב", וביום שבת דרש לפניהם על פרשת השבוע ועל ההפטרה של אותה שבת.

יושבי הכפר העמלים והיראים העריצו וכיבדו את מורם הצעיר וקראו לו „רבי". דרשותיו בכפר שימשו לו נסיון לימים יבואו, כשהתפרסם כדרשן בחסד. שם גם רשם רשימות על ההפטרות לכל שבתות השנה, ששימשו יסוד לספרו „עין צופים".

לאחר שהתאושש לגמרי וצבר כוחות, החליט לנסוע לעיר מולדתו סטביסק להתראות עם אביו ומשפחתו, שלא ראה פניהם שנים רבות.

לאחר שראה את אביו, החליט לקיים שוב את „הוה גולה למקום תורה". הפעם בחר בעיר יאגוסטוב הרחוקה מסטביסק 80 קילומטר. בחירת יאגוסטוב שני טעמים לה: א) התגוררו שם קרובים וידידים; ב) העיר מוקפת יערות עבותים ואויר היערות היה דרוש לבריאותו, לאחר שמיחושיו טרם פסקו לגמרי.

ביאגוסטוב קבע את מקום לימודו בבית הכנסת שנקרא „יאטקע קלויז", שקודם לכן נקרא „חסידישע קלויז", משום שמנין חסידים היו ממיסדיו והתפללו בו.

ביקש ר' עזריאל־זליג לישב בשלוה ולעסוק בתורה, וקפצה עליו רוגזתו של הצבא הרוסי. הוא נקרא להתיצב לבדיקות גיוס לשירות הצבאי. בטוח היה שישתחרר בזכות היותו בכור הבנים במשפחה, שכן לפי החוק הרוסי בכור במשפחה וכן בן יחיד, נהנו מזכויות מיוחדות. והיה ומכסת המגוייסים נמלאה, היו הבנים הבכורים או הבנים היחידים, מקבלים שיחרור מהצבא.

הואיל ולעזריאל־זליג היו סיכויים להשתחרר, לא עשה כל מאמץ להשתחרר בדרכים אחרות... אך לרוע המזל, בהתיצבו לבדיקה רפואית לפני הרופאים הצבאיים, מצאוהו כשיר לשירות. כל ההשתדלויות לשחררו עלו בתוהו.

כשהגיע מועד גיוסו, בא לסטביסק להיפרד מהרב דמתא, ר' חיים לייב, הצדיק המפורסם, שאמר לו בשעת הפרידה: „אַל תדאג בני, בטוחני שהכל יהיה לטובה. ה' יהיה בעזרך, וישועה קרובה לבוא".

הקלט היה בעיר לומז'ה, משם נשלחו המגוייסים למקומות שונים ברחבי רוסיה. עזריאל־זליג נשלח לעיר פולטאבה.

אחרי תלאות הדרך שארכו שבועות מספר, הגיע עם שאר המגויסים לפולטאבה.

שיחק לו מזלו ומפקד הגדוד שלו, וכן מפקד הפלוגה, היו אנשים ליברליים, נקיים מארס האנטישמיות, שלא כרוב הקצינים בצבא הרוסי. ולא עוד אלא לבלר הפלוגה היה בחור יהודי, חסיד חבד"י, נשוי ואב לשני ילדים. חיש מהר התידדו ביניהם, והלבלר הגיש לטירון עזרה וסעד בכל עת. בשעות הפנויות היו השנים משיחים בדברי תורה, חסידות ומוסר.

בעזרת החסיד החבד"י ניתנה לעזריאל־זליג האפשרות לאכול אצל יהודים וע"י כך נזהר מאכילת פת־בג המלך. כל יום קיבל ארוחה חמה, לרבות השבתות והמועדים מהקהילה הפולטאבית.

אך לא לעולם חוסן. איתרע מזלו של עזריאל־זליג ונתחלפו המפקדים של גדודו ופלוגתו, ובמקום הקצינים הליברליים באו אחרים, ריאקציונריים ושונאי ישראל. קודם היה לו רשיון לעזוב בשבתות ובחגים את הקסרקטין, כדי לסעוד

מניה של הבנק העממי בסטביסק


Nr. 138.

BANK LUDOWY SPÓŁDZIELCZY W STAWISKACH
Spółdzielnia z ogr. odp.

קאאפעראטיווע פאלקס-באנק אין סטאווימק

ŚWIADECTWO UDZIAŁOWE — פאיי־קארטע

Pan ... członek Nr. 52.

wpłacił ... udział na sumę złotych 40.–

Zł. ...

i uczestniczy w prawach przysługujących udziałowcom w powyższej spółdzielni, według przepisów statutu oraz późniejszych zmian i uzupełnień.

Stawiski, dnia 10 grudnia 192...

Prezes Rady Nadzorczej: ZARZĄD:

Bank Ludowy Spółdzielczy w Stawiskach
Spółdz. z ogran. odpowiedz.

מושבת־הבראה לילדים מטעם חברת „צענטאָס״
א קינדער־קאלאניע פון „צענטאס״־געזעלשאפט





קמניצקי ז״ל
פליט מרוסיה במלחמת העולם הראשונה, שימש בהוראה בסטביסק
א פליט פון רוסלאנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

את סעודות השבת והחג על שולחן יהודים. המפקדים החדשים נטלו ממנו את הרשיון הזה, ועזריאל־זליג, כדי לא להתגאל באוכל טרף, הסתפק בלחם יבש ומים. קשה היה מצבו ולעתים נדמה היה לו שבאו מים עד נפש, אך תמיד זכר את ברכת הפרידה של הרב הגאון מסטביסק ולא התיאש.

ערב אחד יצא לשמירה. עם הרובה על השכם התהלך במקום שמירתו ופיזם בדבקות פרקי תהילים. פתאום שמע קול קורא לו:

— חייל קושלבסקי, אתה משוחרר. מחר אתה נוסע לביתך.

— ברוך מתיר אסורים — היתה תגובתו של עזריאל־זליג.

בזכות מה השתחרר? היה חוק בצבא הרוסי, שמדי פעם היו מפילים גורלות בין המועמדים בעלי הזכויות לשיחרור. הפעם זכה בגורל ר׳ עזריאל־זליג. בסך הכל שרת בצבא כחמישה חדשים.

עם שיחרורו מהצבא הרוסי חזר ר׳ עזריאל זליג ליאגוסטוב. שם נשא לאשה את שרה, בת ר׳ יהודה, בעל בית מסחר גדול לעורות. גם אחרי החתונה הוסיף לשקוד בלימוד התורה ואשתו פתחה חנות לדברי סנדלרות. כעבור זמן מה הצטרף אל הכולל של אברכים פרושים, שיסד הגאון ר׳ יצחק אלחנן, רבה של קובנה, בעיירה איישישוק. שם שהה ארבע שנים. לחגים בלבד היה חוזר לביתו ולמשפחתו.

על אף היותו גדול בתורה ומוסמך לרבנות, לא הסכים מעולם לקבל משרת רב. ברם, לאחר שנים מספר, כשנפטר הדיין של הבית־דין העירוני, ניאות אחרי הפצרות רבות, לקבל את משרת הדיינות. וכשנפטר הרב דמתא, הגאון ר׳ כתריאל נתן, הטילו עליו את הנהגת הקהילה כולה.

במלחמת העולם השניה, הושמדה בין שאר קהילות ישראל באירופה הקהילה הקדושה יאגוסטוב בידי הנאצים. ב־8 בדצמבר 1943 נשלחה שארית הקהילה היהודית לטבח. אנשים, נשים וטף נשלחו ברכבת המוות לתאי הגזים בטרבלינקה.

בתאים המחניקים של רכבת המוות הצטופפה קבוצת היהודים האחרונה מיאגוסטוב סביב רבם הזקן והאהוב, שבטח בחסדי ה׳ עד לרגע האחרון. קרבתו היתה נחמתם האחרונה. מאפיסת כוחות הוציא ברכבת את נשמתו הטהורה.

ה׳ יקום דמו.

פסח קאפלאן

דער מאטעריאל פון פסח קאפלאן און איבער אים איז געזאמלט און איבערגעגעבן געוואָרן דורך ה׳ משה צינאָוויטש.

געבוירן אין סטאוויסק אין יאר 1870, וואו זיין פאטער ר׳ בנימין נחום, אן אוראייניקל פון ר׳ כתריאל, דער בעל קורא ביים ווילנער גאון, איז געווען חזן און שוחט. ווי דער שטייגער אין יענער תקופה האט ער ביז 12 יאר געלערנט אין סטאוויסקער חדרים. אויפן 13־טן יאר האט זיין פאטער פארלוירן די שטעלע אין סטאוויסק, איז אוועק וואנדערן אלס חזן און מגיד, ביז ער האט זיך באזעצט אין הארודישטש, קיעווער גובערניע. צווישן 13 און 17 יאר האט פסח געלערנט אין די ישיבות פון קארסון, ראזישנאי און זעלווו. פסח תרמ״ז (1887) איז ער אריבער קיין ווארשע, וואו זיין פאטער איז געווארן חזן אין רייכמאנס שול.

אין יענע יארן איז ער פארכאפט געווארן פון די השכלה ווינטן, האט געלייענט די העברעאישע ליטעראטור און אליין געלערנט דייטש, רוסיש און אביסל ענגליש. אין עלטער פון 19 יאר האט ער אנגעשריבן זיין ערשטן ארטיקל אין „המליץ״. פון ווארשע איז ער אוועק קיין ביאליסטאק, וואו ער איז יאָרן לאנג געווען א העברעאישער לערער. וואוינענדיק אין ביאליסטאק האט ער פארעפנטליכט פיל קארעספאנדענצן אין דער ווארשעווער „הצפירה״. א קעמפער פאר העברעאיש איז ער געווען אן אקטיווער מיטגליד אין „חובבי שפת עבר״.

אין יאר 1904 פארעפנטליכט ער אין פעטערבורגער „טאג״ זיין ערשט יידיש ליד „די וועלגערקע״. זייט דאן האט ער אפטער געשריבן אין די יידישע צייטונגען „טאג״, „פריינד״ און שפעטער אין „היינט״ און „מאָמענט״. אין יאר 1914 רעדאקטירט ער „דאס ביאליסטאקער וואָרט״, צוערשט אלס וואָכנבלאט און דערנאך אלס טאג צייטונג. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה גרינדעט ער אין ביאליסטאק די צייטונג „דאס נייע לעבן״, איינע פון די בעסטע פראָווינץ צייטונגען אין פוילן. שרייבט כמעט טאג טעגליך ארטיקלען, רעצענזיעס, פעליעטאָנען, אויך בעלעטריסטישע זאכן, צווישן אנדערעס זכרונות פון זיין געבורט שטעטל סטאוויסק אונטערן נאָמען „פאמיליען כראָניק״, וואס א טייל פון זיי דערשיינען אין דאָזיקן בוך.

קאפלאן איז אויך געווען א ליבהאבער פון מוזיק און ארויסגעגעבן אויף יידיש א „לידער בוך״ — איבערזעצונגען פון קלאסישע לידער מיט מוזיק פון מענדעלסאָן, שובערט, שומאן א.א. און אויף העברעאיש „ספר הזמירות״ און „שירי זמרה״. ער האט אויך פארפאסט לידער פאר יידישע קינדער־היימען, און רעדאגירט דאס ערשטע העברעאישע לידער ביכל „נבל עשור״. ער האט אויך איבערזעצט פון דייטש, רוסיש און העברעאיש. די ביאליסטאקער יידישע צייטונג „אונזער לעבן״ האט פסח קאפלאן רעדאגירט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פסח קאפלאן ז״ל

לאנג פארגעסענע בילדער

פארנדיק אין דער היים שטעטל, זיצנדיק אין אויטאבוס און קוקנדיק אויפן לאנגן שמאלן בלענדענדיק־ווייסן שאסיי, פארמאך איך אויף א ווייל די אויגן און אין זכרון טויכן אויף ווי דורך א כישוף לאנג פארגעסענע בילדער פון שטעטל.

אט טויכט אויף רחל־לאה׳קעס געשטאלט, וואס איז אנטלאפן מיטן שגץ אנטעק, ווייל דער טאטע האָט איר נעכטן געשלאָגן מיט א שטריק פארן ריידן מיט דעם שגץ. טראָץ דעם וואָס ס׳איז געווען שבת, האט דער רב, דער צדיק, מתיר געווען איינצושפאנען פערד און וואגן און פאָרן איר זוכן. אפראטעווען א יידיש קינד פון שמד איז געגליכן צו פיקוח נפש און איז דוחה שבת. נאך א וואך ארומזוכעניש האט מען איר געפונען אין לאמזשע און געבראכט צוריק אהיים.

א חודש צייט האט מען איר געהאלטן פארשלאסן אין שטוב. ווען זי איז נאכדעם ארויס אין גאס, איז דאס גאנצע שטעטל געשטאנען ביי די פענצטער און געקוקט מיט נייגיר אויף איר שטאלצן פרינצעסישן גאנג.

מיט א האלב יאר שפעטער האט דאס גאנצע שטעטל געטאנצט אויף איר גבירישער חתונה מיט א ביאליסטאקער בחור.

☆

דער צדיק ר׳ חיים־לייב איז אין א ליכטיגן ווארימען אלול־טאג אנגעקומען אלס רב אין סטאווויסק. קינד און קייט האבן זיך ארויסגעלאזט הינטערן שטעטל אים מקבל פנים זיין. 4 וויארסט ביז דער ערשטער סטאנציע איז מען געגאנגען צופוס. ווען דעם רב׳ס קאטש איז אנגעקומען האט מען אים אראפגעטראגן אויף די הענט צו דער סטאנציע אויף א קורצן אפרו. זיין הויכע פיגור, די בלאנדע האר מיטן סויבעלנעם שטריימל, וואס האט אריבערגעקוקט איבערן פילהונדערט־קעפיגן עולם, שטייט מיר נאך איצט פאר די אויגן. דער אריינמארש אין שטעטל איז געווען א פייערליכער, די כלי־זמרים האבן אים באגעגנט מיט פריילאכער מוזיק.

און אט איז די ערשטע נאכט ראש־השנה. מען דאוונט דעם יום־טוב׳דיקן מעריב. לאנג שטייט דער רב שמונה־עשרה. דער גאנצער עולם גייט שוין אהיים און דער רב שטייט נאך אלץ שמונה־עשרה. אז מיר האבן שוין געהאט אפגעגעסן האט עמיץ דערציילט, אז דער צדיק שטייט נאך אלץ שמונה־עשרה. צדוק דער שמש זיצט אין שול און וואַרט. מיר זיינען אוועק אין שול און געזען ווי די הויכע פיגור בויגט זיך, דרייט זיך אין דרייען און צוגיסט זיך אין א טייך טרערן. די שול איז פול מיט נייגעריקע. כמעט 2 שעה איז דער רב געשטאנען שמונה־עשרה...

☆

דער צדיק האט געפירט די רבנות ביד רמה. מען האט פאר אים מורא געהאט.
מאָטיע מת, א הויכער געלער ייד מיט א בלייכן פנים, האט נישט געפאלגט דעם רב און נישט געהיט די אקציז־פארשריפטן. ס׳האט געדראט דאס שטעטל זאָל דורכדעם פארלירן א שטיק פרנסה. דער צדיק האָט מתרה געווען מאָטיען איינמאל, א צווייטן מאל, און אז מאָטיע האט זיך נישט ווּיסנדיק געמאכט, האט ער אים אין שול מחרים געווען ביי שווארצע ליכט.

איך געדענק ווי מאָטיע האָט זיך ארומגעדרייט אין שטעטל, טאקע ווי א מת. קיינער האָט מיט אים נישט גערעדט, מ׳האָט אפילו אויסגעמיטן זיינע ד׳ אמות. זיין פנים איז בלאסער געווארן פון טאג צו טאג. מער ווי א חודש האט ער נישט אויסגעהאלטן און זיך אונטערגעגעבן. א קורצע צייט שפעטער איז ער געשטארבן.

☆

און אט טויכט אויף די געשטאלט פון עקיבא אהרון־לייזערס, א יונגער מאן, שווארץ־געקרויזטע האָר, א בלייכער־פארקלערטער פנים, געפוצטע שטיוול. א תלמיד חכם, דעם גבירס איידים. אלע אינדערפרי און פארנאכט גייט ער צו דער שכנ׳טע טרינקען מילך פון דער קו. הינטער זיינע פלייצעס שאקלט מען מיט די קעפּ: ער איז שוין בלויז א גאסט אויף דער וועלט...

אט גיי איך צוזאמען מיט דער גאנצער שטעטל נאך זיין לוויה. גאנץ שבעה גיי איך צוזאמען מיט מיין גאנצן חדר דאווענען אין בית האבל. איך בין פאר־חידושט וואס די יונגע אלמנה, רייזל, גייט ארום מיט א הויכן בויך... אין עטלעכע חדשים ארום איז רייזל געלעגן געווארן. איך בין מיטן גאנצן חדר געגאנגען צו די שיר־המעלותן. דעם געבוירענעם יינגל האט מען א נאָמען געגעבן עקיבא בן עקיבא.

דאס איז דער בארימטער שאכמאטיסט עקיבא רובינשטיין.

☆

דאס לעבן אין שטעטל איז געווען ארים, אומעטיק, איינטאניק, אפגעריסן פון דער ברייטער וועלט, וועלכע האט נאך אויך דאמאלס געלעבט כמעט אין מילאלטערלעכע פארהעלטנישן. אביסל אפפרישונג און אויפרעגונג פלעגט פון צייט צו צייט אריינטראגן א פלוצלונגער אנלויף פון דער גרעניץ־וואך אויף א רעוויזיע. איינמאל האבן אָביעשטשיקעס ארומגערינגלט די שטאט, קיינעם נישט געלאזן אריין און ארויס און אינווייניק אדורכגעפירט א שטרענגע רעוויזיע פון שטוב צו שטוב. ס׳איז גראד געווען א פרייטיק, ווען מיר, יינגלאך, זיינען געווען פריי פון חדר, בין איך מיט די חברים נאכגעלאפן נאך די זעלנער און זיינען אויך געשטאנען דערביי, ווען מ׳האט אין דער גרויסער שול אויפגעריסן די פאדלאגע־ברעטער פון פאלוש און געפונען דעם גרויסן קעלער וואו ס׳ליגן באהאלטן די שמות. קיין אנדער קאָנטראבאנד איז נישט געווען. פאר אונז, קינדער, איז עס געווען א ספעקטאקל, אבער ביי וויפל יידן זיינען די הערצער



דער סטאַוויסקער מאַרק

אַרויסגעפאַלן פון שרעק! סוף כל סוף האָט מען דעם קאַרדאָן אַראָפּגענומען און מ'איז אַוועק מיט חרפּה, נישט מיטנעמענדיק קיין שום טראָפייען...

— — — אַמאָל פלעג איך שטיין דאָרט ביים טייכל, צוקוקן זיך ווי דער אַלבאַסטער־קלאָרער וואַסער גיסט זיך איבער די ווייסינקע שטיינדלאַך, שווינקט זיי שוין אפשר טויזנטער יאָרן און קען אַלץ נישט אָפּשווינקען פון זיי דעם זאַמד...

אַט אַזוי לויפן פאַרביי אין מיין זכרון בילדער פאַרגאַנגענע, פאַרשטויבטע, פאַרנעפּלטע, וואָס ווערן אַלץ מער אָפּגעפרישט און אויפגעלעבט, וואָס מער איך דערנענטער זיך צו מיין שטעטל.

פסח קאפלאן ז"ל

א באזוך אין סטאוויסק

א.

פון מיין קינדהייט אן, זייט איך האב נישט געזען מיין געבורטס־שטעטל סטאַוויסק, פלעגט זי זיך מיר פאַרשטעלן אין א מאָדנער עקספּרעסיאָניסטישער פיגור: א לאַנגע ליניע, פון הינטן גלייך ווי א סטרונע, פון פאָרנט אויסגעבויכט, און איבערן גרויסן בויך א הויכער בוזים, נאָכדעם ווידער א שמאָלער גלייכער האַלדז מיט א קאָפּ אויבן.

די ליניע איז דער גלייכער שאָסיי גריִיעוווע—לאַמזשע, וואָס שניידט אַדורך די שטעטל; דער בויך פון פאָרנט — דער קיילעכדיקער מאַרק; דער בוזים — די תיפלה, פון וועלכער עס הויבן זיך אַרויס צוויי מאַסיווע גאָטישע קופּאָלן ווי צוויי בריסטן און אַזוי ווייטער ביזן פּאָסט־מויערל אויף לאַמזשער וועג, וואָס איז דער קאָפּ פון שטעטל.

ווי שיין ס'האָט אויסגעזען אין מיין זכרון־פאַרשטעלונג דאָס טייכל אויפן גרייעווער וועג, מיט זיינע קלאָר ריזלדיקע וואַסערלאַך, וואו איך פלעג מיט חברים־יינגלאַך שטיין אונטערן בריק, אויפבולקען דאָס וואַסער מיט שטיינדלאַך און אַגב וואַרפן א בליק בגניבה אויף די נאַקעטע פיס פון די שיקסעס, וואָס האָבן דאָרט אויף שטיינער געוואַשן, געריבן און געקלאַפּט זייער וועש...

און ווייטער אויפן וועג די זעקס מויערלאַך, קליינינקע, ווייסינקע, גלייכינקע, אין איין שורה, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך מיסטעריעזע סודות מיט די גויים פאַראַבקעס אין די וואָוינונגען, חזירים אין די שטאַלן, און די צוויי וועגן וואָס האָבן זיך פון דאָרט פאַרנומען — רעכטס צום פּריצישן הויף און לינקס צו דער מיל.

ווייטער פון די מויערלאַך האָט שוין געהייסן הינטערן שטאָט, און מיר קינדער האָבן זיך ערלויבט אַן עקסקורסיע אַהינצו בלויז ל"ג־בעומר, אָדער אין אַן אַנדער יומא־דפגרא.

פון דער אַנדערער זייט שטאָט, אויף לאַמזשער וועג, איז אונזער לעצטע קינדערשע סטאַציע געווען די פּאָסט. ווייטער צו — שוין העט ווייט הינטערן שטאָט — איז געווען דער בית־עולם, וואו מיר פלעגן קומען נאָר תשעה־באָב, אָדער ביי א גרויסער לוויה. יאָ, מיר האָבן געוואוסט, אַז דער תחום־שבת לאָזט זיך אויס נאָך ווייטער, אין לאַמזשער וועלדעל, דאָרט וואו ס'געפינט זיך דער וואונדערלאָכער שטיין, אויף וועלכן נאַפּאָלעאָן האָט פאַרבראַכט א נאַכט מיט א פּריצטע... אָבער איך בין קיינמאָל אַזוי ווייט נישט געגאַנגען אַליין — קיינמאָל דעם שטיין נישט געזען.

אַפילו, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, פלעג איך זיך דערמאָנען אָן דעם סודות'דיקן קליינעם „בית־עולמ'ל" אינמיטן שטעטל: אַן אָפּגעצוימט שטיקל ערד, ד' על ד', ביי א שטוב, וואו לויט דער לעגענדע ליגן באַגראָבן א חתן מיט א כלה, וואָס זיינען ביידע געשטאָרבן אין טאָג פון דער חופּה. ווען איז עס געשען און

ווער זיינען זיי געווען, האָבן מיר קיינמאָל נישט געוואוסט. אָבער אונזערע קינדערישע הערצלאַך פלעגן צאַפּלען פון באַהאַלטענער מורא, ווען אונז פלעגט אויסקומען דאָרט פאַרבייגיין, דערהויפּט אין אָוונט, ווען די שטעטל איז געווען איינגעזונקען אין טיפער פינסטערניש.

רעכטס פון צענטער, אין אַ שמאָל געסעלע, האָט זיך געהויבן ווי אַ ריז די גרויסע קאַלטע געמויערטע שול — ווי אַ גרויסע שטרענגע מאַמע אינמיטן



אַ „יריד" אין שטעטל

אַ כאָפּטע קליינינקע קינדערלאַך, נידעריקע הילצערנע הייזלאַך. און נעבן דער שול — דער גרויסער געמויערטער בית־מדרש, וואו ס'פלעגן דאַוונען און לערנען די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. אַ טיפע רעטעניש האָט באַהאַלטן אַ מצבה־שטיין מיט אַן אָפּגעריבענער אויפשריפט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן בית־המדרש. ווי קומט אַ מצבה ביים בית־מדרש? וואָס איז אויף איר אָנגעשריבן? קיינער האָט עס נישט געוואוסט, ס'איז אַ סוד וואָס גייט איבער פון דור צו דור און בלייבט אַ סוד.

אין די קאַלטע ווינטערדיקע שבת־פאַרטאָגן, בעת איבער דער גאַנצער שטעטל איז געווען פאַרשפּרייט אַ געדיכטע פינסטערניש, פלעג איך מיט מיין טאַטן און מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן קריכן אין שניי צום שולהויף. דורך די גרויסע פענצטער פון דער שול האָבן געשטראַמט געדיכטע סנאָפּעס העלער שיין און זיך געטראָגן תורה ניגונים פון צענדליקער לערנערס. יענץ הערלאַך בילד האָב איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

און פונקט ווי די שול איז געווען דער ריז צווישן די איינגעהויקערטע הייזלאך, אזוי איז צווישן אלע איינגעהויקערטע נפשות געווען איין מענטש־ריז, אהרון־לייזער דער נגיד, וואס האט פארמאגט פינף און זיבעציג טויזנט רובל און איז דריי מאל געווען אין ארץ־ישראל.

ב.

אט אזוי בין איך געקומען אין שטעטל. אן בענקעניש נאך די פארגאנגענע בילדער, אבער מיט א ראמאנטישער פאַרשטעלונג וואס האט געכישופט... אריינ־געפאלן אין די ארעמס פון יוגנטליך־צאפלדיגע לעבנס און פרישע צרות, האט מיר אבער געצויגן צו דער אלטקייט ווי צו אן אלטער מאמען.

דורך א קליין געסעלע בין איך געקומען צום שולהויף. די אלטע גרויסע שול שטייט אן אפגעלאזענע, מיט אפגעפאלענעם טינק. איך באוואונדער איר גרויסקייט: ווי פרום האט דאס שטעטל אמאל געמוזט זיין, אויב מען האט, נאך מיט העכער הונדערט יאר צוריק, געבויט א שול פאר א טויזנט מתפללים.

אויפן הויף באגעגנט מיר א מאָנומענט פון א נייער פרעמדער ציוויליזאציע: א שיין געמויערטער פלומפ מיט אן אייזערנער רער, פון וועלכער וואסער גיסט זיך פערמאנענט, אן אויפהער. אויף דער געמויערטער וואנט אן אויפשריפט: „אן ארטיזאנישער פלומפ, אן אנדענק נאך דער דייטשער אָקופאציע פון דער לעצטער מלחמה".

יידן שעפן דא א פרישן טרונק, און אז מ'דארף שטעלט מען אונטער די הענט אידער מ'גייט אריין דאווענען, עלעהיי א כיור...

איך גיי אריין אין פאָליש. איך וויל זיך פארנעמען רעכטס אין קליינעם בית־מדרשל „חברה ק"ס" (קוני ספרים), וואו איך האב אמאל פארבראכט טעג און נעכט איבער דער גמרא, אבער פון דארטן הער איך א קול פון דאווענען. פארנעם איך זיך אין דער לינקער שטיבל „חברה תהילים", וואו מיין טאטע פלעגט זאגן פארן עולם. פוסט. איך שטיי אליין, קוק אן דעם אלטן פארחלומ'טן מזרח ביים עמוד'ל און דאס הארץ צאפלט. דוכט זיך אָט זיצן דא איינגעהויקערטע פארחושכטע בעלי־מלאכות און ס'שוועבט איבער זיי מיין טאטנס קול תורה, אבער די בעלי־מלאכות הייסן שוין האנטווערקער און זיי האבן עס נעכטן אינאווענט איינגעארדנט די טעאטער־פארשטעלונג פון דער ראַדזשילאָווער „טרופע".

...אין בין אין דער גרויסער שול. איך שטיי ווי א צוגעשמידטער ביים עמוד. מיר דוכט זיך איך בין ווידער אן אכט־יעריקער יינגעלע און שטיי דא ראש־השנה אונטערן גרויסן טלית פון מיין טאטן, וועלכער דאווענט מיט געבראָכנקייט, מיט הארצרייסענדיקע קרעכצן און טייטלט מיר מיטן פינגער אין זיין גרויסן מחזור...

יא, ס'איז דערזעלביקער עמוד. אלץ ארום איז געבליבן קאנסערווירט, פארגליווערט, ווי אין דער מעשה'לה.

דער שמש פירט מיר צו צו א באנק אין מזרח און ווייזט מיר:

— איר זעט דעם שניט מיט א מעסערל? דאס האט געמאכט א יינגל, אלי זעליג, מיט 40 יאר צוריק. ער איז היינט אן אמעריקאנער גביר. פאראיארן

איז ער דא געווען צו גאסט און ווען ער האָט דערזען דעם קראַץ, האט ער זיך פאנאנדערגעוויינט...

און אט בין איך שוין אין חברה־ק״ס. אט איז דער טיש, וואו איך האב געלערנט. דער זעלביקער טיש, גראָב, נישט געהובלעוועט, נישט געפארבט, מיט סימנים פון אפגעסקראבעטן חלב. פארוואס צוקט מיר נישט צום וויינען ווי יענעם אלי־זעליג? דער שמש דערציילט מיר, אז דער טיש איז שוין אלט 90 יאר. א יידישער דארפישער קרעטשמער האט זיך איבערגעצויגן אין שטאט האט ער דעם קרעטשמע־טיש מנדב געווען פארן בית־מדרשל. איך טראכט ס׳וואלט געווען א חפץ פאר א מוזיי, אבער דא וואלט מען געמעגט ארייַנשטעלן א שענערן נייערן טיש.

עס פארפלייצט מיך א ים זכרונות. אט דא איז געזעסן ר׳ ישראל־יאנקל דער דיין, וואס פלעגט ביים דאווענען משונהדיק ווארפן מיט דער ברייטער באָרד אויף רעכטס און לינקס; ווייטער איז געזעסן לייבל שעפסלס, וועלכער פלעגט מיר אריינכאפן צווישן די פיס, האלטן פעסט און מיט דער האנט אפשטופן: גיי, וואס שטייסטו דא? א המצאה אזא. אט דא איז געזעסן דער מלמד ר׳ יעקב־זאב, וועלכער איז ביי מיין אפפאר נאכגעגאנגען נאכן פור און געבעטן מ׳זאל מיך נישט אוועקפירן צווישן גויים, ווייל איך וועל חלילה נחמץ ווערן...

און דער אלטער שמש איז א זון פון מיין עברי־מלמד משה־מרדכי, וועלכער פלעגט אין די שפעטערע יארן שטענדיק זיך מיר פארשטעלן ווי א שיינער פאטריארך מיט א ווייסער בארד און ווייכע ליבע אויגן. דען זון איז געראטן אין טאטן ווי צוויי טראפנס וואסער, אבער אויף אים איז אויסגעגאסן א נעבעכ־דיקייט. א שאד וואס איך בין נישט קיין אמעריקאנער און קען אים נישט דערלאַנגען א דאלאר.

אין גרויסן בית־מדרש שטיי איך ביים טיר. ווייזט אויס ער איז נאָך אויך איצט דער שמעלצל פון שטאט. ס׳דאווענען דא די יחסנים, די לומדים, אבער עפעס א מאדנער דאווענען! עטלעכע מנינים יידן לויפן ארום אהין און צוריק מיט טליתים אויפן אקסל און האלטן אין איין שמועסן און אמפערן זיך איינער מיט אן אנדער ווי אויף א יריד. האט עס אמאָל אויך אזוי אויסגעזען? ווער געדענקט עס? א אומבאמערקטער רוק איך זיך ארויס.

און געווען בין איך אויפן בית־עולם. דער זעלבער ווי אמאָל: אט איז א שיינע מצבה מיט פילקאלירנדיקע אותיות וואס שניידן זיך אין די אויגן. ווער ליגט דא? א פשוטע ארימע פרוי, וואס האט א רייכן זון אין אמעריקע.

א צווייטע מצבה, גרעסער פון דער ערשטער, נאר פשוטער פון יענער, שטייט אויפן קבר פון צדיק. פארוואס נישט פון גראניט אדער מארמאָר? פארוואס נישט קיין אוהל? שטעטל האט באשלאסן אז אזוי ווי די פריערדיקע צדיקים האבן נישט קיין אהלים דארף ער אויך נישט האבן. פארן לעבן אפנים האט מען פאר אים מער מורא געהאט...

געווען איז מיט מיר אויפן בית־עולם א גרופע פון דער יונגער אינטעליגענץ און שפאצירנדיק צווישן די שורות קברים האבן מיר געפירט א לעבהאפטן שמועס וועגן די מאדערנע יידישע באוועגונגען, וועגן יידישער קולטור. שטייענדיק

ביים צדיקס קבר האט איינער פארענדיקט זיין געדאנק: „אן ציוניזם לוינט זיך נישט צו זיין א ייד".

ג.

מיט א יובל יארן שפעטער האב איך געפונען גאר אנאנדער שטעטל.

צוויי גרויסע שריפות האט דאס שטעטל פאר דער צייט איבערגעלעבט. זיינע אמאָליקע הילצערנע הייזלאך אוועק מיטן רויך און אויף זייער אָרט שטייען שיינע ציכטיקע מויערן אדער אפילו הילצערנע הייזער, אבער שיינע און פרישע וואס אטעמען מיט לעבן. גרעסער איז דאס שטעטל נישט געווארן, רייכער אוודאי נישט, די קולטור האט איר אבער געמאכט פאר א פארפוצטער קבצנ'טע. די לאנגע ליניע רעכטס פון שאסיי איז אויסגעבעט מיט א פרישן אספאלט־טראָטואר, פון די פענסטערס שמייכלט ארויס דער עלעקטרישער שיין און דער מארק איז באגאסן מיט א עלעקטרישן ליכט, וואס גיט איר א גרויסשטעטישן אויסזען.

פון אסך פון די אלטבאקאנטע יידן איז קיין זכר נישטא, קוים וואס עמיצער געדענקט זיי. פאראן א שטאטראט מיט עטלעכע יידישע ראטמענער און א יידישן וויצע־בירגערמייסטער. א קהילה מיט א ראש־הקהל און איינער א שפירא איז דער קהילה־סעקרעטאר. די יוגנטליכע אינטעליגענץ האט איגנאָרירט די קולטור־געמיינדע, די מערסטע פון זיי געפינען זיך אונטער דער השפעה פון ראדיקאלן ציוניזם. מ'האט מיר געזאגט אז אין שטעטל זיינען פאראן אויך בונדיסטן, זיי האבן אבער נישט קיין ארגאניזאציע און קיין השפעה.

ווען די זון האט זיך געזעצט האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן טראטואר יונגע פארלאך, מיידלאך קורץ־געשוירן מיט קורצע קליידלאך, בחורים גלאט־ראזירטע מיט געפרעסטע אנצוגן. דער טראָטואר איז געווען געדיכט מיט שפאצירענדער יוגנט, וואס האט געשפראצט מיט לעבן און פרייד.

בין איך געשטאנען אן ענטציקטער און געטראכט:

— מיין ליבע היים־שטעטל, ווי ביזטו יינגער, שענער און גרעסער געווארן!

עזריאל ליבערמאן ז"ל

סטאוויסק

א.

זה מקרוב נשפטה עירנו באש פעמיים, נשרפו בתים רבים, גם שתי נפשות הועלו על המוקד, ומשפחות רבות, שהיו עד כה מתומכי נגועי השרפות מקרוב ומרחוק, נשארו בעירום ובחוסר כל ועיניהם נשואות לעזרת נדיבי עם. עתה אמנם התעוררו אנשים נלבבים לעצור בעד הרעה לימים יבואו ויחליטו לייסד בזה אגודת מכבים מתנדבים. ראש המעוררים למפעל הנעלה הזה הם האדונים: פקיד

בי־הדואר, רופא העיר, הרוקח, המזכיר בבית הפקידות והרמ"ז בראמזאהן; כולם, מלבד זה האחרון, הם אזרחי העיר, ולמגינת לב אין בני עדתנו רוצים להשתתף בפעולות האגודה הנכבדת הזאת הנועדה לשקוד לטובת העיר ושלומה.

עד מתי לא יקחו בני עירנו מוסר? ישימו נא אל לב כי לוא היתה בזה מכבר אגודת מכבים מתוקנה וערוכה בכל, כי עתה לא בא עלינו אסון שתי השריפות שעשו שמות במשכנותינו ושגרמו אבדן שתי נפשות. ובעלי היכולת פה אטומה אזנם משמוע דברי הנדיבים הנ"ל הדופקים על דלתותיהם יום־יום כי ירימו תרומותיהם לקופת המפעל ואין שומע, אף אין גם איש מן הצעירים שימנה בין החברים בפועל. הלא בוז יבוזו לכם כל ישרי לב!

מצב החנוך פה פרוע לשמצה. אין פה בית־ספר מתוקן ואין בזה גם מורה בעל כשרון שיחנך את בנינו באורח השכל ודעת. מהראוי כי הציונים אשר בזה יקחו את המכשלה תחת ידם ויסדו בזה בית־אולפנא לפי רוח הזמן.

תרומת הצבא בעירנו נגמרה באופן הכי טוב. כל הצעירים באו ליום המיועד ונשארו נקיים לביתם רבים מבעלי הגורלות הגבוהים.

פה מקום אתי לברך בשם בני עדתנו את הנדיבים: הר"י קיימאוויץ, הרמ"ץ וויטרעיאל והרי"ג מארוס, ילידי עירנו השוכנים בעיר נויארק אשר באמריקה, ששלחו אלינו נדבותיהם ההגונות לתיקון בדקי ביהכנ"ס ולצרכי מוסד הת"ת. ה' יברך חילם.

הצפירה, דצמבר 1900.

ב.

הציונות בעירנו תעשה חיל! למרות רוח המתקדשים והמתחסדים אשר לא אלמנה עירנו מהם ולא ימנעו תמיד מלדבר סרה ועתק על הרעיון הציוני ועל ראשי הציונים ימטירו אש וגפרית, ובמקום שיש לאל ידם לעשות איזה התנגדות להציונות מותר לעקור כל התורה כולה ומותר לחלל שבת אף בפרהסיא. כמו שעשה קנאי אחד ממין הידוע, הרץ בכל עש"ק כשעה קודם שקיעת החמה לגרש את האנשים מבית־המרחץ, החנונים מהחנויות והדייגים מהשוק — ושוטר זה קרע בעת קבלת־שבת מעל קיר בית־המדרש את ה„קול קורא" מהרבנים הגאונים שי' לתמיכת הפועלים, ועוד העיז פניו לאמר בפני קהל ועדה, כי הרבנים אשר חתמו על ה„קול־קורא" מעשרת בני המן הם... עפרה לפומיה! אך הציונים לא ישימו לב למיני בריות שפלות ומגונות כאלה ומיום ליום יעשו חיל. הרבה מניות מכרו ושקלים הרבה נאספו. כן יסדו חברה ש"ס ללמוד בכל יום שיעור גמרא. ואחד מהציונים שכוחו בפיו יטיף לפני המון עם שיעור „עין־יעקב" בכל יום ומתבל את הרעיון הציוני באקדמת חז"ל, ובמתק שפתיו יקח את לבות כל שומעיו.

הרב מהר"ל ליפקין אב"ד בקרטינגן נבחר לרב בעדתנו. ברוך בואו.

נדפס ב„המליץ", י' אייר תרס"א, מס' 40
(16 מרץ, 1901)

זלמן הירשפלד

פה עמדה עריסתי

(זכרונות מימי הילדות)

נולדתי בעיירה סטביסק כבן־זקונים להורי מיכאל יעקב ושיינה שרה הירשפלד, נ"ע. משפחתנו גרה שנים רבות בבית וילמובסקי, בשכנותו של הקאשע מאכער (טוחן הכוסמת), שלמה יחיאל מונדנשטיין. זוכרני, כשבנו, אלחנן, שלמד בישיבת וולוז'ין, בא הביתה לימי החג במעיל קצר ובצווארון לבן מעומלן וגם ענב עניבה, כדרכי המשכילים, היו הבריות מרננים אחריו שהבחור יצא לתרבות רעה, ר"ל... ברם, הוא לא היה יוצא דופן בעיירתנו, שכן באותו זמן למדו כבר בניו של הרב דמתא, הרב דבורצקי זצ"ל, באוניברסיטאות.

לימים עקרנו דירתנו מבית וילמובסקי ועברנו לגור לביתו של ר' זנביל בלאנקשטיין בקומה העליונה. בית בלאנקשטיין עמד בטבור העיירה ממש, בשוק, מול הכביש שחצה את העיירה, וכפי שהוגד לי, היווה דרך המלך בין פטרבורג הבירה של קיסרות רוסיה לורשה בירת פולין.

משנות ילדותי הרכות נחרת בזכרוני מאורע בלתי רגיל בימים ההם. בשנת 1911 התקיים מירוץ מכוניות ומכיוון שאת סטביסק חצה הכביש הראשי, זכינו לראות במו עינינו את המכוניות עוברות במהירות הבזק על פני עיירתנו.

בהתרגשות יוצאת מגדר הרגיל הכינה את עצמה העיירה כולה למאורע הגדול והחשוב הזה: את השוק טאטאו ואת שולי הכביש שנמשך לאורך העיירה, הלבינו בסיד ופיזרו עליו חול צהוב בהיר. ליתר תפארת הוקם גם שער־כבוד קשוט־ענפים ועליו התנוסס הדגל של הקיסרות הרוסית. בצדי הכביש עמדו שלשה־ארבעה שוטרים — „נציגי" הממשל הצארי, ששלטו על תושבי העיירה ביד רמה. הם עמדו זקופים ודרוכים והצדיעו ביראת כבוד, מגפיהם מצוחצחים וכפתורי מדיהם מבריקים. גם חצי תריסר הכבאים שבעיירה, עטורים קסדות נחושת מבריקות על ראשיהם, חלקו כבוד למאורע הגדול. אנשים, נשים וטף משל בני ברית וגויים עמדו שעות ארוכות וציפו בכליון עינים לקדם את פני האוטומובילים שיעברו. כולם היו לבושים בגדי חג, שכן מפה לאוזן נמסר כי במכוניות אלה יסעו קצינים בכירים ושררות, ויש אומרים שגם הוד מלכותו הקיסר ויורש העצר הצעיר ירום הודו ובני פמליתו בין הנוסעים. מי חכם וידע?... והנה הופיעו האוטומובילים, חלפו עברו בדהרה, בהפסקות של חמש, עשר ועד חמש־עשרה דקות על פני הכביש, הרימו ענני אבק שכיסו את העיירה, והשררות רמי המעלה, שישבו בתוכם אף לא הבחינו בנו ולא שתו לבם לקבלת־הפנים הנהדרת שסטביסק הנסערת והנרגשת הכינה להם. אמנם חוויה בלתי נשכחת, שנגוזה כהרף־עין כחלום יעוף, והעיירה החוגגת שקעה שוב באפרורית של חולין, כאילו לא היה דבר מעולם...

✶

עד היום מהדהדות באזני האזעקות בלילות: שריפה! דליקה! בחפזון ובבהלה הוצאו החוצה המטלטלין, כרים וכסתות, וכל שבא ליד, את התינוקות הבוכים והנפחדים הושיבו על הערימות וכולם נחפזו לכבות את הלהבות העולות, העוטות את העיירה בלשונות אש ארגמן. הכל מכבים: מי בדלי ומי בחבית, מי בצעקות ומי בעצות... כולם כאיש אחד אצים רצים אל הדליקה. אפילו כבאים מעיירות שכנות הוזעקו להילחם באש האוכלת. השמים האדומים, תימרות העשן ורוחות הזעף מטילים אימה על העיירה כולה, שמא חלילה תכלה ותמחה מעל פני האדמה.

ולמחרת היום, בצאתך לרחוב, מזדקרים לפני עיניך שרידים של בתים שרופים, כתלים חרוכים, כלי בית מפויחים — אודים מוצלים מאש. פה ושם לוחש עוד זיק ושביב אש חנוק בתוך הבוץ, עושה נסיון אחרון להתלקח מחדש, וכעבור רגע דועך ושוקע בגסיסה איטית. משפחות הנשרפים תועות ותוהות בין הבתים החרבים, וידים רועדות מחטטות בין הגרוטאות — אולי נשאר משהו לפליטה מהדלות שעלתה באש... ולמחרתו של מחר שבה העיירה פצועה ודוויה לאפרוריות החיים היומיומית כתמול שלשום.

אבי ז"ל היה ה„רופא" שבעיירה (פעלדשער בלע"ז). הוא היה ה„רופא" הבכיר בעיירה. את מומחיותו ונסיונו בחכמת הרפואה רכש במשך שש השנים ששרת בצבא הרוסי. שם עבר קורס לחובשים ובתור שכזה עבד בבית־חולים צבאי. ואכן שם, בבית־החולים, רכש לא מעט ידע ונסיון בריפוי חולים. זקני העיירה מספרים, כי אבי, ר' מיכאל, היה „רופא" מעולה, בעל מזג טוב, מעירב עם הבריות, עניו ומצניע לכת, שאף לא היה מסתכל על המטבע שהחולה תחב לידו, וכי כל מעיניו ותשומת־לבו היו נתונים לאיש הסובל ולמכאוביו. אין תימה שהנשים לא קראו לו בשמו ר' מיכאל, כי אם ר' רפאל... לא אחת שמעתי מפי אם יהודיה דוויה, שהביעה את רגשי תודתה לאבא על שחלץ את ילדה מצפרניו של מלאך־המוות, פונה אליו בזו הלשון: „ר' רפאל, כה יתן לכם ה' וכה יוסיף על מעשיכם הטובים. ראשון אלוהים ואחריו אתה — ר' רפאל!"...

לא אחת, העירו דפיקות בהלה באישון לילה את משפחתנו משנתה, ואם מיואשת, אובדת עצות, זעקה במרי לבה אל אבי: „קום, ר' רפאל, חוש להציל את ילדי מצפרני המוות!"...

נפעם ונרגש היה קם אבי בזריזות, נוטל את צקלון ה„רופא" שלו ואץ לאחת הסימטאות האפלות לבית מגוריה של האם המיואשת. לא גשם סוחף, לא רוח זלעפות ולא סערת שלג הרתיעוהו מלחוש להעלות ארוכה, ולעתים גם להציל נפש מישראל. ואולי, לא מעט חלקן של אותן בהלות לילה ואזעקות חפוזות להתערערות בריאותו והחלשת לבו הרגיש, שהורידוהו אלי קבר בגיל 52.

זקני סטביסק סיפרו: פעם חלה קשות גביר העיירה. בני משפחתו הזעיקו רופא מפורסם מלומז'ה, עיר המחוז. לאחר שר' מיכאל דיווח לרופא המפורסם בעל־פה ובכתב, על התפתחות המחלה, על דרך טיפולו בחולה והתרופות שרשם לו, אמר הרופא המפורסם לבני המשפחה: בשביל מה הטרדתם אותי מלומז'ה בעוד בקרבכם ובעירכם מצוי רופא מעולה ובעל נסיון כמו הירשפלד?

ידידיו וחבריו הקרובים של אבי היו: ר' עזריאל הרוקח, הרב מטעם — ר' יהודה הירש ליברמן ור' חיים בנימין חבר, שהיו באים לביתנו בשעות הערב

ומשיחים על כוס תה בפוליטיקה, ציונות ובעניני תרבות. היו קוראים בצוותא „הצפירה" ו„הזמן" ומתווכחים על דברים העומדים ברומו של עולם ובמיוחד של עם ישראל וארץ־ישראל.

זוכרני, בילדותי גיליתי ענין מיוחד בקופסה הכחולה־לבנה, קופסת הקהק"ל, שהיתה תלויה בביתנו, בשכנות עם קופסאות צדקה כגון, של ר' מאיר בעל הנס וכיו"ב. שלא כקופסאות האחרות היתה קופסת הקהק"ל בעיני כלילת היופי, דומה לפרוכת הרקומה, הנאה, שהיו תולים על ארון־הקודש בחגים בבית־הכנסת הגדול. יום אחד שאלתי את אבי: מה נשתנתה קופסה זו משאר קופסאות הצדקה שבביתנו? ענה לי אבי: טיבה וייחודה של קופסה זו, שהיא קודש לגאולת הקרקע בארץ האבות ולישוב היהודים בה ולתקומת מלכות ישראל! הכיצד? הוספתי לשאול, כלום יתכן שתתחדש מלכות ישראל לפני ביאת המשיח? „יתכן ויתכן, ענה לי אבי, וחיוך נוגה מרחף על פניו, ואף אם לא תבוא הגאולה בזמננו, הרי התקוה כשלעצמה חשובה לאין שיעור לעמנו בגולה. כי זאת לדעת, קופסה זו תפיח תקוה בלב העם, תקוה לגאולה ולתקומת מלכות ישראל, שתבוא ביום מן הימים, ואף על פי שתתמהמה, בוא תבוא! ודע בני, תקוה לאו מלתא זוטרתא היא! היא תחזק את הלבבות של אחינו בני־ישראל לתפוצותיהם ותקל מעמנו את עול הגלות המרה, ותודות לה יזכה עם ישראל הנתון בצרה ובשביה לקוממיות!" הוי, אבא יקר, מי יגלה עפר מעיניך ומעיני אחרים כמוך, לראות את חלומכם ומשאלת לבכם בהגשמתם והפיכתם למציאות, מי מילל ומי פילל אז שדורנו יזכה לראות במילוי תקוותיה של הקופסה הזאת, הקופסה הכחולה:

מורי הראשון היה ר' אלתר המלמד ז"ל: יהודי תמיר, גבה־קומה שזקן אדום בהיר העטיר את פניו העדינות. הייתי ילד רך, ובחורף, בימים של כפור צורב ושל סופות שלג משתוללות, היה ר' אלתר נושא אותי בזרועותיו מה„חדר" שלו אשר שכן בסימטה מאחורי רחוב הנפחים ומביאני לבית הורי המרוחק. אצל ר' אלתר למדתי אלף־בית, „עברי", בהיגוי נאה וברור. שנים רבות לאחר מכן, עם עלייתי לארץ ובהתקבלי כשחקן וקריין בתיאטרון העברי, כאשר זכיתי לדברי שבח אולי מופרזים במקצת על ההיגוי העברי הצלול והברור שלי (דיקציה בלע"ז), הייתי אומר לעמיתי: „תורה זו למדתי מפי „הפרופיסור" — מלמד הדרדקים — ר' אלתר האדמוני מק"ק סטביסק, השוכנת כבוד צפונית־מערבית של פולין הקונגרסאית".

כשגדלתי, התחלתי ללמוד לימודים כלליים בבית־הספר הממשלתי הרוסי, ותורה, נ"ך ואחר־כך גפ"ת למדתי אצל רעו של אבי, המלמד ר' חיים בנימין חבר ז"ל. ר' חיים בנימין לא היה סתם מלמד מהדור הישן, מלמדים שהיו מרביצים תורתם ע"פ שיטת התירגום המילולי ליידיש: „ויאמר — געזאגט, וידבר — גערעדט", אלא מלבד היותו יהודי בר־אוריין, היה מצוי גם אצל ספרות ההשכלה, ובלמדו תורה ונביאים היה מקפיד על כללי הדקדוק, תר לחשיפת השורש של כל מילה, מדייק על הבנין והגזרה לפרטיהם ודקדוקיהם. ליצני הדור השמרנים, שלא היתה להם ידיעה כלשהי במבנה הלשון העברית ודקדוקה, היו לועגים לו וכינוהו בשם „פקוד פקדתי"...

בשנת 1912 חלה אבי בטרשת העורקים ואמי נסעה עמו לקניגסברג (פרוסיה

המזרחית) לרופא מפורסם. אבא לא קם מחוליו, ובהיותו בטיפול בקניגסברג נפטר באותה שנה. משפחתנו שנתיתמה מראשה, עזבה את סטביסק והשתקעה בלודז'. בלודז' המשכתי את למודי בתלמוד־תורה ע"ש ירוצ'ינסקי ומשם עברתי לגימנסיה העברית של ד"ר ברוידה, בה סיימתי את חוק־לימודי עם תעודת בגרות בשנת 1922. מורי בגימנסיה במקצועות היהדות היו הסופרים והפדגוגים: ד"ר שמחוני, ר' חיים יצחק בוניך, ד"ר ירמיהו פרנקל; המשורר יעקב כהן והסופר יצחק ברקמן — זכרונם לברכה. לא אחת, בשנות שבתי בארגנטינה (30 שנה) היה שואל אותי אחד מעמיתי המורים: מנין העברית הזאת שלך? וגם כאן, בארץ, לאחר שהתאזרחתי בתיאטרון העברי, חזרו על אותה שאלה חברי השחקנים — לאלה ולאלה נתתי אותה תשובה: את השפה העברית למדתי מפי ר' חיים בנימין המלמד, ב„חדר" הצר והחמים שבדירתו בסימטה האפלה בעיירה הקטנה סטביסק.

✶

„התדע מאין נחלתי את שירי?
בבית אבי השתקע משורר ערירי..."
(ח. נ. ביאליק)

יש ואני שואל את עצמי: אני, יליד העיירה הזעירה, הרדומה והנידחת, שבימים ההם לא ידעו רוב תושביה תיאטרון מהו, ואולי אף לא שמעו על קיומו, — מנין באה אלי הנטיה והזיקה לאמנות הבמה? איזה כוח טמיר דחף אותי להתמכר לתיאטרון? מאלו מקורות נבעו אצלי הכיסופים למשחק הבמה? ובעיקר מהיכן בא אלי הכשרון למשחק? (יסלחו לי הקוראים שאיני נוהג לפי הכלל יהללך זר — ולא פיך). יתר על כן, לא רק אני הייתי יוצא הדופן היחיד במשפחתנו שהקדשתי את חיי לאמנות הבמה, גם אחותי הבכירה, צילה הי"ד, היתה שחקנית ידועה בתיאטרון האידי בפולין. כינוייה הבימתי היה צשה סרנה, והיא התבלטה במשחקה הכשרוני והצטיינה במיוחד בתפקידים: לאה ב„דיבוק" של אנ־סקי; מייטה — ב„פונדק השומם" של פרץ הירשביין; נטשה — ב„יענקל הכפרי" של ל. קוברין; ומגדה — במחזהו של ד"ר ציפור „המרד".

השחקן־הפרטיזן המפורסם יונס טורקוב, בספרו „כוכבים כבויים" („פאַרלאָשענע שטערן" כרך 2, (162—170) כותב על אמני התיאטרון היהודי שניספו בשואה ומקדיש פרק לחייה, פעילותה וסגולותיה האמנותיות של אחותי השחקנית צשה סרנה, שנרצחה בידי הנאצים בגיטו רישא שבגליציה, עיר מגוריה, בשנות המלחמה.

אחזור לשאלתי: מנין וממי נחלנו את הנטיה והכושר לבמה? והתשובה היא: מאמנו ז"ל. הכיצד? הרי אמנו, ככל נשי ישראל היתה עקרת־בית רגילה ואם ואשה מסורה לבניה ולבעלה, וודאי שלא היתה שחקנית.

ברם, כשאני מחזיר מבט לימי ילדותי ומעלה מתהום הנשיה פניני־זכרונות, כשאני רואה לפני עיני רוחי את אמנו, הליכותיה, אופן דיבורה, חוש ההומור העממי שלה והצורה המקסימה שבה היתה מספרת לנו, ילדיה, מעשיות שהיו או שלא היו, וכשאני מעלה בזכרוני את אוירת השבת, את שעת בין־השמשות של צאת השבת, את האפלולית העגומה, שעטתה את הבית בעת שהנשמה היתרה

חומקת ומסתלקת כצל עובר, וששת ימי המעשה, ימי החולין, כבר עומדים על הסף, ואמנו שרה לנו בנעימה ערבה ונוגה ובחן עילאי את שיריו ופזמוניו של אברהם גולדפדן, אבי התיאטרון היהודי, „ראזשינקעס מיט מאנדלען" (צימוקים ושקדים) או „פאריאָמערט, פארקלאָגט" (ביגון ובאנחה), או את שירי ציון של אליקים צונזר, המשורר העממי, או שהיא משעשעת אותנו בסיפורים מבדחים על „סאנה הבדחן", איש ביאליסטוק (עיר הולדתה), ומתארת בציוריות את מעשי הקונדס וההיתולים שלו בחתונות; או שמספרת לנו על הסבים והסבתות ועל אנשים ונשים שהיו ואינם עוד, על אורחם, דיבורם, חייהם ומעשיהם, וכל סיפוריה מתובלים בהלצות ובדיחות ובפתגמי־עם עסיסיים והעוויות מצחיקות — כך שכל הדמויות האלה עמדו לפנינו חיות; כשאני חושב על כל זה עתה, בפרספקטיבה של למעלה מיובל שנים, הריני בא למסקנה שאשה חכמה ופקחית זו ניחנה בכשרון שחקני מעולה, ואחותי הגדולה ואני הקטן, ירשנו ממנה את המשחק הטבעי, הכן והשרשי שלה. ולימים, כאשר שנינו, דחופים ע"י כוח שהיה טבוע בדמנו, נסחפנו ונקלענו, חרף התנגדותה של אמנו היקרה, לתיאטרון — היה המניע הראשי הירושה שקיבלנו ממנה.


אולם לא רק הבית והשפעתה הבלתי אמצעית של אמי היוו לי מקור השראה. חוויות תיאטרון עמוקות נחרתו בקרבי מימי ילדותי גם במקומות אחרים, ובראש ובראשונה באוירה של עיירתנו, שמקום נכבד נועד ללא כל ספק לבית־הכנסת ולבית־המדרש. זוכרני, שלא אחת בשובי הביתה מבית־הכנסת, הייתי מתעטף במטפחת של אמא או בסודר שלה, במקום טלית, מטפס על השולחן, ששימש לי במה, והייתי מחקה את הבעל־קריאה, ר' נחמן הארוך, המאנפף בקריאתו המסולסלת את ה„פזר" וה„שלשלת" או את בעל־התפילה הצרוד והמשתעל, או את החזן הממצמץ בעיניו בעת סילסוליו וכל מיני בעלי־בתים, איש־איש על תנועותיו והעוויותיו — ובני הבית היו צוחקים ונהנים כאילו היו צופים במשחקו של קומיקאי ממש.

לחברה ק"ס (קוני ספרים) היו באים לעתים קרובות דרשנים ומגידים, ואני, הילד, הייתי מאזין בנשימה עצורה ובפה פעור לדרשותיהם, השזורות אגדות ומשלים, שהיו מעבירות אותי על כנפי הדמיון אל עולמות של חזון והזיה, אל הגיהינום, על שבעת מדוריו, אל הסמבטיון שנח רק בשבת, אל גן־העדן שצדיקים נהנים בו מזיו השכינה, ואל ימות המשיח, שהקב"ה בכבודו ובעצמו יכין לצדיקים סעודה משור־הבר והלויתן. מדרשות אלה הייתי חוזר הביתה נרגש ונסער, ובנוח עלי הרוח הייתי שוב מתעטף במטפחת, עולה על השולחן וחוזר על דרשתו של המגיד, כמעט מילה במילה בניגון המיוחד שלו, ומסביב לי היו מצטופפים בני משפחתי וגם שכנים ושכנות, שהיו באים ליהנות מ„עונג רוחני". קהל הצופים שלי היו מקשיבים בקשב רב לארשת שפתי, ולוטשים אלי עינים מפיקות חיבה והכרת טובה ואני (האָרטיסט הקטן) נהנה מהצלחתי. מחיאות כפיים ותשואות „סוערות" לא נשמעו אמנם בביתי עם תום ה„הצגה", שכן בעיירתי סטביסק עוד לא ידעו אז את הנוהג של מחיאות־כפיים. עיקרו של דבר, עם או בלי מחיאות כפיים, אני הקטן הרגשתי את עצמי באותו מעמד כאמן־שחקן בתיאטרון המופיע לפני קהל מעריצים, אם כי

תיאטרון ומשחק היו בשבילי אז מלים בלתי ידועות. עכשיו, במרחק של למעלה מיובל, יודע אני שאלו היו הופעותי הראשונות כשחקן.

*

החתונות בעיירתנו היו ממש מופעים המוניים, שהשתתפו בהם רוב תושבי העיר, וחוצותיה שימשו להם במה. את החתן והכלה ומלוויהם — ההורים



בית הכנסת הגדול
די גרויסע שול
נבנה באמצע המאה ה־18 ונחרב בימי הנאצים ביולי 1941
אויפגעבויט אינמיטן 18־טן יארהונדערט, חרוב געווארן דורך די נאציס, יולי 1941

והמחותנים וקהל האורחים המוזמנים משני הצדדים — היו מובילים ברוב עם עד לחופה הפרושה ברחבת בית־הכנסת, והנגנים (הכליזמרים) של ה„תזמורת" המקומית מנגנים בכינורות, מכים בתופים, תוקעים בחצוצרות ומחללים בחלילים, מנעימים בלחניהם וניגוניהם העממיים את התהלוכה החגיגית והעיירה כולה מוארת ממאות הנרות המפיצים אור נגוהות על סביבתם, ופרחחים שובבים מתגנבים ונדחקים בתוך ההמון הרב ועד לחתן והכלה יגיעו לדקור אותם בסיכות, והקהל ממטיר עליהם „קונפטי" (פתיתי נייר ססגוניים), והבדחן משמיע באזני החתן והכלה והמחותנים מילי דבדיחותא על טהרת החרזנות כלשון הטובה עליו. ורבה השמחה וגדולה העליצות וכל העיר שמחה וצהלה. וכאשר אני מעלה בזכרוני את החתונות שבעיירתי, הריני שואל את עצמי: כלום מסוגל תיאטרון

מודרני, ויהא המעולה שבמעולים, להציג הצגה רבת־עם והדר, כפי שידעה להציג עיירתי הנידחת סטביסק בחתונה מן המנין ביום רגיל של חול?...

✶

וההקפות של שמחת־תורה בבית־הכנסת — מה ידמה ומה ישווה להן? בעיני רוחי אני רואה את עשרות היהודים העוברים בסך, מקיפים את הבמה, וזרועותיהם חובקות ספרי־תורה עטורים בכתרים ובפעמונים, וכל ילדי העיירה על דגליהם המתנוססים בידיהם, מעוטרים בדמויותיהם של משה ואהרן, זה עם לוחות־הברית, וזה בבגדי הכהונה המפוארים, ותפוחי־עץ אדומי־לחיים ונרות דולקים בתוכם בראש הדגלונים, מלווים את בעלי ההקפות, וכולם שרים ורוקדים בחום ובהתלהבות עד כלות הנפש, והנשים והנערות מצטופפות ונושקות את ספרי־התורה ומצייצות „כה לחי!" ו„לשנה הבאה", והגברים והנערים עונים להן: „גם אתם".

והושענא רבה! מאות יהודים עטורי זקנים, בחורים וילדים, עומדים בבית־הכנסת, חובטים ב„הושענות" וקוראים בקול חוגג: „קול מבשר מבשר ואומר!" ועדת יהודים, האתרוג בידם האחת והלולב בידם השניה מקיפים את הבמה שבע פעמים ומגרונם בוקעת התפילה הנצחית „הושע־נא!..." ובשובי מבית־הכנסת הביתה הייתי אוסף את החבר'ה, וכל אחד מביא עמו מקל ותפוח־אדמה, ואני „המצביא הגדול" מנצח על הגדוד הצוהל.

ואם בכל החגים היתה שורה השמחה, הרי עלה חג הפורים על כולם. שכן בפורים הותרה הרצועה, וכנסת־ישראל כולה צהלה ושמחה. הרעשנים מקימים רעש והמולה כשהבעל־קריאה מזכיר את שמו של המן הרשע ועשרת בניו, מפרשנדתא ועד ויזתא, והיהודים המודאגים בכל ימות השנה פורקים ביום זה מעל גבם עול הגלות ועול הפרנסה, ושמחת החג עולה על גדותיה, ומצוה להיות בגילופין „עד דלא ידע"... ונערים ונערות אצים־רצים בחוצות העיירה מבית לבית ומשלוח־מנות בצלחות מכוסות במפות, המסתירות מעינא בישא מגדנות ומעדנים, תופינים ואוזני־המן, צימוקים ושקדים, ובאמצע הצלחת מונח מלך הפירות — תפוח זהב אחד ויחיד מוקף בבני הפמליא שלו; ושחקני פורים מחופשים כגיבורי המגילה: אחשורוש המלך הטפש, ושתי המלכה עם הקרן על מצחה, המן הרשע, ולהבדיל אלף הבדלות אסתר המלכה ומרדכי היהודי, וכולם יוצאים דחופים כאחשתרני מדי ופרס מבית לבית ומסעודה לסעודה, פיותיהם מלאים שחוק ולשונם רינה וגילה, וכולם, השחקנים ובעלי־הבתים, שרים בצוותא „שושנת יעקב צהלה ושמחה", או השירים העממיים: היום פורים מחר יום חול, תנו לי פרוטה ופטרוני בזול!", או „המן הרשע מלקק עפר, ומרדכי היהודי רוכב על הסוס בפאר והדר!", וכיוצא באלה שירים ופזמונים שנתחברו לכבוד פורים. וגדולה ההמולה ורב השאון כי פורים היום.

ובזכרי את כל החוויות האלה, בין של ימי חג ובין של יום חול, בשנות ילדותי בעיירה הקטנה סטביסק — יודע אני שאם כי לימים זכיתי להסתופף בצלם של אמני התיאטרון האידי הגדולים, ושמעתי לקח מפיהם, אך האסכולה הראשונה שלי באמנות הבמה היתה עיירתי סטביסק על אפרורית החולין שלה וחגיה הזוהרים.

זלמן הירשפעלד

דאָ איז געשטאַנען מיין וויגעלע

(זכרונות)

כ׳בין געבוירן געווארן אינעם קליינעם שטעטעלע סטאַוויסק אלס בן־זקונים פון מיינע עלטערן מיכאל־יעקב און שיינע־שרה זכרונם לברכה.

אונזער משפחה האט געוואוינט אין ווילאמאָווסקיס הויז בשכנות מיט שלמה־יחיאל דעם קאשע־מאכער. כ׳געדענק, אז זייער זון אלחנן איז געפארן לערנען אין דער וואלאזשינער ישיבה און צוריקגעקומען פון דארטן אויף יום־טוב קורץ געקליידעט, מיט א ווייסן קאלנער און קראוואט לויט דער משכילישער מאָדע. דעריבער האט מען אויף אים גערעדט אז ער איז אראָפּ פון דרך־הישר...

דער בחור איז נישט געווען קיין איינצעלנע דערשיינונג אין אונזער שטעטל, ווייל אפילו די זין פון אונזער רב הרב דוואָרעצקי זצ״ל זיינען אויך געווען סטודענטן און געלערנט אין די אוניווערזיטעטן.

שפּעטער האבן מיר זיך אריבערגעצויגן אינעם מויער פון ר׳ זאנוול בלאנקשטיין אויפן אויבערשטן גאָרן, אין סאמע צענטער פון שטעטל, אין מאַרק ביים שאָסיי וואָס האָט געפירט פון פעטערבורג קיין ווארשע.

פון מיינע קינדער־יארן איז געבליבן איינגעקריצט אין מיין זיכרון א אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אין אונזער שטעטל. ארום יאר 1911 איז פאָרגעקומען אן אויטאמאבילן־געיעג איבער דעם שאסיי פעטערבורג־ווארשע, וועלכער האט געמוזט בליץ־שנעל פארבייפליען אונזער שטעטל.

מיט פיבער און ברען האט זיך דאס גאנצע שטעטל, קינד און קייט, געגרייט צו אט דער געשעעניש. מ׳האט אויסגעקערט און אויסגערייניקט דעם מארק און דעם שאסיי לענגאויס דעם שטעטל, אויסגעקאלכט די ראנדן און רינשטאקן, באשאטן מיט העלן זאמד דעם וועג, אפילו אויפגעשטעלט א מין טריאומף־טויער באצירט מיט צווייגן און מיט דער פאן פון דער צארישער אימפעריע. ביי ביידע זייטן שאָסיי האבן זיך אויסגעשטעלט די דריי־פיר סטראזשניקעס (פּאָליציאנטן) — די פאָרשטייער פון דער צארישער מאכט, וועלכע האבן מיט א פעסטער האנט רעגירט איבערן שטעטל. מיט אויסגעפוצטע שטיוול, גלאנציקע קנעפּ און פארדרייטע וואנצעס זיינען זיי געשטאנען „נאַגייקע בידם וחרב בצדם״, אויסגעשטרעקטע, גרייט צו סאלוטירן מיט גרויס רעספעקט. אויך דער האלבער טוץ שטעטלשע פאָזשארניקעס (פייערלעשער) זיינען געשטאנען וואַזשנע מיט זייערע מעשענע קאסקעס אויף די קעפּ. קליין און גרויס, יידן און גויים, זיינען געשטאנען אין שפּאנונג און דערווארטונג, זיך אויסגעקוקט די אויגן, גרייט מקבל־פּנים זיין די „סאַמאָכאָדן״ — אלע אויסגעפוצט אין עסיג און האָניק, יום־טובדיק, די קינדער אויסגעצוואָגענע און פארקעמטע... ווייל מ׳האט דערציילט, אז אין די אויטאָמאָבילן פאָרן גענעראלן, שררות, און אפשר טאקע דער קייסער אליין אָדער

זיין „נאַסלעדניק" מיט זיין סוויטע — ווער ווייסט? אן אומפארגעסלעכע איבערלעבונג!

און אָט האָבן אנגעהויבן בליץ־שנעל פארבייפליען די אויטאָמאָבילן, איינער נאָכן אנדערן, יעדע 5, 10 אדער 15 מינוט — אין געיעג און אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב איבערן שטעטל, און די גרויסע לייט האבן נישט באמערקט, זיך אפילו נישט ארומגעקוקט אויף דעם פייערליכן קבלת־פנים פון גאנץ סטאַוויסק... אלץ ווי א חלום פאַרשוואונדן און דאס שטעטעלע איז ווידער פאַרזונקען אין איר וואָכעדיקער טאג־טעגלעכער גרויקייט — אזוי ווי ס'וואָלט קיינמאל גאָרנישט געשען.

★

און קענען דען אָפגעמעקט ווערן פון זכרון די נאכט־אליארמען: א שריפה! ס'ברענט! אין פאניק און שרעק האָט מען ארויסגעטראגן אין גאס וואס עס לאזט זיך, בעטגעוואנט, וועש און בעבעכעס, אוועקגעזעצט די איבערגעשראָקענע וויינענדיקע קינדער אויף די זעק און פעק און געאיילט העענדום־פענדום העלפן לעשן די העלישע פלאַמען וואָס הילן איין דאָס שטעטל אין צונטער־רויט; ווער מיט אן עמער, ווער מיט א פעסל, ווער מיט געשרייען און עצות, אלע ווי איינער, אפילו פייערלעשער פון די ארומיקע שטעטלאך זיינען אָנגעפלויגן צו ראנגלען זיך מיטן גזר־דין.

און די רויטע רויכיקע הימלען און די בייזע ווינטן ווארפן אָן א שרעק — דאָס גאנצע שטעטל זאָל חלילה נישט אוועק אין פלאמען...

און אויף צומאָרגנס האט מען געזען אָפגעברענטע חרובע היימען, רויכיקע גלאָווניעס, פאר'שרפה'טע ביסל אָרימקייט... דאָ און דאָרטן טליעט נאָך א פונק, מאכטלאז, צעפלאַקערט זיך מיט די לעצטע כוחות און גייט אויס אין שטילער גסיסה...

משפחות פון אפגעברענטע בלאָנקען ארום און גראַבלען, נישטערן אין אַש, צעווייטיקטע און פאראומערטע זוכן זיי — אפשר איז עפעס געבליבן פון זייער דלות?...

און אויף צומאָרגנס איז דאס שטעטל צוריק אויפגעשטאנען מיט נישט פארהיילטע וואונדן צום גרויען טאג־טעגלעכן לעבן.

★

מיין פאטער ז"ל איז געוועזן דער „רופא" פון שטעטל — „סטאַרשי פעלדשער" — א „רופא" מיט אסך פראקטיק און דערפארונג. 6 יאר האט ער געדינט אין צארישן מיליטער, וואו ער האט דורכגעמאכט א קורס פון פעלדשערס און פראקטיצירט אין מיליטערישן שפיטאל, וואו ער האט דערווארבן קענטעניש און דערפארונג אויף דעם געביט.

לויט ווי עלטערע תושבים פון סטאַוויסק פון די אנהויבן פון אונדזער

יאָרהונדערט גיבן איבער, איז ר׳ מיכאל געווען א גוטער רופא, א מענטש א באשיידענער, א גוט־האַרציקער, וואס פלעגט נישט קוקן אויף דער מטבע וואס דער פאציענט האט אים ארייגעלייגט אין האנט אריין, נאר פלעגט בלב ונפש זיך אינטערעסירן מיטן חולה און מיט זיינע ווייטיקן און ליידן. די ווייבער פלעגן אים דעריבער נישט רופן ר׳ מיכאל, נאר ר׳ רפאל. נישט איינמאל איז מיר אויסגעקומען צו הערן די רייד פון א געטרייער צעווייטיקטער מאמען, וועלכע פלעגט קומען אפדאנקען דעם רופא, וואס האט איר קינד ממש ארויסגעראטעוועט פון מלאך־המות׳ס נעגל: „גאָט זאָל אייך דערפאר באצאָלן כפל כפליים — פריער גאט, דערנאך איר, ר׳ רפאל״...

נישט איינמאל האט אונז אלע, די גאנצע משפחה, אויפגעוועקט א ווײי־געשריי, א געוויין און א ליארם, א קלאפעריי אין די פענצטער און טירן פון אונזער שטוב — א געוואלד פון א בארמהארציקער יידישער מאמע:

— „שטייט אויף ר׳ רפאל, ראטעוועט מיין קינד, עס איז נעבאך קראנק, פארביי״...

און דער טאטע פלעגט זיך שנעל אָנטאָן, נעמען אין איילעניש זיין טשעמאָדאנ־טשיקל מיט די מכשירים און זיך געלאזט לויפן אין די פינצטערע געסלאך פון שטעטל, אין רעגן און זאווערוכע, אריין אין אן ארים שטיבל ראטעווען דאס לעבן פון א יידיש קינד פון מלאך־המות׳ס נעגל.

ווער ווייסט? ס׳קען גריילעך זיין, אז אָט די שוידערלעכע נאכט־אַליאַרמען האבן געווירקט אויף זיין געזונט, אפגעשוואכט זיין פילבאר הארץ און דערפירט צו זיין פריצייטיקן טויט אין עלטער פון 52 יאר.

דערציילן אלטע תושבים פון סטאַוויסק: איינמאל איז א ייד א נגיד געפערליך קראנק געווארן, האט מען ספעציעל אראפגעבראכט א גרויסן בארימטן דאקטער פון דער גובערניע־שטאָט לאָמזשע. נאכדעם ווי דער פעלדשער ר׳ מיכאל האט איבערגעגעבן דעם דאקטער א שריפטלעכן און מינדלעכן באריכט אין דער רוסישער שפראך וועגן גאנג און אנטוויקלונג פון דער קראנקהייט ווי אויך וועגן די רפואות און באהאנדלונג, וועלכע ער האט דעם פאציענט ביז איצט געגעבן — האט דער בארימטער דאקטער געזאגט צו דער משפחה: „וואס האט איר געדארפט ברענגען מיך אזש פון לאמזשע, אז איר האט בא אייך אזא וואונדערלעכן דאקטער ווי הער הירשפלד?״

✶

די נאענטע און פריינד פון מיין פאטער זיינען געווען דער אפטייקער ר׳ עזריאלקע ליבערמאן, דער קאזיאנער רב ר׳ יהודה הערש ליבערמאן און ר׳ חיים בנימין חבר, וועלכע פלעגן זיך צוזאמענקומען אין די אוונטן און שמו־עסן וועגן פאליטיק, ציוניזם, קולטור, לייענען די „הצפירה״, דעם „הזמן״, דיסקוטירן וועגן וועלט־פראבלעמען בכלל און וועגן פאלק ישראל און לאנד ישראל בפרט.

אלס קינד האב איך זיך אמאל פארקוקט אויף דער שיינער בלוי־ווייסער קרן־קיימת פושקע, וואס איז געהאנגען ביי אונז בשכנות מיט די צדקה־פושקעס

פון ר׳ מאיר בעל־הנס א.א. די פושקע האט אין מיינע אויגן געהאט אלע חנען, אזוי ווי דער יום־טובדיקער פרוכת פון ארון־קודש אין דער גרויסער שיינער שול, און כ׳האב געפרעגט מיין פאטער:

— טאטע, מיט וואס אונערשיידט זיך די פושקע פון אלע אנדערע צדקה־פושקעס?

האט מיר מיין פאטער געענטפערט:

— דאס איז די פושקע, וואס איז געהייליקט אויסצולייזן די ערד פון ארץ־ישראל, באזעצן דארטן יידן פון דער גאנצער וועלט און אויפשטעלן מלכות ישראל.

— איז עס מעגליך, טאטע — האב איך ווייטער געפרעגט — אויפצושטעלן מלכות ישראל נאך איידער משיח וועט קומען?

— מעגליך, מיין קינד, אלץ איז מעגליך — האט מיר מיין פאטער געענטפערט און א טריבער שמייכל האט געשוועבט איבער זיין פנים. — און אויב אפילו — האט ער ווייטער גערעדט — דאס זאל נישט געשען אין אונזערע יארן פאר אונזערע אויגן, איז אבער די האפנונג אליין, דער גלויבן אין דער גאולה וויכטיק גאר אן א שיעור; די פושקע וועט וועקן האפנונגען אין די הערצער, גלויבן אין אויפקום און אויפלעבונג פון יידישן פאלק אין לאנד פון די אבות; און האפנונג, גלויבן, איז גארנישט קיין קלייניקייט, זי וועט פאר־לייכטערען דעם יאך פון פינצטערן גלות און אדאנק דעם וועט אונזער פאלק דערלעבן די גאולה —

— איי טאטע טייערער! איי ליבע עלטערן אונזערע! ווען איר זאלט קענען זען מיט אייערע אויגן די פארווירקלעכונג פון אייערע האפנונגען און חלומות פון דער בלוי־ווייסער פושקע!...

★

מיין ערשטער מלמד איז געווען ר׳ אלתר ז״ל — א הויכער שלאנקער ייד, וואס זיין העל־רויטע בארד האט באשיינט זיין איידל פנים. כ׳בין נאך געווען א יונג קינד, און אין פראסטיקע ווינטער־טעג, ווען שניי־זאווערוכעס האבן געהוליעט אין די גאסן, פלעגט מיך ר׳ אלתר אליין אהיימטראגן אין זיינע ארעמס פון זיין חדר אין א פארווארפן הינטערגעסל, ערגעץ הינטער שמיד־גאס, ביז אונזער שטוב אויפן סאמע מארק — א מהלך.

ביי ר׳ אלתרן אין חדר האב איך געלערנט אלף־בית און א גוטע קלארע „עברי״, אזוי ווען כ׳בין מיט אסך יארן שפעטער אנגעקומען אין העברעאישן טעאטער אין ישראל אלס שוישפילער, און די רעזשיסארן און אקטיארן פלעגן שטארק לויבן (אפשר איבערטריבן) מיין קלארע העברעאישע אויסשפראך, מיין גוטע דיקציע אין עברית, פלעג איך זיי זאגן:

— אט די תורה, מיין גוטע קלארע „עברי״, האב איך געלערנט ביי דעם „פראפעסאר״ — דעם דרדקי־מלמד ר׳ אלתר אינעם פארווארפענעם שטעטעלע סטאוויסק, וואס ליגט אין די צפון־מערב קאנטן פון קאנגרעס־פוילן.

נאכדעם האב איך אנגעהויבן לערנען אין דער רוסישער פאלקס־שולע; צו

לערנען תורה שבכתב און תורה שבבעל־פה בין איך איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער רשות פון מיין פאָטערס פריינד, דעם אויבנדערמאַנטן מלמד ר׳ חיים בנימין חבר ז״ל.

ער איז נישט געווען סתם קיין מלמד פון אלטן שניט — כבודם במקומם מונח — וואָס פלעגן קנעלן מיט די תלמידים לויט דעם אָנגענומענעם מעטאָד: „ויאמר — געזאָגט, וידבר — גערעדט״..

ר׳ חיים בנימין איז געווען א ייד א תלמיד־חכם, וואָס האָט אויך אסך געשעפּט פון די קוואלן פון השכלה, א גרויסער בעל־דקדוק און ער פלעגט דעריבער ביים לערנען שטארק מקפיד זיין אויף אלע כללים פון דקדוק און מסביר זיין זיינע תלמידים דעם שורש, מקור פון יעדן וואָרט, אפילו דעם בנין און די גזרה מיט אלע קלענסטע פרטים; דעריבער פלעגן אלט־מאָדישע קאָנסער־וואטיווע לייט חוזק־מאכן פון זיין „פקוד־פקדתי״ — אין וועלכן זיי האָבן קיין אנונג נישט געהאט.

אין יאָר 1912 איז מיין פאָטער קראנק געוואָרן אויף סקלעראָז פון די אָדערן און בלוט־געפעסן און מיין מוטער ז״ל איז דאַן מיט אים געפאָרן קיין קעניגסבערג אין דעם נאָענטן פרייסן צו א גרויסן פּראָפעסאָר און דאָרט איז ער טאקע דעמזעלבן יאָר נפטר געוואָרן. אונזער פאריתומטע משפּחה איז דאַן אריבערגעפאָרן קיין לאָדזש וואו מיר האָבן געהאט אסך גאָר נאָענטע קרובים.

אין לאָדזש האָב איך צוערשט געלערנט אין יאראָטשינסקיס תלמוד־תורה און דערנאָך אין דער העברעאישער גימנאזיע פון ד״ר ברוידע ז״ל, וואו איך האָב געענדיקט מיט מאטורע אין יאָר 1922.

די לערערס אין דער גימנאזיע אין די יידישע לימודים זיינען געווען די באריממטע שריפטשטעלער און פעדאגאָגן ד״ר שמחוני, ר׳ חיים יצחק בונין, ד״ר יעקב כהן, ד״ר ירמיהו פרענקעל און יצחק בערקמאַן זכרונם לברכה. נישט איינמאָל פלעגט מיך א לערער פרעגן: — פונוואנען האָסטו גענומען דיין העברעאיש לשון? אויך דאָ, אין ישראל, נאָך אסך יאָרן, ווען כ׳בין אהער אָנגעקומען און איינגעשלאָסן געוואָרן אין די העברעאישע טעאטערס, פלעגט מען מיך אָפט פרעגן: — פונוואנען קומט צו דיר אזא עברית, פון ארגענטינע? (30 יאָר האָב איך דאָרט געלעבט און געווירקט). דערויף פלעג איך תמיד ענטפערן:

— עברית האָב איך געלערנט ביים מלמד ר׳ חיים בנימין — דאָרטן אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל — אין שטעטעלע סטאַוויסק...

✶

„דו ווייסט ווי ביי מיר האָט דאָס ליד זיך גענומען?
ביים טאטן אין הויז איז א זינגער געקומען...״
(ח.נ. ביאליק)

אָפטמאל פרעג איך זיך אליין:

— איך בין געבוירן אין א קליין פארוואָרפן שטעטעלע, וואס ס׳רוב אירע איינוואוינער אין יענע יאָרן האָבן אפילו נישט געוואוסט וואס דאס איז אזוינס

טעאטער, זיי האָבן אפילו נישט געוואוסט אז עס עקזיסטירט ערגעץ־וואו אזא מין זאך וואָס רופט זיך „טעאטער" — פונוואנען־זשע קומט צו מיר די נייגונג און דער דראנג צו טעאטער־שפּיל? וואס פארא פארבאָרגענער כוח האָט מיך באוואויגן צו ווידמען מיין לעבן דעם טעאטער? וואָס האָט אין מיר דערוועקט די גליסטונג און ליבשאפט צו טעאטער און פונוואנען קומט צו מיר דער „טאלאנט" צו טעאטער־שפּיל?

און איך בין נישט געווען דער איינציקער אין אונזער משפחה, ווייל אויך מיין אלטערע שוועסטער צירל הי"ד, איז געווען זייער א טאלאנטירטע שוישפּי־לערין אין יידישן טעאטער. איר טעאטער־פסעוודאָנים איז געווען צעשע סארנא. זי האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע פּרעכטיקע דראמאטישע אינטערפּרעטאציעס פון „לאה" אין אנ־סקיס „דיבוק", „מייטע" אין פּרץ הירשביינס „פּוסטע קרעטשמע", „נאטאשא" אין קאָברינס „דאָרפסיונג" און „מאגדא" אין „דער אויפשטאנד" פון ד"ר צפּור א.א.

אין זיין בוך „פארלאָשענע שטערן" (באנד 2 ז"ז 162—170) דערציילט דער שוישפּילער־פּארטיזאן יאָנאַס טורקאָוו וועגן דעם לעבענסגאנג פון יידישע בינע־קינסטלער, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים, און דאָרטן ווידמעט ער אויך א קאפּיטל מיין שוועסטער, דער שוישפּילערין צעשא סארנא, איר פּרוכטבארער טעטיקייט אין יידישן טעאטער און איר טראגישן סוף אין געטא פון דער גאליצישער שטאט ריישע. דאך בלייבט די קשיא: פונוואנען האט זיך צו אונז גענומען דער טאלאנט און די נייגונג צו טעאטער־שפּיל? און אָט איז די תשובה.

אונזער מוטער ז"ל איז געווען כל ימיה א געטרייע איבערגעגעבענע באלעבאָסטע און אן אמתע יידישע מאמע מיט לייב און לעבן, און זעלבסט־פארשטענדליך אז קיין שוישפּילערין איז זי קיינמאָל נישט געווען און אפילו נישט געחלומט וועגן דעם.

ווען איך גיב אָבער א בליק אויף צוריק צו מיינע קינדער־יאָרן און איך וויל אויפלעבן אין מיין זכרון די געשטאלט פון מיין מוטער — זע איך פאר מיינע אויגן א קלוגע פּיקחותדיקע יידישע פרוי מיט א געזונטן פאָלקסטימלעכן הומאָר און מיט א באצויבערנדיקן חן, מיט וועלכן זי פלעגט אונז קינדער דערציילן און ממש אויפלעבן וואונדערלעכע מעשיות און פאנטאזיעס. וויפל שטימונג און דערהויבנקייט האט ארומגעשוועבט אין אונזער האלב־טונקלער שטוב שבת פארנאכט, איידער דער ליבער שבת־קודש גייט אוועק ווי א שאָטן און אָט אָט רוקט זיך אָן די גרויע וואָך פון זאָרג און באָרג; אונזער מוטער זיצט ארומ־גערינגלט מיט אירע קינדער און זי זינגט פאר אונז מיט טרויער און מתיקות די געזאנגען פון אברהם גאָלדפאדן, צו אליקום צונזערס משכילישע ציוניסטישע לידער „ראָזשינקעס מיט מאנדלען" אָדער „אין דער שטאָט ירושלים", „פּאריאָמערט, פּארקלאָגט" א.א. אָדער גאָר דערציילט זי אונז פריילעכע מעשיות און שפּאסערייען פון דעם באַרימטן מגיד סאנע, פון ביאליסטאָק איר געבורט־שטאָט, ווי ער פלעגט זיך פארשטעלן אויף די חתונות פאר א יידענע מיט א פאטשיילע און געמאכט דעם עולם לאכן ביז טרערן; אָדער זי פלעגט אונז דערציילן וועגן

אונזערע זיידעס־באָבעס, פעטערס און מומעס, וועגן זייערעליידן און פריידן.

אירע רייד זיינען תמיד געווען באווירצט מיט וויצן און שפיצן, שפאסרייען און זאפטיקע חכמות און ווערטלאך; אָפט פלעגט זי מיט באזונדערע תנועות און העויות (היינט הייסט עס מימיק און זשעסטיקולאציע) אימיטירן, פאָרשטעלן מיט חן און הומאָר פארשידענע טיפן און געשטאלטן אזוי, אז זיי זיינען ווי לעבעדיקע געשטאנען פאר אונזערע קינדערשע אויגן. ווען איך דערמאָן זיך און טראכט וועגן דעם, פארשטיי איך ערשט אז די קלוגע פרוי איז געווען פון דער נאטור באשאָנקען מיט א געהויבענעם טעאטער־טאלאנט — און זי האט אפילו אליין וועגן דעם נישט געאנט; און ווי סע ווייזט אויס האט מיין עלטערע שוועסטער און אויך איך געירשנט פון דער מאמען אט די איינגעבוירענע טעאטראלישקייט און מיר זיינען מיט יאָרן שפעטער, טראָץ איר קעגנערשאפט, ווי דורך א פארבאָרגענער קראפט ארייננעצויגן געוואָרן אין דער טעאטער־עבודה.

✶

אָבער אויך אויסער די פיר ווענט פון אונזער היים האָבן זיך אין מיין קינדעריש געמיט איינגעקריצט טיפע טעאטראלישע איבערלעבונגען און עמאָציעס פון דער סביבה און אטמאָספערע פון אונזער קליין שטעטעלע, וואָס האָט אפילו נישט געהאט די מינדסטע אנונג פון טעאטער.

דער קוואל פון אָט די קינסטלעריש־טעאטראלע עמאָציעס איז געווען די שול און דער בית־המדרש. עס קלינגט אומגלויבליך, אָבער עס איז א פאקט.

ווען איך פלעג אהיים קומען פון בית־המדרש פלעג איך מיך איינהילן אין דער מאמעס פאטשיילע אָדער שאל, אזוי ווי אין א טלית, כ׳פלעג מיך ארויפשטעלן אויפן טיש ווי אויף א באלעמער און כ׳פלעג נאָכמאכן דעם בעל־קורא ר׳ נחמן דער לאנגער, ווי ער שאָקלט זיך ביים לייענען און ווי ער פאָנפעט און דרייט דעם „פזר״ און „שלשלת״, אָדער נאָכזינגען און נאָכזאָגן די תפילות פון הייזעריקן היסטנדיקן בעל־תפילה, אָדער דעם חזן וואס פינטלט כסדר מיט די אויגן בעת׳ן גאָרגלען זיך, און כ׳פלעג אויך געניי קאָפירן און אימיטירן פארשידענע בעלי־בתים, מתפללים, יעדן איינעם מיט זיינע ספעציפישע תנועות און העוויות — און די בני־בית פלעגן לאכן אזוי ווי זיי וואָלטן געזען און געהערט אן אמתן קאָמיקער.

אין חברה ק״ס (קוני־ספרים) פלעגן אָפט דרשנען מגידים און משולחים פון וויטע ישיבות. איך פלעג אויסהערן זייערע זיסע דרשות און זייערע הארציקע ניגונים מיט א אָפן מויל און מיט א פארכאפטן אָטעם; זיי האָבן מיך ממש מיטגעריסן אויף די פליגלען פון זייער פאנטאזיע מיט זייערע קלוגע משלים, מיט זייערע מעשיות און מדרשים וועגן די פארהוילענע סודותפולע געביטן פון גיהינום, סמבטיון און גן־עדן, וועגן משיח׳ס צייטן, שור־הבר מיטן לויתן א.ז.וו.

א צעפלאַמטער און פארכישופטער פון זייערע דרשות פלעג איך אהיימקומען, ווידער זיך איינהילן אין א פאטשיילע, ארויפקריכן אויפן טיש און נאָכזאָגן געניי די דרשה פונעם מגיד מיטן הארציקן ניגון און פרומע תנועות מיט אלע פיטשעווקעס.

נישט נאָר די משפחה, נאר אויך די שכנים און שכנות פלעגן זיך ארומשטעלן ארום מיר און דאָס פובליקום האָט אָנגעקוואָלן, מיר געקוקט אין מויל אריין מיט ליבשאפט און דאנקבארקייט פאר דעם „גייסטיקן פארגעניגן" וואס איך (דער ארטיסט!) האָב זיי פארשאפט.

וועגן אפלאָדיסמענטן און בראווא־פאטשערייען האָט מען נאָך אין יענע צייטן אין סטאוויסק נישט געוואוסט, אָבער איך האב שוין דאן אלס 8־יעריק יינגל געפילט דעם טעם פון אן „ארטיסט" — הגם כ'האב נאך דעמאָלט אפילו נישט געוואוסט אז ס'עקזיסטירט אזא מין באשעפעניש אויף דער וועלט.

ערשט מיט יאָרן שפעטער, ווען טעאטער איז געוואָרן מיין בארוף, האָב איך זיך אפגעגעבן חשבון, אז דאָס זיינען בעצם געווען מיינע ערשטע טעאטער־אויפטריטן, נאָך איידער כ'האָב געהאט די מינדסטע אנונג וואָס איז אזוינס טעאטער.

היינט די חתונות אין שטעטל! זיי זיינען דאך געווען עפּענטלעכע ספעקטאקלען מיט מאסן־סצענעס און מארשן איבער די שטעטישע געסלאך. חתן־כלה פלעגט מען פירן באגלייט פון מחותנים, אונטערפירערס און געסט פון חתנ'ס צד און כלה'ס צד, באגלייט מיט פויקן, טאצן, טראָמפייטן און פלייטן — כלי־זמרים פון דער שטעטלשער קאפעליע ביזן שול־הויף, — פייערווערק האָבן באלויכטן די נאכט־הימלען פון דעם „טעאטראלישן" מארש; ווייסע חברה'ניקעס פלעגן אויסנוצן די שטופעניש און פלעגן זיך אונטערגנב'נען צו חתן־כלה און זיי שטעכן מיט שפילקעס, און דער עולם האט זיי באשאָטן מיט פילקאָליריקע קאָנפעטי־האָפן. נו, און דער בדחן מיט זיינע חכמות און שפאסערייען, מיט זיינע גראמען און ניגונים!

דאָס איז דאָך געווען אמת'ער אויטענטישער ספעקטאקל מיט עפעקטן, וואס קיין שום מאָדערנער טעאטער קען דאָס נישט באווייזן.

✶

נו, און די הקפות שמחת־תורה אין שול! דער מארש פון צענדליקער יידן מיט די ספרי־תורה אין די אָרעמס, און די קינדער מיט די פאָנען מיט משה ואהרון, מיט די רויטע עפּעלעך און ברענענדיקע ליכטלעך אין זיי!! און דער גאנצער עולם זינגט און טאנצט מיט ברען און פרייד, און ווייבלעך און מיידלעך שטופן זיך און קושן די הייליקע באצירטע ספרים און שרייען מיט זייערע דינע קולכלעך: „דערלעבט איבער־א־יאָר!" און דער „מארש" ענטפערט: „גם אתם!"

✶

הושענא־רבא! עס שטייען אין שול צענדליקער יידן מיט בערד, בחורים און חדר־יינגלעך און קלאפן די הושענות און שרייען „קול מבשר, מבשר ואומר!" איך פארשטיי שוין אפילו וואָס באדייטעט דאָס וואָרט „מבשר" — אָבער אין מיינע קינדערשע אויערן קלינגט עס ווי קול „מן וואסער" — ווייל די הושענות

האָבן מיר דאָך אָנגעריסן הינטער דער שטאָט, ביים וואסער פון טייכל... און די זיבן הקפות פון אַן עדה יידן מיט די לולבים און אתרוגים!

אהיימגעקומען פון שול פלעג איך צעגויפנעמען די חברים און יעדער איינער מיט א שטעקן און קארטאָפּליע אין האנט — און איך, דער קאָמענדאנט (רעזשיסאָר...) בראש פלעג אָנפירן דעם יומטוב׳דיקן באמת טעאטראַלישן מארש...

*

נו — היינט פורים!

זאָגן דאָך די פאָרשער און היסטאָריקער, אז אונזער יידיש טעאטער שטאמט אָפּ פון דעם יום־טוב פורים, און ביז היינט צו טאָג רופט מען אמאָל אָן א יידישן שוישפּילער מיטן ערן־טיטל „פורים־שפּילער" — זאָל אונז צו קיין גנאי נישט זיין...

די שול און דער בית־מדרש האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פרומע שטרענג־קייט פון א גאנץ יאָר! אזוי פיל פרייד, אזא שמחה אָן גרענעצן.

דער בעל־קורא לייענט מיטן אמתן ניגון די מגילה, חברה רעשן און גראגערן מיט די קונציקע גראגערס און המן־קלאפּערס, טופּען מיט די פיס און קנאקן אין די טישן; מיט טריאומף פאַרשרייט מען און מען פארטומלט המן הרשע מיט זיינע בנים פון פרשנדתא ביז ויזתא... און מ׳האָט דערביי אין זינען די שטעטלשע גויים שונאי־ישראל און זייערע „שייגאָצים" וואָס רייצן אויף אונז אָן הינט ביי יעדער געלעגנהייט. היינט דערלעבט מען אָן זיי די אמתע נקמה — און די פרייד שטראָמט און וואקסט.

און דער עולם יידן, דערשלאָגענע און פארדאגה׳טע א גאנץ גייענדיק יאָר, האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זייערע פּלייצעס דעם שווערן יאָך פון גלות און פרנסה — אלע בגילופין און אויפגעלייגט, אָבער — חלילה נישט שיכור.

יינגלעך און מיידלעך לויפן ארום איבער די געסלעך און טראָגן שלח־מנות — טעצעלעך איבערגעדעקט מיט טיכלעך און אין זיי — געשמאקע המן־טאשן, פלאָדן, קיכלעך, ראָזשינקעס מיט מאנדלען — און אין איינציקער גאָלדענער מאראנץ ליגט זיך אינמיטן ווי א מלך ארומגערינגלט מיט זיין סוויטע... און דער מאראנץ גייט פון שטוב צו שטוב און צושפּרייט זיין אויסטערלישן ריח.

און בעת דער פורים־סעודה קומען אָן די פארשטעלטע, די פורים־שפּילערס, מיט איבערגעקערטע קאפּאָטעס, מיט הילצערנע שווערדן און גלאנציקע פּאפּירענע קרוינען און ווייבערשע שייטלען — „קאָסטיומירט און גרימירט" — אחשורוש, המן (אין א קאסקעט פון דער פּאָזשארנע קאָמאנדע), אסתר און ושתי מיטן האָרן אויפן סאמע מיטן שטערן, מרדכי הצדיק מיט דער קליאָטשע־באָרד און רבנישן שטריימל — און להבדיל ויזתא שלעפּט זיך נאָך פון הינטן אויסגעשמירט אין סאזשע און מעל...

מ׳לויפט ארום הענדום־פּענדום פון שטוב צו שטוב מיט פרייד און טומלדיקן געזאנג:

„היינט איז פורים
מאָרגן איז אויס,
גיט מיר א גראָשן
און ווארפט מיך ארויס...״

און מ׳טיילט גראשנס און נאשווארג וויל —
„וואס מיר זענען זענען מיר
אָבער יידן זענען מיר.
המן הרשע ליגט אין דר׳ערד,
מרדכי הצדיק רייט אויפן פערד...״

*

אַט די אלע איבערלעבונגען און עמאָציעס פון וואָכן־טעג און ימים־טובים אין מיינע קינדער־יאָרן אין דעם קליינעם שטעטעלע סטאַוויסק באגלייטן מיך תמיד אויף מיין לעבנס־וועג אלס ייד און אלס שוישפילער און זיי זיינען דער קוואל פון וועלכן כ׳האָב געשעפּט אלע מיינע יאָרן אויף די ברעטלאך פון יידישן און העברעאישן טעאטער.

אמת, כ׳האָב טאקע געלערנט די טעאטער־קונסט בשעתו אין דראמאטישע שולעס און טעאטער־סטודיעס, ביי גרויסע לערערס ווי דוד הערמאַן, ד״ר ווייכערט, אברהם מאָרעווסקי, זיגמונט טורקאָוו, מאָריס שווארץ א.א., אָבער די אמתע שולע, די ערשטע וואס האט מיך טיף עמאָציאָנירט און אינספירירט א לעבן־לאנג איז געווען דאס שטעטעלע סטאַוויסק מיט איר גרויער וואָך און ליכטיקן יום־טוב.

רבנים ואישים

רבנים
און פערזענליכקייטן

פסח קאפלאן ז״ל

באריכוטע סטאַוויסקער רבנים

א.

איך וויל דאָ געבן א קורצע כאראקטעריסטיק וועגן אייניקע סטאַוויסקער רבנים, לויט זיי זיינען פארבליבן אין מיין זכרון פון דער יוגנט.

ר׳ פישעלע (מאקאָווער) איז געווען רב אין סטאַוויסק פאר מיין געבוירן ווערן. ווי מ׳האט דערציילט איז ער געווען אן ערליכער פרומער רב.

נאָך אים איז געזעסן אויפן כסא הרבנות דער בארימטער גאון ר׳ לייבעלע פלאָצקער (ראקאָווסקי, פאָטער פונם משכיל און שריפטשטעלער אברהם אבא ראקאָווסקי, זיידע פון דער שריפטשטעלערין פועה בת מנדל ראקאָווסקי, עלטער־זיידע פונם יונגן ביאַליסטאָקער ליטעראט מארק ראקאָווסקי). ר׳ לייבעלע איז, אפנים צוליב זיין מתנגדות, נישט באליבט געווען אין סטאַוויסק און מ׳האָט געזוכט וועגן ווי פון אים פטור צו ווערן.

מיט יאָרן שפעטער האָב איך אלס קינד ביי אונז אין שטוב געהערט אָט די מעשה:

אין יאָר 1864, ווען די רוסן האָבן שוין געהאט אונטערדריקט דעם פוילישן אויפשטאנד, איז ראש־השנה אָנגעקומען קיין סטאַוויסק א בריף פונם לאָמזשער גובערנאטאָר, אז דער רב ר׳ לייבעלע זאָל תיכף פארלאָזן די שטאָט, אנישט וועט מען אים שמידן אין קייטן און איינזעצן אין תפיסה.

דער בריף איז געווען א געפעלשטער, כדי מיט זיין הילף פטור צו ווערן פונעם רב. מ׳האָט דעם בריף פאָרגעלייענט אין שול און מוצאי ראש־השנה איז דער רב אנטלאָפן פון שטעטל.

אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען ר׳ מאיר נח לעווין, דער שפעטערדיקער ווילנער מגיד און ניו־יאָרקער רב הכולל. אויך ער איז דעם שטעטל נישט געפעלן געוואָרן. זייענדיק א ליטוואק האָט מען אים געהאלטן פאר א קל. איינמאָל האט א ייד געזען דורכן פענצטער ווי דער רב ליגט אויפן סאָפע און קוקט אריין אין א ספר. דערווייל האָט זיך ביי אים אראָפגעגליטשט די יארמולקע. דער רב האט איר נישט אויפגעהויבן, נאָר ווייטער מעיין געווען אין ספר בגילוי ראש. אָט פאר דעם חטא האָט דער רב געמוזט פארלאָזן סטאַוויסק.

ביי מיין טאטן אין שטוב פלעגט מען אָפט, שוין היפשע יאָרן נאָכדעם, ריידן מיט גרויס פארביטערונג וועגן דער שלעכטער באציאונג וואס דאס שטעטל האט ארויסגעוויזן צו די צוויי רבנים, וואס אונזער משפחה האט זיי גראָד שטארק געליבט און געאכטעט.

נאָך ר׳ מאיר נח׳ן איז געוואָרן רב ר׳ יואל אבעלסאָן (דער סאָקאָלער), א הויכער בלאָנדער ייד מיט רויטע אויגן וועמען איך געדענק שוין. ער איז

געווען שוואַך אין כאַראַקטער, נישט קאַלט און נישט וואַרים, און מ׳האָט אים אין סטאַוויסק נישט ליב און נישט פיינט געהאַט. אפנים אַז אין זיין צייט איז דאָס שטעטל דעמאָראַליזירט געוואָרן. דערפאַר ווען ער איז אוועק אַלס מורה־הוראה קיין אָדעס האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם צדיק ר׳ חיים לייב פון זאַלודקע, כדי אויסצוראַמען די דערנער פונעם סטאַוויסקער גאָרטן.

ר׳ חיים־לייב, אַ שטאַרקע פּערזענליכקייט, פאַרדינט אַ ברייטערע אָפּשאַצונג, ווי עס ווערט דערציילט אין קומענדיקן קאַפּיטל.

ב.

דער צדיק ר׳ חיים־לייב לערנט גמרא אין שענק

דער צדיק ר׳ חיים לייב האָט געפירט די רבנות ביד חזקה. אַז ער האָט נישט געפועלט מיט גוטן פלעגט ער אָנווענדן כלפי די עבריינים שטרענגע מיטלען. עס זיינען געווען פאַלן ווען ער פלעגט נישט נאָר שטאַרק אויסמוסרן דעם בעל־עבירה, נאָר אויך גוזר זיין אויף אים נידוי און חרם.

אָבער נישט אַלעמאָל האָט ער באַנוצט שאַרפע מיטלען. געווען אויך פאַלן, ווען מיט דער הילף פון זיין טיפער פקחות האָט ער געבראַכט דעם עבריין צו ווערן אַ חוזר בתשובה. וועגן אָט אַזאַ מעשה וויל איך דערציילן אין די קומענדיקע שורות.

ברוכ׳קע דער שענקער (דעם נאָמען דריי איך איבער) איז געווען אפשר דער איינציקער ייד אין סטאַוויסק, וואָס פלעגט אַביסל צושערן די בערדל. אוודאי האָט ברוכ׳קע נישט אַדורכגעלאָזן קיין מנחה בציבור, אוודאי איז ביי אים געווען אַ כשר׳ע קיך און אַ יידישע שטוב, אָבער אין בית־מדרש האָט מען אויף אים געקוקט פון אויבן אַראָפּ. געדאַוונט האָט ער הינטערן באַלעמער, בעת אַ מגיד פלעגט דרש׳נען האָט ער ליב געהאַט כאַפּן אַ דרימל, אַן עליה פלעגט ער שטענדיק קריגן פון „פּאַשליאַד״ און געקהלט האָט ער זיך קיינמאָל נישט. דערפאַר איז ער ביי זיך אין שטוב און אין שענק געווען רירעוודיק און ריידעוודיק, דאָרט האָט ער כסדר געפּראַצעוועט, געבראַכט פולע אַנטאָלקעס, אוועקגעטראָגן ליידיקע, געהאָלפן שענקען, אַליין געכאַפּט מיט חברה אַ שנעפּסל מיט אַ צובייס. זיינע געסט זיינען בעיקר געווען טיפּן פון דער „אונטערוועלט״. ביי אים פלעגט מען צוגרייטן די „עקספּעדיציעס״ צום גרעניץ, ביי אים פלעגט מען אָפּשטעקן סחורה, ביי אים פלעגט מען שליסן כלערליי טונקעלע געשעפטן.

קיין ווייב האָט ברוכ׳קע דאַמאָלס שוין נישט געהאַט. זיין „עקרת־הבית״, די שענקערקע פון די סודותפולע געסט, איז געווען זיין טאָכטער גרונטשע, אַ מיידל שוין אין די הויכע צוואַנציקער מיט אַ דרייסטן מאַנסבילשן פּנים, מיט אַ הויכן בוזים און געזונטע הענט, שטענדיק פאַרקאַשערטע ביז איבערן עלנבויגן. אַז זי פלעגט אַ גאַסט דערלאַנגען אַ חברישן פּאַטש איבערן פּלייצע, פלעגט יענער זיך הנאה׳דיק איינקאָרטשען...

גרונטשע איז געווען די איינציקע „פארזעסענע" מיידל אין שטעטל, האט מען טאקע גערעדט אז זי איז נישט קיין גרויסע צנועה...

אז ברוכ׳קע האט אונטערגעשלאָגן אנדערע שענקען די פרנסה, דארף מען נישט דערציילן, דערפאר האט מען אים אין טאקע אין שטעטל נישט ליב געהאט און פלאָטקעס וועגן זיין שטוב און אויפפירונג האָבן זיך געטראָגן איינע טונקעלער פון דער צווייטער. מיט גרונטשען האט זיך קיין מיידל נישט געחברט, און ווען די שטעטלשע מיידלאך פלעגן שבת פארנאכט שפאצירן פאָרוויז צום לאָמזשער שאָסיי, פלעגט גרונטשע זיצן אין איר שענק מיט פארקאשערטע הענט און צופלאָשעטע האָר און דורכן פענסטער ארויסקוקן מיט קנאה און מיט שנאה....

אז ס׳איז דערגאנגען צו ר׳ חיים לייבן, אז ביי ברוכ׳קען אין שענק לייזט מען שבת, אז אלע שענקען זיינען שבת געשלאָסן נאָר ברוכ׳קעס איז אָפן, אפילו ווען ער האלט א גויע וואס שטייט הינטערן טובאנק און שענקט, אָבער גרונטשע מישט זיך אריין און אמאָל רירט זי אפילו אליין אָן מיטן האנט די געלט, האט דער רב געשיקט רופן ברוכ׳קען און זיך צו אים געווענדעט בזה הלשון:

— דו שייגאץ איינער, ווי וואגסטו טאָן אזא עבירה? ס׳קומט דאָך דיר סקילה!...

— פרנסה, רבי! וואס טוט נישט א ייד צוליב פרנסה?

— דו רעדסט נאך, חצוף איינער! שטומען זאָלסטו און זאָלסט זיך מער נישט דערוועגן מחלל שבת זיין!

דער צדיק האט געליארמט, שארף געמוסרט און שטרענג באפוילן ברוכ׳קען מער נישט מחלל שבת זיין. איז ברוכ׳קע אוועק פונם רב א געבויגענער, א געדריקטער, אָבער געהאָלפן האט עס נישט. דעם אנדערן שבת האט מען ווידער ביי אים געשענקט. די פאָדערשטע טיר איז טאקע געווען פארמאכט, אָבער מ׳איז געגאנגען דורך דער הינטער־טיר. אין שטעטל האט מען געמורמלט, געשמועסט וועגן א חרם, אבער דער צדיק האט אפנים געהאט אן אנדער פלאַן.

דעם קומענדיקן פרייטיק איז דער שטאָט־שמש צדוק אוועק צו ברוכ׳קען און אים מודיע געווען, אז דער רב האט געהייסן נישט אויסהייצן דעם אויוון אין שענק. פארנאכטצו איז צדוק ווידער געקומען אין שענק און געבראכט מיט זיך א גרויסע גמרא און א קליין קאָפּטשערל, ביי וועלכן דער צדיק פלעגט זיצן גאנצע נעכט ביי זיך אין שטוב און לערנען. דעם קאָפּטשערל האט צדוק אויפגעהאָנגען אויפן וואנט און די גמרא אוועקגעלייגט אויפן טיש. ברוכ׳קע מיט גרונטשען האָבן דערשטוינטע געפרעגט וואָס דאָס באטייט. האָט זיי צדוק געענטפערט קורץ: היינט וועט דער צדיק קומען לערנען אין שענק.

באלד האט מען וועגן דער אויסטערלישער נייעס גערעדט אין גאנצן שטעטל. און ווירקליך, פרייטיק צונאכטס, נאָך דער שבת׳דיקער סעודה, איז צדוק געקומען צום רב און אים אָפּגעפירט צו ברוכ׳קען אין שענק אריין.

דאָרט האָבן אים שוין אָפּגעווארט דער טאטע אָנגעטאָן אין זיין שבת׳דיקער קאפּאָטע און די טאָכטער מיט א טיכל איבער אירע געדיכטע שווארצע האָר.

— גוט שבת — האט דער רב באגריסט ברוכ׳קען מיט זיין טאָכטער.

— גוט שבת, גוט יאָר, רבי — האט ברוכ׳קע געענטפערט און די ציין האָבן זיך אים געטרייסלט.

—האָסט שוין אָפגעגעסן, ברוך?

— יאָ, רבי.

— נו, איך וויל דאָ אביסל מעיין זיין אין א ספר. קענסט זיך טאָן, ברוך, וואס דו ווילסט. איך וויל טאקע זען ווי אזוי א ייד איז מחלל שבת. איך האב עס נאָך קיינמאָל נישט געזען.

ברוכ׳קע האט נישט געענטפערט, ווייל אין דערזעלביקער רגע האט ער דערזען, אז ביידע פענסטער פון שענק זיינען באזעצט מיט נייגעריקע יינגלאך, איז ער ארויסגעלאָפן זיי אוועקטרייבן. גרונטשע איז צוגעלאָפן פארשפארן די טיר, אָבער דער רב האָט איר אָפגעהאלטן.

— מ׳דארף נישט, טאכטערקע, זאל קומען וואָס ס׳וויל. כ׳וויל טאקע זען די יידן וואָס קויפן אום שבת. זיי זיך נישט מטריח, מיידל, איך וועל ענטפערן די וואס וועלן קומען.

גרונטשע איז אוועק און דער צדיק האט זיך אוועקגעזעצט און געעפנט די גמרא. קיינער איז נישט געקומען. מ׳האט שוין אין שטעטל געוואוסט אז דער צדיק זיצט אין שענק. גרונטשע האט זיך אגאנצן אָונט נישט געוויזן און ברוכ׳קע פלעגט פון צייט צו צייט אָפטרייבן די קינדער און אריינשטעקן די קאָפּ דורך דער הינטער טיר, כדי צו זען פארגנב׳עטערהייט וואס דער רב טוט.

דער רב האָט געהאלטן איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער גמרא און געלערנט. ער האָט אפנים פארגעסן וואו ער איז און צו וואס ער איז אהערצו געקומען. זיין שטילער זיסער גמרא־ניגון האט געשניטן די שענק־לופט און בלעטער האבן זיך געמישט איינע נאָך דער אנדערער.

שפעט באנאכט איז מען געקומען דעם צדיק אָפנעמען. אזוי האט מען מסתמא געהאט אָפגערעדט. ברוכ׳קע האט ווידער אריינגערוקט די קאָפּ אין טיר.

— קום אהער, ברוך! — האט דער רב געזאָגט און זיך אויפגעהויבן פון דער גמרא — איך גיי איצט אהיים און מאָרגן וועל איך ווידער קומען.

— ניין, רבי! צו וואס זאָלט איר זיך מטריח זיין, איך וועל שוין מער נישט שענקען אום שבת. איך שווער איך ביי מיין יידישקייט.

— רוף אריין די בתולה — האט דער צדיק שטיל געזאָגט. און אז גרונטשע איז געשטאנען לעבן איר טאטן פארן רב האט ער צו איר געזאָגט:

— הער, מיידל! ביסט דאָך א בת ישראל, זאָלסט וויסן אז חילול שבת איז איינע פון די גרעסטע עבירות, זאָג מיר צו אז דו וועסט עס מער נישט טאָן. זי האָט ארויסגעשטאמלט א שטילן צוזאָג און דער רב איז אוועק.

פון דעמאָלט אָן האט מען ביי ברוכ׳קען אין שענק מער נישט געלייזט אום שבת.

ד"ר יום־טוב לווינסקי

הרב ר' חיים־לייב מישקובסקי זצ"ל והישיבה בלומז'ה

לעילוי נשמת חברי בישיבת לומז'ה
חיים־לייב'לה גואלמן, זכרונו לברכה

בשנת תרמ"ג, אחר פטירתו של ר' ישראל מסלנט זצ"ל, אבי תניעת ה„מוסרניקעס" (בעלי־המוסר) בישיבות ליטא, החליט תלמידו המובהק ר' אליעזר שוליאביץ, שלימים נתפרסם בשם ר' לייזר, לייסד על אדמת פולין ישיבה בנוסח הישיבות הגדולות בליטא, כגון: ישיבת מיר, טלז, ראדין וכו'. למטרה זו בחר לו ר' לייזר את עיר הפלך לומז'ה, היושבת על נהר נארב. ר' לייזר היה יליד קולנה, פלך לומז'ה, ובילדותו גר בעיירונת פיונטניצה, שמעבר לנאַרב, שנחשבה תמיד כפרוורה של לומז'ה.

בעיירה סטביסק, הסמוכה ללומז'ה, ישב אז על כסא הרבנות הרב הגאון ר' חיים־לייב מישקובסקי זצ"ל, חבר־נעורים וידיד־נפש של ר' לייזר. משגמל אצלו רעיון ייסוד הישיבה בא לסטביסק, אל הרב חיים־לייב, שטח לפניו את תכניתו וסיפר לו על סיכוייו להקים בחבל מאזוביה שבפולין מרכז לתורה וללימוד מוסר, כנהוג בליטא. התלהב ר' חיים־לייב מהרעיון הנשגב וקרא לר' לייזר תוך התלהבות: עמך עמי ואלוקיך אלוקי, באשר תלך — אלך... התחבקו שניהם, נשקו זה לזה ויצאו בריקוד ב„בית־דין שטיבל" (חדר בית־הדין). והשעה מאוחרת בלילה. התקהלו אנשים מתחת לחלון של חדר בית־הדין ושאלו איש לרעהו: ולשמחה מה זו עושה? הבינה הרבנית שר' לייזר הביא לבעלה בשורה טובה, מיהרה להביא „כיבוד" לשניהם: יין וכוסות ושיירי עוגה של שבת לקינוח.

ישבו השניים כל הלילה והמתיקו סוד וטיכסו עצות. למחרת בבוקר יצאו מכתבים דחופים, בחתימתו של הרב חיים־לייב מישקובסקי, שהיה מכובד בכל הסביבה, למספר נדיבים תומכי תורה ברחבי רוסיה ומעבר לגבולותיה. לא עברו חודשיים־שלושה והרב קיבל תשובות מעודדות וגם כמה המחאות־כסף עבור הישיבה. ר' לייזר צירף לסכומים האלה את נדוניתו שהיתה שמורה בידי סוחר יהודי בלומז'ה, יחד עם הריבית, הוסיף לכך את הסכום שהפקיד בידו חברו, ר' זרח ברוורמן, לשם מפעל תורני. כך הצליח לגייס 15 אלף רובל — סכום הגון בימים ההם.

בא הרב מישקובסקי ללומז'ה ויחד עם ר' לייזר שכרו דירה לישיבה ושלחו „קול קורא" לכמה וכמה רבנים ולראשי הקהילות הסמוכות. יחד מינו מלמדי־גמרא מובהקים, בעלי הסברה טובה ויחס הוגן לנוער הלומד. אולם עיניהם הביטו למרחקים ובחזונם ראו בנין גדול עומד על תלו, בנוי במיוחד לישיבה, מאוכלס אברכים לומדי תורה לשמה.

כעבור זמן־מה נזדמן להם לקנות בקצה סנאטורסקה — הרחוב בו התרכזו רוב מוסדות הקהילה היהודיים, כגון: בית־הכנסת הגדול, בית־המדרש הגדול, בית־

החולים, תלמוד־תורה, גמילות חסדים והכנסת־אורחים ועוד — בית גדול, עם מגרש רחב־ידיים סביבו. מצא המקום חן בעיניהם ובעיני עסקני הישיבה בלומז'ה וקנו את הבית והמגרש בעשרת אלפים רובל. עם גמר הקניה ערכו אסיפת בעלי־בתים ואלה נרתמו לסייע להקמת הבנין הגדול בשביל הישיבה. אחד מהם, ר' אשר קופיסקר, בעל בית־חרושת ללבנים, תרם בו במקום 30 אלף לבנים לבנין. משנודע הדבר לאשתו, חרה לה על אשר בעלה לא שיתף גם אותה למצוות, באה לועד ותרמה אף היא מ„צרורותיה" 25 אלף לבנים.

כאשר סיימו את הבנין לא רצה ר' לייזר לרשום אותו בערכאות על שמו, חרף היותו היוזם וראש הישיבה המוסמך. כל הכבוד, אמר, בא לי משיתוף הפעולה וממסירותו של הראב"ד מסטביסק, יירשם הבית על שמו וכן גם הרשיון מטעם השלטונות לקיים שם בית אולפנה למבוגרים. ואמנם, כל השנים היה הבית וכל הבנינים שנצמדו אליו רשומים על שם הרב מסטביסק, ר' חיים־לייב מישקובסקי. לא אחת הטרידה הבולשת הרוסית את הרב, כאשר חשדה בבחורי הישיבה שהם נותנים ידם ל„קראָמולה" — האירגונים הפוליטיים שמרדו בשלטון הצאר — ולא אחת הובהל ללומז'ה, אל משרד החינוך ואל לשכת המשטרה החשאית, לחקירה.

כל ימי חייו היה הרב מסטביסק עוזרו ויועצו הנאמן של ר' לייזר בעניני הישיבה. באחת משנות התשעים של המאה שעברה היתה הישיבה שרויה בדוחק כספי גדול. זה היה בשנת בצורת ברוסיה, כאשר המחירים האמירו והתרומות למען הישיבה שהביאו המשולחים מרחבי רוסיה הצטמצמו, בעוד מספר התלמידים מערי השדה, המקבלים „וואָכער" — סיוע כספי מדי שבוע בשבוע לקיום דל וצנוע — הלך וגדל. החובות גדלו ומטרוניתא אחת שהלוותה לראש הישיבה סכום של 3000 רובל עבור הישיבה, הגישה נגדו תביעה משפטית, כאשר לא נפרע השטר במועדו. רפו ידיו של ר' לייזר ואמר: איכה אוכל לשאת לבדי את המשא הכבד הזה? אחר התלבטויות קשות החליט לסגור את הישיבה בסוף ה„זמן" ולהעביר את התלמידים הראויים לכך, בסיוע כספי מקופת הישיבה, לישיבות מיר וטלז. אך כלום יעשה דבר כזה בלי עצתו והסכמתו של ידידו הרב מסטביסק? שלח שליח מיוחד והבהיל את כבוד הרב ללומז'ה להתיעצות דחופה.

הרב לא אחר לבוא. ומשבא אל ר' לייזר, לביתו אשר בבנין הקידמי של הישיבה, שפך לפניו ר' לייזר את מרי נפשו ופרץ בבכי מר: „חיים־לייב, הגיעו מים עד נפש וכוח אין עוד לשאת בעול הכבד הזה".

ענה לו ר' חיים־לייב מתון־מתון: „עייפתי מן הדרך ואתה נרגש ועצוב, הבה נדחה את שיחתנו עד הערב". תמה ר' לייזר: הלא שעת הבירור בצלילות הדעת היא דווקא בבוקר, לאחר מנוחת הלילה, כמאמר הנביא: „דינו לבוקר משפט" (ירמיהו כ"א, י"ב). אך דברי הרב שנאמרו ברצינות ותוך שיקול־דעת הרגיעוהו וציפה לערב.

לאחר תפילת ערבית אכלו שניהם ארוחת־ערב בביתו של ר' לייזר. אחר־כך ישבו שניהם, איש־איש לעברו, לעיין בספר. במשך כל הזמן לא הוציא הרב הגה מפיו. הגיעה שעת עשר. קם ר' לייזר, כח בגרונו, לעורר תשומת־לבו של הרב, אך הרב היה שקוע בספר ולא הפסיק... השעון הראה אחת־עשרה והרב עדיין יושב רכון על גבי הספר. לא העז ר' לייזר להפסיקו והזדיין בסבלנות.

אך משצילצל השעון השעה שתים־עשרה, קם ר׳ חיים־לייב, נשק את הספר סגרו ואמר לר׳ לייזר: בוא אחי ונצא לטייל. יצאו השניים בלי אומר ודברים. הוליכו הרב אל בית־המדרש „חברה־ש״ס״. היה ליל חושך. כוכבים בודדים נוצצו ברקיע וברחובות דממה. כלתה רגל מן השוק. ב„חברה ש״ס״ למדו תמיד בעלי־בתים עד שעה מאוחרת בלילה, אולם אותה שעה כבר היה בית־המדרש שרוי באפלה. רק נר התמיד היבהב בפינה במזרח. משם, מבלי דבר דבר, פנו אל בית־הכנסת הגדול, אשר בירכתיו פעלו שתי חברות לתורה ולמעשים טובים: „חברת־תהילים״ מימין ו„חברה־קדישא״ משמאל. בחברת תהילים היה אומר שיעור בגמרא כל ערב הרב ר׳ יואל הלוי הרצוג, אביו של מרן הרב ר׳ יצחק אייזיק הרצוג זצ״ל, עד שעה מאוחרת בלילה. אולם השעה היתה מאוחרת מדי והלומדים כבר חזרו לבתיהם. הלכו שניהם מחרישים לבית־המדרש הגדול, שבקרן רחוב שקולנה. גם שם לא מצאו איש. האברכים ובעלי־הבתים חזרו לבתיהם, לאחר שסיימו את הדף היומי שלהם. נשא הרב עיניו לקומה השניה, שם גר המרא דאתרא, הרב ר׳ מלכיאל טננבוים. הרב מלכיאל נהג לאחר שבת ולעסוק בגירסא. אך גם בית הרב שרוי היה כבר בחושך, השעה היתה קרוב לשתיים אחר חצות וגם הרב פסק כבר את משנתו. שמו השניים פעמיהם אל בנין הישיבה. הלכו והחשו ודומיית הליל אפפה את שני המטיילים ונסכה עליהם רוח מסתורין.

החדר בעליית הגג היה מלא מפה אל פה. נבחרה ועדה מארגנת. הרוח החיה בה היה בוצ'י (ברוך זילברשטיין), אם אינני טועה היחידי בינינו שפעל בידיעת אביו (ר' ישעיה מנדל). דבר זה הגדיל את חשיבותו בעינינו וגם בעיניו, שכן הוא למד בבי"ס „תחכמוני" בביאליסטוק, ורוב תלמידי „תחכמוני" היו חברים ב„שומר הדתי" בביאליסטוק.

שכרנו דירה בשביל הקן. שמנו עינינו „בחדר" של המלמד ר' גדליהו רובינשטיין ז"ל, שבאותו סוף „זמן" סגר את „החדר". הרבה מעלות היו למקום הזה. זאת היתה דירה בודדת. הבית הסמוך לו היה בית־ציבולקי — משפחה אשר לרגל עסקיה הפורחים בעולם הגדול עקרו בניה את דירתם מסטביסק. חלונות הקן פנו לעבר מובלעת של השוק המרכזי בדרך בואכה ידואבנה. אבל לצערנו היו לקן גם חלונות שפנו לעבר השוק, והיה צורך בהסוואה, כדי שלא ייגלה מקומו של הקן

כותב שורות אלה, נפל בחלקו להיות המדריך הראשון בקבוצת הבנות. זו היתה קבוצה גדולה, שלא חולקה לפי הגילים. הבנות התכנסו לפעולות פעם־פעמיים בשבוע. לרשותנו עמדה מנורת לוקס גדולה, אך חששנו להדליקה כדי שאורה החזק לא יגלה את מקומנו, ובמקומה היינו משתמשים במנורת נפט קטנה, שהאירה אך מעט את החדר והצללים בו היו מרובים על האור.

לא עלה כלל על דעתנו שהשירה הבוקעת מהקן תגלה את מקומנו, והחדר המואר למחצה ישמש עילה להוציא עלינו לעז שאנו מתכנסים בחושך.

המשבר הראשון והאחרון

זה היה בליל הושענא־רבא. אחרנו לבית־הכנסת לאמירת „תיקון" ליל הושענא־רבא. כדרך כל הילדים עסקנו בערב הושענא־רבא בהכנת ה„הושענות" והיינו הולכים עם ההורים לבית־הכנסת, ואילו הפעם קבענו להפגש בקן ומשם נלך יחד לבית־הכנסת.



השומר הדתי

כנראה שלא הסתכלנו בשעון ולא הרגשנו בשעות שחלפו. קרוב לחצות עוד ישבנו במועדון הלא־מואר ושרנו שירי ציון. פתאום נפרצה הדלת וקבוצת הורים מנכבדי העיירה, שגילו את „המחבוא" שלנו, פרצו לתוך החדר וכיבדו אותנו במקלות שנשאו בידיהם. ולא הסתפקו בזה שחלקו לנו מכות, אלא שברו את המנורות, לרבות את הלוקס הנהדר. נמלטנו לבית־הכנסת, נעלבים ומוכים על לא עוול בכפנו.

אלא שגם מעז זה יצא מתוק. אחרי התנפלות ההורים על הקן נתפרסם קיומו וקיבל הכרה דה־פקטו. מי שהכיר בו מתוך רצון ומי שלא ברצון, אבל המשחק נגמר. השומר־הדתי בסטביסק היה לעובדה מוגמרת ושוב לא צריך היה לקיימו במחתרת.

הארכתי בסיפור ימי הבראשית. היינו נערים תמימים, לא הלכנו בדרך סלולה ואף לא היינו מוכנים לפרוץ דרך חדשה. היו לנו לבטים ומאבקים נפשיים. הכל בא במפתיע, כרעם ביום בהיר המחריש אוזניים, אך חולף ועובר. המכשולים בהם נתקלנו נמשכו זמן רב. הגרוע מכל היו הרכילויות. הלעיזו עלינו. קול נשמע בעיירה: „הצצקס" האלה, ה„תכשיטים" בני־ישיבה, מסתגרים בחדר אפל בדלתיים סגורות. שתקנו, הבלגנו, אך אלה היו פצעי לב קשים. צריך היה לפרוץ את הדרך, בה הלכו מאות צעירים וצעירות, שהקן היה ביתם. חברי השומר־הדתי בסטביסק השתלבו יפה בתנועת הנוער הדתי־לאומי. התנועה נתנה להם מסגרת חברתית ואידיאלים נעלים, ועל הכל כמיהה לעליה לארץ־ישראל.

השומר הדתי בפעולתו

הימים היו רגילים. פעולות הקן התנהלו בימי חול ושבת. התקיימו שיחות ופגישות. חבלי הקיום היו קשים. עברנו מדירה לדירה ולא מתוך נחת. שתי סיבות אילצונו לנדוד ממקום למקום:

א) השכנים לא השלימו עם הרעש שעלה מהמועדון, שנמשך עד השעות המאוחרות בלילה; ב) אי־תשלום שכר־דירה. הפסקנו לשלם שכר דירה מחוסר אמצעים. המוצא היה פינוי הדירה.

קדם ליסוד השומר־הדתי קן השומר־הצעיר, שפיתח פעילות חינוכית וחברתית יפה. עד היום לא ידועות לי הסיבות שהביאו לפירוקו של הקן.

הפעולה הציונית בעיירה התרכזה בידי האצולה כביכול של תושביה. הפגישות והפעולות נתקיימו בספריה, „הביבליוטק". עסקני המקום ראו ב„ביבליוטק" מפעל תרבותי רב־ערך, שבאמצעותו קיימו את הקשר עם עולם „הקולטורה", ולו רק בדמיון. עסקה בכך „האינטליגנציה", שהיתה מורכבת מבני הפרנסים המכובדים. פעולה נוספת היתה העבודה למען הקרן־הקימת, כגון: הרקת קופסאות ושאר העבודות הקשורות באיסוף כספים. אלא שכל הפעילות הזאת היתה נחלתם של „סלון־ציונים", ששמרו על המסגרת הבעל־ביתית של עושיה.

ואילו השומר הדתי פתח את שעריו לכל ילדי המקום, ללא הבדל מעמד. עם חבריו נמנו בנים של בעלי־מלאכה ובני סוחרים. תוך זמן קצר נתגלו ביניהם בעלי־כשרונות, שכבשו להם מעמד מכובד בקן. התפתחות חיובית זו היו לה השלכות על כל ההערכויות החברתיות בנוער וחוללה מהפיכה בהעלאת מעמד הצעירים, לפי ערכם וכשרונותיהם. מבחינה זו הצליח מאד השומר־הדתי בסטביסק, ושימש משתלה לגידול כוחות נוער מצויינים, אשר בהתבגרותם הצטרפו לקיבוצי הכשרה ומשם עלו ארצה.

קן השומר־הדתי בסטביסק תפס מקום מכובד במפת השומר־הדתי בפולניה. בגליל לומז'ה — ביאליסטוק נחשב לאחד הקנים הדינמיים והפעילים. חברי ההנהגה נמשכו לפעילות ארצית, לקחו חלק פעיל בכינוסים גליליים, ואחדים מהם נבחרו גם לתפקידים מרכזיים.

הקן בסטביסק ארח כינוסים מחוזיים ומפגשים גליליים, וכן מושבה נודדת. פריחתו של הקן בסטביסק חלה עם כניסתו לפעולה של החבר פטריקוס מביאליסטוק, שקיבל על עצמו את ניהול הקן אחרי עלייתו לארץ של כותב השורות האלה.



קבוצת נוער בשנת 1924

עומדים (מימין לשמאל): י. ד. אימיאַל ז"ל, גרשון פונק ז"ל (שניהם ניספו); ד"ר יונה רובינשטיין (חי בצרפת); פרופ' אברהם יצחק כ"ץ (חי בארה"ב); זליג ברושי (בזשאַסטאָוויעצקי, חי בארה"ב); דוד פרידמן ז"ל (נפטר בפריז)
שורה שניה: יששכר זילברשטיין ז"ל (נפטר בארה"ב); יחזקאל רובינשטיין ז"ל (ניספה)
שורה שלישית: נח'קה סטולניצקי ז"ל (נפטר בארץ); אביגדור גואלמן (חי בקנדה)



הסתדרות „השומר הדתי"



ביער בדרך ללומז'ה

לרגל עלייתה
של נחמה קטן לארץ

מימין לשמאל:

פנחס מייזנר ז"ל (ניספה); גיטל'ה רובינשטיין ז"ל (ניספתה); רחל אולחובסקי (בארץ); יוסל'ה מונדנשטיין (בארה"ב); פרומקה ז"ק לבית זילברשטיין ז"ל (ניספתה); נחמה קטן־ביז'ונסקי (בארץ); לייבקע לדלסקי ז"ל (ניספה); חמדה לוינוביץ־קן־תור (בארץ); חיה שרה גואלמן ז"ל (ניספתה); מאיר הרשל רובינשטיין ז"ל (ניספה).



טחנת הקמח סוקוליחה

בחירת הח׳ פטריקוס לתפקיד זה היתה מוצלחת וטובה. הוא התחבב על הנוער והוא אהב אותם. גם אחרי עלייתי עמדתי בקשר מכתבים אתו. רק עם כיבוש פולין ע״י גייסות היטלר ימח שמו, הופסק הקשר בינינו. תשמשנה שורות אלו זכרון לחבר פטריקוס. חניכיו שנשארו בחיים יזכרוהו תמיד באהבה ובהוקרה כי יקר היה האיש, מחנך מעולה שאהב את הנוער וקרב את בני דלת העם לרעיון הציוני־דתי.

תשמש רשימה זו יד ושם לאחרוני החברים שניספו בשואה בימי עברה וזעם וצרה. יתן ה׳ ולא נוסיף לדאבה עוד.

אלעזר גאָעלמאַן

די גרינדונג פון „השומר הדתי״

די געהיימע פאַרזאַמלונג

געווען איז עס א נישט געוויינליכער אָוונט פון א געוויינליכן וואָכנטאָג. א קליינע גרופּע ייִנגלאַך האָט געוואַרט אין בית־המדרש פון חברה ק״ס ביז דער לעצטער פון די מתפללים האָט פאַרלאָזן דעם בית־מדרש. אין דרויסן האָט געבלאָזן א קילער האַרבסט־ווינט, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון די פאַרכטיקע אלול־טעג.

פון די פענסטער פון די ארומיקע הייזער האָבן געפלעמלט די קעראָסין לאָמפּן. פון דער „שול גאס״ איז שוין פון לאַנג פאַרשוואונדן דער קלאַנג פון מענטשן טריט. דאָ און דאָרט האָבן פאַרבייגעשוועבט מענטשליכע געשטאַלטן — יוגנטליכע מיט עמערס אין די הענט, וואָס האָבן געאיילט צום קוואַל אָנצושעפּן פריש קוועלנדיק וואַסער, וואָס איז געפלאָסן טאָג און נאַכט דורך אַן אייזן־רער איינגעפאַסט אין פעלז. מיט א באַזונדערער פּיעטעט האָבן סטאַוויסקער יידן זיך באַצויגן צום דאָזיקן קוואַל. היות ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער מזרח וואַנט פון בית־מדרש, האָט זיך אויסגעוויזן אז זיין פריש מחיה׳דיק וואַסער קוועלט פון אונטערן ארון־קודש.

דער קוואַל האָט געפלאָסן נעבן דער גרויסער שול, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון א אלטער אימה־אנוואַרפנדיקער פעסטונג.

אַלע קהל׳שע בנינים פון שטעטל זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף דעם אָרט: די גרויסע שול און בית־מדרש, אין מזרח זיינען געווען די „תלמודי תורה״ — הילצערנע שטיבלאַך מיט בוידעם־צימערן. אין דרום איז געשטאַנען דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט געוואוינט דער רב און זיין משפּחה, און אין נאָענטער שכנה׳שאַפט זיינען געשטאַנען די פערד־שטאַלן פון די שטאָטישע בעלי־עגלות.

נאָכן רב׳ס וואוינונג האָבן זיך אויסגעשפּרייט די קהל׳שע פּלעצער. דאָרט איז אויך געווען די סטאַציע פון די פייערלעשער און א גרויסער באַראַק פאַר קאָנצערטן און פאַרשטעלונגען — א מין פאָלקס־הויז. נעבן דעם באַראַק, אין אָפענע שאַפּעס, זיינען געשטאַנען די לעש־מאַשינען, דער שטאָלץ פון שטעטל.

אין יענעם אלול אָוונט האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט א גרופּע ייִנגלאַך, גרייטנדיק זיך אַרײַנכאַפּן אין תּלמוד־תּורה, אין איינעם פון די בוידעם שטיבלאַך, מיטן ציל צו גרינדן אין סטאַוויסק א קן פון „השומר־הדתי״.

דאָס צימער וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם צוועק איז אַרויסגעגאַנגען צו די פעלדער און זומפּן וואָס נעבן טייכל, וואָס די בריק איבער אים האָט געפירט צום וועג קיין שטשוטשין. מיר זײַנען געווען זיכער אַז דאָס ליכט וואָס וועט אַרויסשײַנען פון די פענסטער פון דעם צימער וועט אונז נישט אויסגעבן, מחמת עס איז נישט געווען קיין שום חשד אַז עמיצער וועט אונז זען פון דער זײַט.

מיר האבן געהאַט מוט זיך אַרײַנצוכאַפּן שטילערהייט אין תּלמוד־תּורה און מיר זײַנען נישט געווען גענוג דרייסט צו בעטן רשות דורכצופירן די פאַרזאַמלונג. ביז הײַנט קען איך זיך נישט קלאָר מאַכן פאַרוואָס און פאַר וועמען מיר האָבן מורא געהאַט.

אין דער באַשטימטער שעה זײַנען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין דערמאַנטן חדר, האָבנדיק אַלס גאַסט דעם חבר משה לאופגאַס, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע אָרגאַניזירן דעם „השומר הדתי״ אין סטאַוויסק.

ווי קומט פּלוצים קיין סטאַוויסק א שליח פון „השומר הדתי״?

מעשה שהיה כך היה. יענעם זומער האָט דער „השומר הדתי״ דורכגעפירט אין משך פון איבער א חודש א זומער קאָלאָניע פונם גאַנצן לאַנד אין די כמילעווער וועלדער (כמילעוואָ איז א דאָרף אַרומגערינגלט מיט וועלדער פון נאָדל־בוימער). אין דער נאָענטער סביבה געפינען זיך סטאַוועס, וואו מען קען זיך באָדן און שווימען. דאָרט איז אויך געווען א מיל געדונגען דורך א ייִדישער משפּחה, וואָס האָט געוואוינט אין אן איינזאַם הויז נעבן דער מיל.

פאַר אונז סטאַוויסקער יוגנט, האָט די דערמאַנטע זומער קאָלאָניע געהאַט א אויסערגעוויינליכע באַדײַטונג. פאַקטיש ביזן צוזאַמענטרעף מיט דער יוגנט, וואָס איז געקומען פון פאַרשידענע טיילן פון פּוילן אין דער זומער קאָלאָניע, האָבן מיר נישט געוואוסט וואָס עס איז אַזוינס אמת׳ע יוגנט פרייד.

מען האָט אונז דערציילט, אַז אין דער קאָלאָניע וועט זיך באַטייליקן א שליח פון ארץ־ישראל, א יונגערמאַן מיט א שוואַרצער באָרד, אַלא הערצל. דער דאָזיקער שליח איז געווען דער חבר בן־נון, וואָס האָט פאַרוויילט אייניקע טעג אין דער זומער קאָלאָניע. מיר, סטאַוויסקער ייִנגלאַך, זײַנען געשטאַנען לעבן פּלויט און אַרײַנגעקוקט וואָס עס קומט פאָר אין דער קאָלאָניע. דער ארץ־ישראל שליח האָט אונז באַמערקט און אונז אײַנגעלאַדן אַרײַנגיין און אונז אויך מצרף געווען צו די האָרא־טענץ. דער ענין איז אונז געפעלן און מיר האָבן זיך פאַרליבט אין נאָמען „השומר הדתי״. איינער פון די מדריכים פון דער קאָלאָניע האָט אונז צוגעזאָגט קומען קיין סטאַוויסק, כדי צו גרינדן אין אונזער שטעטל א קן פון „השומר הדתי״. ער האָט זײַן צוזאָג מקיים געווען.

דאָס בוידעם שטיבל וואו עס איז פאָרגעקומען די אסיפה איז געווען איבערפולט מיט יוגנטליכע. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, אין וועלכן עס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זײַן אַקטיוויזם באַטשע

(ברוך זילבערשטיין). אויב איך מאך נישט קיין טעות, איז ער געווען דער איינציקער וואָס האָט אקטואירט מיט דער צושטימונג פון זיין פאָטער (ר׳ ישעיה־מענדל). דער פאקט אליין האָט געהויבן זיין פרעסטיזש אין אונזערע אויגן און אים אליין צוגעגעבן זעלבסט־זיכערקייט. ער האָט געלערנט אין דער „תחכמוני״ אין ביאַליסטאָק און דער רוב תלמידים פון „תחכמוני״ זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן „השומר הדתי״.

אלס לאָקאל פאר אונזער קן האָבן מיר געדונגען דעם „חדר״ ביי ר׳ גדליה רובינשטיין ז״ל, וואָס איז יענעם סוף זמן געווען געשלאָסן. פיל מעלות האָט געהאט דער לאָקאל. ער האָט זיך געפונען אין אן אָפגעזונדערטער שטוב, לעבן ציבולקיס הויז, א משפחה וואָס האָט צוליב אירע בליענדיקע געשעפטן אין דער גרויסער וועלט זיך ארויסגעצויגן פון סטאַוויסק. איין חסרון האָט געהאט דער לאָקאל, וואָס א טייל פון זיינע פענסטער, זיינען ארויסגעגאנגען צום מארק, און מען האָט זיי געדארפט פארשטעלן כדי צו האלטן בסוד די עקזיסטענץ פון קן.

דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער ערשער מדריך פון א גרופע מיידלאך. דאָס איז געווען א גרויסע גרופע צוזאמענגעשטעלט פון מיידלאך פון פארשידענעם עלטער. זיי פלעגן זיך צוזאמענקומען איינמאָל און אמאָל צוויי מאָל אין וואָך. מיר האָבן אפילו געהאט א גרויסן „לוקס״ לאָמפ, אָבער מיר האָבן מורא געהאט אים אָנצינדן, מחמת זיין שטארק ליכט האָט אונז געקענט אויסגעבן. האָבן מיר דערפאר גענוצט א קליין קעראָסין לעמפל, וואָס האָט זייער שוואך באלויכטן דעם לאָקאל און געוואָרפן מער שאָטענס אויף די ווענט ווי ליכט.

מיר זיינען געווען אזוי נאאיוו, אז מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט אז דאָס הויכע געזאנג וואָס האָט זיך געטראָגן פונם קן וועט מגלה זיין אונזער סוד און אז דוקא דער שוואך באלויכטענער לאָקאל וועט זיין א מאָטיוו פאר בייזע צינגער, אז מיר פארזאמלען זיך אין דער פינסטער.

דער ערשטער און לעצטער קריזיס

געווען איז עס הושענא־רבא באנאכט. דאָסמאל האָבן מיר פארשפעטיקט צו קומען אין שול זאָגן „תיקון ליל הושענא־רבא״. דער מאָטיוו איז געווען וואָס מיר האָבן באשלאָסן זיך טרעפן פריער אין קן און פון דאָרט גיין צוזאמען אין שול.

מיר זיינען ווייזט אויס געווען אזוי פארטיפט אין אונזערע ענינים, אז מיר האָבן פארגעסן צו קוקן אויפן זייגער און נישט געפילט ווי די שעה׳ן זיינען פארלאָפן. עס איז שוין געווען נאָענט צו חצות און מיר זיינען נאָך אלץ געזעסן אין אומבאלויכטענעם לאָקאל און געזונגען ציון לידער. פלוצים האָט אויפגעפראלט די טיר און א גרופע עלטערן, פון די חשוב׳ע בעלי־בתים פון שטעטל, וואָס האָבן אויפגעדעקט אונזער „באהעלטעניש״, האָבן זיך ארייגעריסן אין לאָקאל מיט שטעקנס און אונז אָנגעהויבן דערלאנגען ווי אין פסוק שטייט. און אויב דאָס איז ווייניק געווען, האָבן זיי אויך צובראָכן דעם לוקס לאָמפ און די אנדערע לאָמפן. מיר האָבן זיך קוים ארויסגעדרייט פון זייערע הענט און אנטלאָפן אין שול באליידיקטע און צעשלאָגענע.

דער אָנפאַל הושענא־רבא באנאכט פון די עלטערן האָט אויך געהאַט זיין פּאָזיטיווע זייט. אדאנק דעם איז באקאַנט געוואָרן בפרהסיה די עקזיסטענץ פון אונזער קן, און ווער ברצון און ווער שלא ברצון האָט אונז אנערקענט און די שפיל אין „באהעלטעניש״ האָט זיך פאַרענדיקט. פון יענעם אָוונט אָן איז דער „השומר הדתי״ אין סטאַוויסק געוואָרן אן אנערקענטער פאַקט.

איך האָב מאריך געווען אין דערציילן די בראשית־טעג פונעם השומר הדתי אין סטאַוויסק, וועלנדיק אונטערשטרייכן אז אלס יונגע יינגלאך האָבן מיר נישט געהאַט קיין מוט צו גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג און אויך דורכצוברעכן א נייעם וועג. דאָס פעלן פון מוט און פּראַקטיק האָט אונז געקאָסט טייער. מען האָט אויף אונז אויסגעטראַכט פאַרשידענע רכילותן. בייזע צינגער האָבן געפונען א געלעגנהייט צו באַרעדן די „צאַצקעס״, די ישיבה בחורים, וואָס פאַרשליסן זיך אין א פינסטערן צימער. מיר האָבן געשוויגן, געליטן, און סוף סוף דורכ־געבראָכן דעם וועג פאַר הונדערטער יוגנטליכע, יינגלאַך און מיידלאַך, וואָס דער קן איז געווען זייער גייסטיקע היים.

די סטאַוויסקער חברים פון השומר הדתי זיינען געוואָרן א טייל פון דער גרויסער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער יוגנט באוועגונג אין פּוילן. די באוועגונג האָט געגעבן די יוגנטליכע א געזעלשאַפטליכע ראַם און אידעאַלן, און איבער אַלץ א שטרעבונג עולה צו זיין און זיך פּאַראייניקן מיטן בויענדן ארץ־ישראל.

דער השומר הדתי ביי דער ארבעט

דער קן האָט געפירט א נאָרמאַלע טאָג טעגליכע ארבעט. ער איז געווען אקטיוו אין די וואָכנטעג און שבתים און ימים טובים. נישט לייכט איז אָנגעקומען דאָס אויפהאַלטן דעם קן. נישט אויס נחת פלעגן מיר אַלע מאָל בייטן די דירה. צוויי סיבות האָבן אונז געצוואונגען צו וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן: א) די שכנים האָבן נישט געוואָלט ליידן דעם רעש וואָס מיר האָבן געמאַכט, א רעש וואָס האָט זיך געצויגן ביז די שפּעטע שעה׳ן; ב) דאָס נישט צאָלן דירה־געלט. נישט האָבנדיק צו באַצאָלן פאַרן לאָקאַל זיינען מיר געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן אויך דעם נייעם לאָקאַל צוליב דערזעלבער סיבה.

ביז דער גרינדונג פונם השומר הדתי איז די ציוניסטישע טעטיקייט אין סטאַוויסק געלעגן אין די הענט פון דער אזוי גערופענער אריסטאָקראַטיע. בכבודיקע יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער ביבליאָטעק אָנהאַלטנדיק אויף אזא אופן א קאָנטאַקט מיט דער „קולטור וועלט״ און די ציוניסטישע ארבעט האָט זיך באַגרעניצט צו קליינע געלט זאַמלונגען פאַרן קרן־קימת. דאָס איז געווען א מין „סאַלאָן ציוניזם״, וואָס האָט מקפיד געווען צו טראָגן א סאַלאָן־באַלעבאַטישן כאַראַקטער.

דער השומר הדתי האָט געעפנט ברייט זיינע טירן פאַר אַלע קינדער אין יוגנטליכע פון שטעטל אָן אונטערשייד פון שטאַנד און קלאַס. עס האָבן אין אים געפונען פּלאַץ קינדער פון בעלי־מלאכות און קינדער פון סוחרים. ווער ס׳איז געווען פּעאיק האָט זיך געשאַפן א פּאָזיציע אין קן און די אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן מעגליכקייט א גאַנצער ריי יוגנטליכע זיך געזעלשאַפטליך ענטוויקלען.

אין דער הינזיכט האָט דער השומר הדתי אין סטאַוויסק דערפילט זייער א וויכטיקע אויפגאַבע, דערציענדיק צענדליקער יוגנטליכע אין גייסט פון רעליגיעזן ציוניזם. פיל פון זיי זיינען שפּעטער אריינגעטראָטן אין קיבוצי הכשרה און עולה געווען.

דער סטאַוויסקער קן האָט פאַרנומען א בכבודיק פּלאַץ אין דער השומר הדתי באַוועגונג אין פּוילן, און אין לאָמזשער—ביאַליסטאָקער קרייז האָט ער זיך גערעכנט אַלס איינער פון די דינאַמישסטע און אַקטיווסטע קנים. זיינע אָנפירנדיקע חברים האָבן גענומען אן אַקטיוון אַנטייל אין אַלע קרייז כינוסים און אייניקע פון זיי זיינען אויך אויסגעוויילט געוואָרן אויף פאַראַנטוואָרטליכע צענטראַלע אַמטן.

אין סטאַוויסק זיינען אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרשידענע קרייז־כינוסים און צוזאַמענפאָרן, און אויך א „מושבה נודדת" (א וואַנדערנדיקע קאָלאָניע). גאָר צעוואַקסן האָט זיך דער סטאַוויסקער קן נאָכן עולה זיין פונם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, ווען דער חבר פּעטריקוס פון ביאַליסטאָק איז ספּעציעל אַראָפּ־געשיקט געוואָרן קיין סטאַוויסק איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דער אַרבעט.

דער אויסוואַל איז געווען א געלונגענער. חבר פּעטריקוס האָט זיך באַליבט געמאַכט בא דער יוגנט, וואָס האָט אָפּגעשאַצט זיין געטריישאַפט און איבערגעבנ־קייט. אויך נאָך מיין עולה זיין האָב איך מיט אים אָנגעהאַלטן א בריוו קאָנטאַקט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט דער נאַצישער אינוואַזיע קיין פּוילן. זאָלן דידאָזיקע שורות דינען אַלס אָנדענק נאָכן חבר פּעטריקוס. זיינע חניכים וואָס זיינען געבליבן לעבן וועלן אים תמיד געדענקען מיט ליבע און פאַרערונג. א טייערער מענטש איז געווען פּעטריקוס, אן אויסגעצייכנטער דערציער וואָס האָט ליב געהאַט די יוגנט און מקרב געווען די קינדער פון די אָרימע פאָלקס שיכטן צום ציוניסטיש־רעליגיעזן געדאַנק.

זאָלן די שורות אויך דינען אַלס אָנדענק די לעצטע חברים, וואָס זיינען אומגעקומען אין גרויסן חורבן וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק אין איירופּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. זאָל השם יתברך אונז אָפּהיטן פון פיין און שווערע נסיונות.

שפרה צביליחובסקי לבית ליברמן

צרור זכרונות מעיירתי סטביסק

קרוב ליובל שנים שעזבתי את עיר מולדתי והזכרונות קצתם בהירים וקצתם מטושטשים ומעורפלים. אנסה להעלות אחדים מהם — וזו תהיה תרומתי ליד שאנו מציבים לקהילה יהודית לא גדולה במספר תושביה, אך עשירה בחייה מלאי התוכן והתוססים.

*

אחד ממקורות מחיתה של סטביסק היהודית היו הירידים וימי השוק, בהם היו באים האיכרים מכפרי הסביבה העירה למכור את תוצרתם החקלאית ולקנות את מצרכיהם בחנויות היהודיות. אך לא על הירידים ועל ימי השוק ברצוני לכתוב, אלא על גויה אחת, מכרה שלי, שהיתה מנצלת ימי ה„ירידים" ובאה העירה למען אכתוב בשבילה מכתב לבני דודיה באמריקה. והמעניין שבדבר, שכל מכתב היה כתוב באותו נוסח: כך וכך פרות וחזירים יש לה במשק ומה הם מכניסים לפרנסתה. המכתב היה פשוט ונאיבי, אך היה ספוג חדוות־יצירה של אשה עובדת אדמתה, שקשורה אליה בכל נימי נפשה. זוכרתני שבכתבי את המלים הפשוטות והתוכן הבאנאלי של מכתביה קנאתי בה על הזיקה הבלתי אמצעית של אותה גויה לאדמת מכורתה ועל הסיפוק הרב שמצאה בעיבודה.

✶

הכביש ללומז׳ה היה בשבתות בין הערביים, בזמן שהאבות התאספו בבית־הכנסת לסעודה השלישית, הומה מבני נוער, בנות ובנים, שהיו מטיילים בו. קבוצות קבוצות הלכו לאורך הכביש, וכדרכו של נוער בתקופה הרומנטית שלו נרקמו הרבה יחסי אהבה בין בנות ובנים. בכל זאת אין אני זוכרת הרבה חתונות בעיירתנו. אני מייחסת את התופעה הזאת לתנאים הכלכליים של האוכלוסיה היהודית. הנוער לא ראה עתיד בעיירה ובפולין בכללה. תשוקתו של כל אחד היתה להגר, מי לאמריקה, מי לארץ־ישראל, מי לארצות אחרות. לא היה איפוא טעם להקים משפחה בעוד כל אחד יושב על המזוודות. חלק מן הנוער שלא ראה אפשרות לעלות לארץ, וגם שערי אמריקה היו נעולים, נתפס ביאושו לאידיאות קומוניסטיות. אחדים מהם נסעו לרוסיה ושם נעלמו עקבותיהם.

תופעה מיוחדת במינה, יוצאת דופן, היתה יסוד חוג סופרז׳יסטיות בעיירתנו. מלחישות שקלטו אזני נודע לי, שהתארגנה קבוצה של בחורות שהחליטו לא להתחתן, ואם קרה שאחת מהן התחתנה — דנו אותה ברותחין, ראו אותה כבוגדת ברעיון הנעלה. בין הסופרז׳יסטיות היתה בחורה נאה, חיה־זלדה וילמובסקי, שהתחתנה וכל הקבוצה רעננה אחריה משום שבגדה ברעיון. בראש הקבוצה עמדה רושקה, בת הרב רמיגולסקי, שבהמשך הזמן עלתה לארץ וחיתה בקבוצה. לבסוף מתה בנסיבות מסתוריות.

✶

דודתי גרה בבית עץ גדול ורעוע. במשך שנים לא זכה לשיפוץ כלשהו. חצי הבית השכירה למשפחה מטופלת בילדים. ראש המשפחה היה נגר, קראו לו שרולקה דער סטאליאר. הנגריה שלו היתה יחד עם בית המגורים. כל ימיו עבד קשה. בזיעת אפים פירנס את משפחתו בצמצום. דודי, שהיה מלמד תינוקות, מת בגיל צעיר, ודודתי האלמנה עשתה בסתר כל מיני מלאכות כדי להתקיים ועוד היתה עוזרת לבתה שגרה בלומז׳ה. עוד שתי בנות ובן שהיו לה עזבו את סטביסק והיגרו לאמריקה ולליטא. טובת־לב היתה דודתי ובביתה הדל היתה מכניסה אורחים

שהיו זקוקים ללינת לילה. בחורה אחת היתה בעיירתנו, לא שפויה בדעתה, אותה הכניסה דודתי לביתה ודאגה למחסוריה. כשהיו אומרות לה השכנות: חנה־זלדה, הרי הבחורה הזאת מפריעה לך לישון, היתה עונה: הבחורה המסכנה הזאת היא יצור אנוש כמוני וכמוך, ומה זכותי כי אגרע ממנה קורת־גג?

✶



מינדל ליברמן ז"ל — אמם של שפרה וצבי ליברמן

אבי היה מרבה לנסוע ודורש דרשות בבתי־כנסת ובבתי־מדרשות, אך הפרנסה היתה בצמצום. יום אחד שמעתי שאמי החליטה לסגור את החנות ולנסוע עם שכנים ל„יריד" שהתקיים בכפר לא הרחק מסטביסק. התחננתי לפני אמי שתקחני ליריד. אמי קמה בבוקר השכם ובראותה שעודני ישנה לא רצתה להעיר אותי ונסעה עם השכנים. כשהתעוררתי וראיתי שאמא איננה בבית, חרה לי הדבר מאוד. התלבשתי חיש מהר וגמרתי בלבי להשיג אותם. יצאתי לדרך. קל היה לי לנחש לאן נסעו, כי הכל נסעו באותו כיוון. הייתי ילדה צעירה ורבים הציעו לי לעלות על עגלותיהם. תחילה סירבתי, כי יום יפה היה, מזג האוויר היה נוח ונהניתי מההליכה ברגל. לאחר שהלכתי כברת דרך די ארוכה התעייפתי ונעניתי להצעתו של בעל־עגלה אחד שהציע לי לנסוע בעגלתו. משהגעתי לכפר, שבו התקיים ה„יריד", ואמא ראתה אותי, נבהלה מאוד, חששה שמא קרה אסון בבית, אך לאחר שסיפרתי לה את סיבת בואי שמחה מאוד שהגעתי בשלום.

לא התחרטתי על מעשה השובבות שלי, כי שמח היה בכפר. היהודים אמנם באו ל„יריד" רק כדי למכור את סחורתם, אבל בשביל הגויים היה „יריד" יומא דפגרא. באותו יום נחו מעבודתם, השתכרו בבתי־המרזח ושמחו על פי דרכם. לעת ערב חזרנו עייפים הביתה. בבית כעסה עלי סבתא, כי כל היום דאגה, שמא קרה לי משהו בדרך.

*

שפרה אחות סבתי חנה־זלדה, בעלה היה זאב דננברג. היא ניהלה פונדק בככר במרכז העיר ובעלה היה ספק לצבא הרוסי. סיפרו שדנברג הציל פעם נער פולני מתליה. יום אחד באו לפונדק שלהם חיילים תורכיים ועמם נער פולני. האשימו אותו שעסק בריגול ועמדו לתלות אותו על עמוד מול בית המרזח. דננברג נשא ונתן עם אנשי הצבא התורכיים, שילם כופר נפש עבור הנער, הצילו ואיכסן אותו זמן מה בביתו.

עברו שנים. פעם קיבל עליו דננברג לספק סחורה לצבא למועד מסויים ומסיבות שונות אי־אפשר היה לו להמציא את הסחורה למועד הקבוע ונסע לוורשה לבקש דחיה. והנה משנכנס למשרד של האפסנאות הצבאית ניגש אליו אדם צעיר, כרע לפניו ונישק את ידיו. דננברג נדהם ולא ידע מה טעם ראה אותו איש זר לכרוע ברך לפניו. לא יצאו רגעים מועטים והעניין נתחוור. נתברר שהאדם הצעיר, שעכשיו היה פקיד בכיר באפסנאות, הוא אותו נער שדננברג הציל מידי החיילים התורכים. כשדננברג נכנס למשרד הכיר אותו האיש מיד וסיפר באזני חבריו לעבודה והממונים עליו כיצד היהודי הזה הציל אותו מתליה. למותר לומר שמבוקשו לדחות את מועד האספקה ניתן לו מיד.

*

למדתי בורשה בבית־ספר „אורט". פעם חזרתי מורשה הביתה וצריכה הייתי ללון בלומז'ה. בלומז'ה היתה לאשה סטביסקאית — חיה־ביילקה — אכסניה, והסטביסקאים היו מתאכסנים אצלה. הגעתי ללומז'ה בלילה ולא מצאתי את הדרך לאכסניה של חיה־ביילקה. פחדתי להסתובב ברחובות מפני אנשי העולם התחתון. מחוסר ברירה חזרתי לתחנת הרכבת. ישבתי בבית־הנתיבות כל הלילה עד אור הבוקר. היתה שם אחת מטורפת אשר בכתה ושרה כל הלילה, וכמה גויים שיכורים בני בלי בית, שמצאו להם מחסה בבית־הנתיבות. פחדתי להרדם והאחראי על התחנה הבטיח לי שישים לב שלא יאונה לי כל רע. איכשהו עבר הלילה ולמחרת יצאתי לסטביסק. זמן רב העלמתי את ההרפתקה שלי מהורי.

*

העליתי אפיזודות אחדות מזכרונות עיירתי מלפני יובל שנים, זכרונות שמחזירים אותי לימי נעורי ולעולם שנחרב ללא רחם. תשמשנה שורות אלה תרומה צנועה להנצחת הווי מלבב וחיים יפים שהיו ואינם עוד.

חמדה לוינוביץ

בנתיבי נעורים

מאז ומתמיד ניצבה בפני הנוער היהודי בגולה השאלה הקשה והמכרעת — „לאן?״ העיירה הקטנה בפולין היתה דלה באפשרויות ובאתגרים, בהיותה שקועה במסגרת חייה צרת־האופקים. בגיל 5 התחיל הילד היהודי ללמוד ב„חדר״, ולא מעטים בצאתם מן ה„חדר״ היו ידיעותיהם קלושות, והוריהם, שהיו ברובם עניים מרודים, מסרו אותם כשוליות לבעלי־מלאכה שונים ללמוד מקצוע מהמקצועות שהיו נפוצים בעיירה כגון: סנדלרות, חייטות, נגרות, פחחות וכד׳. חלק מהם השתלבו בעסקי הוריהם. המוכשרים שבילדים המשיכו את לימודיהם אצל המלמדים הטובים שבעיירה ומהם שגלו למקום תורה ללמוד ב„ישיבה״ הרחק מבית אבא־אמא.

משהגיעה בשורת התחיה הלאומית לעיירה, נשבה בה רוח אחרת, מרעננת. הכמיהה לציון, אותה ספגו בבית אבא, ב„חדר״ ובבית־המדרש — פרצה בשעת רצון זו בזרם עז ובלהט נעורים חיפשו דרך לפעולה ולהגשמה. כשהגיעה לעיירה הבשורה של הצהרת בלפור הציפה השמחה את כל תושבי העיירה, שראו בה אתחלתא דגאולה. ביום חורף נוח של חודש דצמבר 1917 הגיעה הבשורה. שלג דק ומלטף ריחף באויר ונמס בטרם נגע בארץ. ליד מועדון „התחיה״ (בפינת הבתים של קופלוביץ־ברמזון ליד הכביש בואכה שצ׳וצ׳ין) התאסף עם רב. על כסא עמד פלט (פלטיאל) רמיגולסקי ז״ל, בן הרב דמתא, ונשא נאום ציוני נלהב. אחר אסיפה רבת־עם בבית־המדרש ליווה הקהל, שבלט בו הנוער המבוגר, בשירה ובריקודים את הרב רמיגולסקי זצ״ל לביתו.

ניתן לומר שמאותו זמן החלה בסטביסק פעולה ציונית ענפה. מעל הבמה בבית־המדרש נישאו מדי פעם נאומים ציוניים ע״י ראשי העיר ושליחים מארץ־ישראל, שפקדו מזמן לזמן את העיירה, הלהיבו את הדמיון והמחישו את חלום שיבת־ציון המתגשם והולך בארץ האבות. נערכו מגביות ונוסף לכסף במזומנים תרמו רבים חפצים יקרי־ערך למען ארץ־ישראל הקמה לתחיה. הקופסה הכחולה של הקהק״ל התנוססה בגאון בכל בית יהודי ושימשה סמל לקשר הנפשי של היהודי לציון הנגאלת משממונה.

ברם, כל הפעילות הזאת לא היה בה כדי לענות לבעיותיו של הנוער המתבגר ולא של המבוגר יותר, אשר גמר את חוק לימודיו אצל טובי המלמדים שבעיר, ולא כל שכן של הילדים אשר גמרו את ביה״ס היסודי הפולני. העיירה לא נתברכה בבתי־אולפנא על־יסודיים ומי שחשקה נפשו בתורה צריך היה לנדוד למרחקים ורק לבודדים ניתנה האפשרות לכך ולהתמיד בדבר. כדי לא להוציא את הזמן לריק היו לומדים אצל מורים, שהיו באים לסטביסק לתקופה מסוימת ומרביצים תורה לקבוצות או ליחידים בשעורים פרטיים בשפה הפולנית.

בית־ספר זוטא עברי ראשון נוסד בסטביסק ע״י חנא מונדנשטין. כעבור זמן מה נעשה נסיון נוסף ע״י גדליה רובינשטיין ז״ל, שיסד „חדר מתוקן״, בו למדו יחד ילדים וילדות. לימים חזר מה„ישיבה״ משה גואלמן. משה, הציוני המסור

והנאמן ללשון העברית, שם לו למטרה קדושה להקנות את השפה החיה לנוער ולמבוגרים. הלימודים היו על טהרת הלשון העברית. פרט לבני נוער למדו אצלו גם בחורים מבוגרים, שנוסף לידיעתם בעברית שבכתב, שקנו אצל טובי המלמדים שבעיירה, ביקשו לרכוש גם את העברית המדוברת, דקדוקה וספרותה. כך העמיד משה גואלמן דור של יודעי עברית, שלא הכזיבו אותו גם בנודם למדינות הים. אחדים מהם, החיים בארה"ב, היו מחליפים מכתבים עם רבם ומורם הנערץ בעברית נאה, שנשתמרה אצלם במשך עשרות בשנים. אין זאת, שגירסא דינקותא לא בנקל תשתכח.

ברם, חרף כל הרצון הטוב לא היתה אפשרות מעשית לתת בסטביסק חינוך סדיר ומקיף, וההורים, שרצו להקנות תורה לילדיהם, לא היתה להם ברירה אלא לשלחם למקום תורה הרחק מביתם. התחנה הראשונה היתה לומז'ה, שם היתה גימנסיה יהודית־פולנית מיסודו של ד"ר גולדלוסט. מלומז'ה עברו ללודז' או לביאליסטוק ולבסוף לוילנה, ירושלים דליטא, בה התרכז רוב הנוער הלומד מסטביסק. חלק מהם למד בגימנסיה העברית „תרבות", חלק בגימנסיות היהודיות־פולניות (שהיו מוכרות ע"י הממשלה), אחד (יוסלה מונדנשטין) למד בבי"ס מקצועי, שנים בסמינריונים למורים — אחד בעברי ואחד ביידישאי — ששכנו כבוד בחצר אחת. רבים מהנוער הדתי למדו ב„ישיבות".

✱

כידוע פעלו באותה תקופה ברחוב היהודי תנועות נוער מכל גווני הקשת. ציוניות: החלוץ, החלוץ־הצעיר, השומר־הצעיר, השומר־הדתי, בית"ר ואחרות; ולא ציוניות — הנוער של ה„בונד" ושל המפלגה הקומוניסטית שפעלה במחתרת. רוב הנוער מסטביסק שלמד מחוץ לעיירה הצטרף להסתדרות „השומר־הצעיר", ומשחזר בתום לימודיו לסטביסק יסד במקום קן של „השומר־הצעיר".

משכנו של הקן היה בעליית־הגג שבבית משפחת ציבולקי הישן והעזוב, אשר לפני כן שימש לבעליו מקום לעיבוד שער־חזיר. המדרגות שהובילו לקומה השניה חרקו תחת רגלי הדורכים עליהן, ודומה היה שהן קורסות תחת כובד המשא של העולים ויורדים. בכל זאת „עמדו בכבוד בתפקידן".

קן „השומר־הצעיר" היה הארגון הראשון בסטביסק, שקלט את רוב הנוער והילדים שבעיירה. ילדים בני עשירים, שוליות בבתי־מלאכה, תופרות וחניכות וכן ילדי בית־הספר היסודי — לכולם היה קן „השומר־הצעיר" התוסס בית שהעניק להם תוכן, חמימות והכרת ערך עצמי. המפגשים לפעולות תרבות והבילויים בצוותא — בשירה ובריקודים — חילצום מהחדגוניות שבחיי העיירה הקטנה.

חברי הנהגת הקן היו עמוסים עבודה — ישיבות שוטפות, דיונים על נושאים מיוחדים, ניהול הפעולות היומיומיות, הכשרת מדריכים צעירים וכל כיוצא בזה. המצב הכספי של הקן היה על הרוב דחוק בשל ההוצאות המרובות וההכנסות המועטות. קישוט החדר נעשה בידי מתנדבים, ניקויו — לפי תור, לתאורה הביאו החברים פחיות נפט מהבית, אך לתשלום המסים למרכז התנועה בורשה, לשכר־דירה והוצאות אחרות — לא הספיקו המסים שניגבו רק מחלק מחברי הקן.

כדי לכסות את הגרעון הכרוני נערכו מזמן לזמן נשפיות ובין השאר הוגרלו בהן חפצים בעלי־ערך. יום אחד החליטה ההנהגה לערוך נשף ממש עם תכנית מגוונת. עצם ההחלטה להופיע על הבמה בצריף מכבי־האש ולמכור כרטיסים לקהל הרחב — היתה צעד נועז והטילה אחריות גדולה על המבצעים.



עבודת ההכנה חולקה בין מספר חברים — פלוני אירגן את המקהלה, אלמוני הכין קבוצת בנות מהשכבה הבוגרת בריקודים שונים, לפי „כוריאוגרפיה" מתוצרת עצמית. בנים לא העזו להצטרף לקבוצת הרקדנים, שכן איזה בן יעז להופיע כרקדן בריקודים דמויי באלט? הבעיה נפתרה בכך, שקבוצת בנות העזה להופיע לבושות כנערים. פלמוני קיבל עליו סידור העבודות הטכניות, הקשורות בעריכת נשף כזה. הגמול היה מלא. הנשף היה אחד המוצלחים ביותר בסטביסק. התכנית כללה שירי־ציון שהושרו במקהלה, הקראות שונות וריקודים נאים. אחד מריקודי הבנות ו„הבנים" הלהיב עד כדי כך את הצופים, ששעה ארוכה לא פסקו קריאות „הדרן" ו„הלהקה" ביצעה אותו ריקוד בשנית.

איתרע מזלו של השוה"צ בסטביסק ומנהל ביה"ס היסודי, אשר כרוב הפולנים היה אנטישמי ארסי, החל מצר את צעדיו ומחפש תואנות לחבל בקיומו. הוא הסתמך על האיסור שחל על ילדים בגיל בית־ספר יסודי להצטרף לארגון פוליטי. רק לארגוני ספורט ול„צופים", שהיו מקובלים מאוד בפולין, היה מותר להצטרף החל מגיל צעיר ביותר. אגב, הסתדרות הספורט הפולנית המפורסמת „סוקול" היתה ידועה ברוחה האנדקית־אנטישמית.

הסתדרות „השומר־הצעיר" הופיעה רשמית כהסתדרות של צופים יהודים עם אורינטציה על עליה לארץ־ישראל והיתה מוכרת ע"י השלטונות הפולניים. אך

קן השוה״צ בסטביסק היה, כאמור, לצנינים בעיני המנהל האנטישמי של ביה״ס היסודי. באחת מאסיפות המורים האשים אותי (באורח פורמלי שימשתי בביה״ס מורה לעניני דת לילדים היהודים, כפי שנדרש אז ע״י התקן של משרד החינוך בפולין; למעשה לימדתי את ילדי ישראל פרקים בהיסטוריה עברית) המנהל בפעילות פוליטית מזיקה, כלומר, קומוניסטית, שאני וחברי מקלקלים את מידותיהם של הילדים המתכנסים בקן השומר־הצעיר בערבים ושוהים בו עד שעות מאוחרות, שותים לשכרה ויוצאים לתרבות רעה. היה הכרח להזים את הדיבה המרושעת הזאת ולהוכיח, שהתכנסות הילדים בערבים בקן היא לשם לימוד השפה וההיסטוריה העברית.

לרוע מזלנו היה אותו יום חפשי מלימודים והמדריכים השתמשו בהזדמנות זו ויצאו עם מספר קבוצות נוער לטיול ליער הסמוך. בגמר אסיפת המורים מיהרתי באופניים ליער, העמדתי את המדריכים על מזימת המנהל והחזרנו את הילדים העירה בדרכים עקיפות ושלחנו אותם ישר לבתיהם.

קן השוה״צ הפיח רוח־חיים בעיירה. זכור לי ל״ג בעומר אחד, בו יצאו כל חברי הקן לטיול מאורגן ליער בדרך לקולנה. בעגלות הובל הציוד להקמת המחנה ומצרכי מזון ליום שלם, שחברים הביאו מבתיהם. זה היה יום־מחנה מסודר עם תכנית מגוונת. על מדורה הוכנו תבשילים ונערכה ארוחה משותפת, לפי מיטב המסורת השומרית. הושמעו הרצאות על המשמעות ההיסטורית־לאומית של ל״ג בעומר והיו גם שירה וריקודים. לפנות ערב חזר הקן העירה, כשכל קבוצה צועדת בקצב נאה על דגלה ושרה שירי ציון. חברי הקן הקיפו את כיכר העיר מארבעת צדדיה עד שהגיעו לקן. המונים עמדו בצדי הדרכים וקידמו את פני החוזרים בתשואות. ישראל־אלי שפירא הצטער. לוא ידע — אמר לי — שכך נחזור הביתה, היה מקדם את פנינו בפרחים.

מרכז השוה״צ קיים בעיירתנו כינוס של סניפי המחוז. ביום קיץ אחד התכנסו „שומרים" מכל הערים והעיירות הסמוכות והעיר המתה מנוער עליז ותוסס, שהתבלט בתלבושת החאקי הנהוגה בהסתדרות נוער זו. הכינוס נערך ביער סוקוליחה ונמשך יום תמים. ניהל אותו קובה (יעקב) ריפטין.

כל שליח מארץ־ישראל שהיה בא לעיירה היה מבקר בקן השוה״צ, מבלה עם הנוער ומספר על הנעשה בארץ ועל בנינה. החברים מהשכבות הבוגרות היו פעילים ב„גדוד למען הקהק״ל", שבראשו עמד פנחס מייזנר ז״ל. פעם בחודש היו זוגות מבקרים בבתים ומריקים את הקופסות הכחולות, שהיו מצויות בכל בית יהודי, כעני כעשיר. היהודים הקדימו את פני הזוגות באהדה. בין התורמים היו גם שהוסיפו לסכום שהצטבר בקופסה, אם הוא נראה להם מועט מדי.

קן השוה״צ פעל יחסית זמן ממושך בעיירתנו, אך במרוצת הזמן התחילה פעילותו דועכת והולכת. גרמה לכך העובדה שלנוער הבוגר לא נשקף כל עתיד בעיירה וכל שיכול התחיל מחפש דרך לצאת למרחב. שערי הארץ היו כמעט סגורים ומאין אפשרות לעלות לארץ התחילו חותרים להגר לכל מקום שנראתה אפשרות לכך. בשנות העשרים המאוחרות היתה ההגירה לארה״ב, פרט לאיחוד משפחות, כמעט בלתי אפשרית ובודדים בלבד הצליחו להבקיע להם דרך לארץ הזהב ולקנדה הסמוכה. בעלי האמצעים, ואלה היו מעטים, יצאו לצרפת או

או לבלגיה לעבוד ולהמשיך בלימודים. הבחורה היחידה שהצליחה באותה תקופה להגיע לארץ כתיירת ל„מכביה" הראשונה, שנערכה ב־1932, ולהשאר בה היא נחמה ביז'ונסקי (לבית קוטון). משעזבו את העיירה רוב חברי ההנהגה של קן השוה"צ פסקה הפעילות בו. הקבוצה הבוגרת פתחה סניף של „החלוץ הצעיר" בתקוה שבאמצעותו יצליחו לעלות לארץ, אך „החלוץ הצעיר" התקיים בסטביסק זמן מועט בלבד.

*

אחד המוסדות החשובים בסטביסק היתה הספריה. היו בה ממיטב הספרות היידית וכן ספרים בעברית, מקוריים ותרגומים, לרוב מהספרות הקלאסית העולמית. בספריה היה גם מדור של ספרים עבריים לילדים ולנוער. רוב הנוער בעיירה ידע לקרוא עברית והספריה היתה מקור־לא־אכזב לצמאים למלה העברית ובמיוחד לצעירים ולקטנים, שהתבשמו מריחם של ספרים כ„זכרונות לבית דוד", „עכסה בת כלב" ודומיהם וכן מ„אהבת ציון" ו„אשמת שומרון" למאפו ועוד.

הקוראים היו משלמים תשלום חדשי בתורת דמי־שימוש לקריאה בספרים, אך ההכנסה ממקור זה לא הספיקה כדי לרכוש ספרים חדשים, לשלם שכר־דירה, לכרוך את הספרים שנקרעו מרוב שימוש וכיו"ב. האמצעים הדרושים להוצאות הגדולות יחסית של הספריה הושגו ע"י עריכת נשפיות עם תכנית מגוונת. בין השאר הוגרלו בהן חפצים בעלי־ערך, שנתרמו ע"י תושבי העיר, ובראש וראשונה ע"י בעלי החנויות. את הספריה ניהלה ועדה מיוחדת בראשותו של פנחס מייזנר ז"ל. משלא הספיקו גם הכנסות אלה לכסות את כל ההוצאות, החליטה הועדה להשיג אמצעים ע"י עריכת הצגה של ממש. הדבר נדון בהרחבה בקבוצת המבוגרים, שהיו נושאי התרבות וההשכלה בעיירה, והוחלט לגשת לפעולה.

משפחת משה זילברשטין השתקעה בעיירה לאחר מלחמת העולם הראשונה, משנפטר ראש המשפחה שכיהן כרב באחת העיירות בליטא. משה היה הבן הבכור; הבן השני, ישראל, עסק תקופה קצרה בהוראה לבני הנוער; הבת הבכירה פרומקה נישאה לאהרון־אליעזר ז"ק; הבת הצעירה חיי־קה למדה בסמינר היידישאי למורים בוילנה והיתה לאחר מכן מורה בהרובישוב לאחר שנישאה לבן יקיר באותה עיר. בית זילברשטין היה בית ועד לנוער המבוגר והמתבגר, שא. א. ז"ק שימש להם מעין מנהיג רוחני. ההצעה על הצגת מחזה נדונה בועדה, שבראשותה עמד א. א. ז"ק, ושאר חבריה היו מ. זילברשטין, פנחס מייזנר, יוסל מונדנשטין ואחרים. הפור נפל על המחזה „גאט, מענטש און טייוול" ליעקב גורדין, לפי הצעתו של מ. זילברשטין, אשר ביים את המחזה עם קבוצת חובבים בליטא ואף שיחק בו את תפקיד „השטן". הוא גם נבחר לבמאי המחזה אצלנו.

הצגה של חובבים היתה דבר נדיר בעיירה. מימי ילדותי זכור לי שהמבוגרים הציגו את המחזה „יענקל דער שמיד" (יעקב הנפח) לדוד פינסקי. ההצגה התקיימה באסם הגדול של אחד האיכרים העשירים שבעיירה. לנו, הילדים, היתה הכניסה אסורה בתכלית האיסור, והיטב חרה לי כאשר למחרת סיפרה לי גיטלה חברתי, שהתגנבה לאסם וראתה את ההצגה.

קיץ 1926, השנה בה סיימו רבים את לימודיהם בוילנה. יום אחד הוזמנו, קבוצת בחורים ובחורות, לישיבה בביתה של משפחת זילברשטין, בה נמסר לנו על ההחלטה להציג את המחזה של גורדין ולשתפנו במשחק. ההכנות החלו בקריאת המחזה. המנחה והפרשן הספרותי היה א. א. ז"ק. הרצאות שלמות השמיע באזנינו על תוכן המחזה ועל האספקטים החברתיים שבו. הוא השתתף בכל חזרה כמשקיף והיה מבקר בקפדנות כל פרט שנראה לו בלתי מושלם במשחק שלנו ומבהיר כל ענין שסבר כי עדיין אינו נהיר לנו די הצורך, ולא נלאה להסביר ולחזור ולהסביר עד שידענו את תפקידינו על בורים.

על קפדנותו של א. א. ז"ק תעיד העובדה הבאה: בעת ההצגה הנסיונית הראשונה, שנערכה על קרשי הבמה בצריף הגדול של מכבי־אש ימים ספורים לפני הצגת הבכורה, פנה אלינו א. א. ז"ק ואמר: „קינדערלאך, שמא אינכם בטוחים עדיין בתפקידיכם שעליכם למלא? אם כך, מוטב שנדחה את מועד ההצגה לשבועיים־שלושה, נלמד יותר עד שנרד לעומקם של דברים. ככל שתרגישו יותר את תפקידיכם ותבינו אותם, כן תגיעו ליתר שלמות במשחק". ואכן, עבדנו בהתלהבות ובמסירות עד כלות הנפש. עשינו לילות כימים בחזרות בלתי פוסקות. ואם כי כל אחד מילא את תפקידו במלוא יכולתו, היינו רועדים לשמע הערותיו — שמא בכל זאת איננו מוכנים עדיין למבצע גדול ורציני זה ראשון בחיינו.

היחיד בתוכנו שהיה לו בטחון עצמי היה מ. זילברשטין. וזאת, כפי שכבר באמר, משום שזה לא היה משחקו הראשון. ואכן, הוא גילם בכשרון את תפקיד „השטן" והדביק אותנו בבטחונו ובמשחקו החפשי. את התפקידים האחרים גילמו: קפלן, יוסלה מונדנשטין, ישראל מורוס, גוצ'ה מורוס, פייגל ניזבדוביץ, גיטל כ"ץ וכותבת השורות האלה. הרשל רובינשטיין היה הלחשן, אעפ"י שכולם ידעו היטב את תפקידיהם בעל־פה.

הצגת הבכורה התקיימה בא' דחול המועד סוכות תרפ"ז. הצריף הענק היה מלא מפה לפה. רבים התדפקו על הדלתות וחזרו כלעומת שבאו מאין מקום פנוי. הצלחת ההצגה עלתה על כל המשוער והקהל גמל לנו בתשואות סוערות. למחרת בערב התקיימה הצגה שניה — דבר שעוד לא קרה בעיירתנו, שכן מעולם לא הצליחה להקה כלשהי — ולהקות שונות היו באות לסטביסק — להציג אותו מחזה פעמיים, ערב אחר ערב.

א. א. ז"ק היה נפעם ונרעש מגודל ההצלחה. לא איכזבנו אותו. למותר להוסיף שכולנו היינו מאושרים והשמחה עברה על גדותיה, שבאה לידי ביטוי בשירה אדירה שפרצה מפינו בגמר ההצגה, בהיותנו עוד מאחורי הקלעים. גם ההכנסה משתי ההצגות לא הכזיבה. הספריה רכשה ספרים חדשים וקהל הקוראים המגוון נהנה ממבחר הספרים הגדול שנוסף לה.

*

שנות ה־30. האנטישמיות בפולין גאתה והלכה מיום ליום והיהודים התחילו מרגישים יותר ויותר שהקרקע נשמטת מתחת רגליהם. רבים מתושבי העיירה,

בראש וראשונה בעלי־מלאכה ובעלי עסק קטנים, שוב לא ראו בפולין עתיד להם ולבניהם וגבר רצונם לעלות לארץ. אך הסרטיפיקטים המעטים שהואילה ממשלת הוד מלכותה לתת לסוכנות היהודית הוקצבו בעיקר לחלוצים שעברו תקופת הכשרה ממושכת בחוות ההכשרה. (אגב, קבוצת חלוצים אחת עשתה את הכשרתה בחוותו של היהודי דננברג, ששכנה בדרך לכפר הקיט חמילעיוא, דרך משנית לא־סלולה לקולנה). היו גם סרטיפיקטים, שניתן היה להשיג תמורת תשלום גבוה, אולם רוב המשפחות, שהיו מעוטות־יכולת, לא יכלו לעמוד גם בתשלום זה וגם בהוצאות הנסיעה. יצא שמשפחות ספורות בלבד עלו לארץ (שנים קודם לכן עלתה קבוצה מסניף „החלוץ", שנוסד בסטביסק ב־1922 לערך) בדרכים שונות תוך התגברות על קשיים ללא ספור.

אחד מאלה היה ר' יעקב לב (ליפ) ז"ל. תלמיד חכם היה, איש תמים וירא שמים, ענו בהליכותיו וצנוע בדרך חייו. שעות אחדות ביום היה עושה בחנות הקטנה לדברי סדקית, אחת מ־6 החנויות שהיו בבנין הצמוד לגדר אשר הקיפה את חצר הכנסיה, ועוזר לאשתו בניהול העסק הדל. מידידי משפחתנו היה. יום אחד הופיע בביתנו והודיע שבא להיפרד מאתנו, הולך הוא לארץ־ישראל — אמר. סיפרו עליו שהלך מעיר לעיר ומארץ לארץ, כדי לקיים את הנאמר — כי אין ארץ־ישראל נקנית אלא ביסורים.

לימים, אחרי עלייתי לארץ, ביקרתי אצל ר' יעקב פעמים מספר וכתמיד היה טוב־לב, ענותן וישר־דרך. ספר הספרים היה תמיד פתוח לנגד עיניו לקיים את הכתוב „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, והגית בו יומם ולילה.."

*

כשחלף הזמן ופתרון לא נראה באופק, תקף היאוש רבים וטובים ומאין מיצא עברו למחנה הקומוניסטים, שעד אז היתה השפעתו מזערה בעיירה. בן־לילה הפך סניף „החלוץ הצעיר" לסניף קומוניסטי. ברם, גם התכחשותו לרעיון הציוני מתוך יאוש לא עמד לו לנוער היקר הזה ביום עברה.

היום המר והנמהר לא אחר לבוא וגורלם של יהודי העיר הוכרע לשבט משפלשו גייסות היטלר לפולין. אנשים, נשים וטף, למדנים ומשכילים, אנשי עמל ונוער תוסס, שנפשו יצאה להימנות עם בוני הארץ, תלמידי „חדרים" ותלמודי־תורה; נשים עמלות, סבתות, אמהות צעירות ותינוקות שאך נולדו — כולם ניספו בשואה מידי הגרמנים בסיועם הפעיל של אנשי העיירה וסביבתה הלא־יהודים, שרצחו, שרפו והשמידו את בני עמנו בדם קר ובנפש חפצה.

בין קהילות קדושות בפולין, גדולות וקטנות, נכרתה גם העיר היהודית סטביסק. המעטים שמילטו את נפשם עם הצבא האדום, שנסוג מחלק זה של פולין עם הפלישה הנאצית, מתו ברובם בערבות סיביר, לשם הוגלו ע"י השלטונות הסובייטיים. מתי מספר בלבד הצליחו להימלט מגיא־ההריגה ומצאו את דרכם למולדת.

חמדה לעווינאָוויטש

יוגנט־שטעגן

דאָס קליינע שטעטל אין פוילן האָט צוליב אירע באַגרעניצטע מעגליכקייטן אוועקגעשטעלט פאַר דער יידישער יוגנט די פראַגע — וואוהין? ייִנגלאַך האָבן אין עלטער פון 5 יאָר אָנגעהויבן לערנען אין „חדר". דערוואַקסענע קינדער פון אָרימע היימען האָבן די עלטערן געשיקט זיך לערנען אַ פאַך ביי פאַרשידענע בעלי־מלאכות, ווי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי א.ד.ג. פעאיקע קינדער פלעגן לערנען ביי די בעסטע מלמדים אין שטעטל און שפּעטער פאָרן לערנען אין אַ ישיבה ווייט פון דער היים.

די נייע ווינטן, וואָס האָבן גענומען בלאָזן ווען עס איז דערגאַנגען קיין סטאַוויסק די בשורה פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָבן ממש אָפּגעפרישט די יידישע יוגנט. דאָס לעכצן און בענקען נאָך ציון, וואָס האָט דורות לאַנג געדרימלט אין יידישע הערצער, האָבן זיך מיט אַמאָל ווי דערוועקט פון אַ לאַנגן שלאָף און די יוגנט האָט גענומען זוכן וועגן ווי דעם דורות לאַנגן חלום צו פאַרווירקליכן. ווען אין שטעטל איז אָנגעקומען די בשורה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אַ שטורמישע כוואַליע פון פרייד פאַרפלייצט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. עס איז געווען אַ מילדער ווינטער־טאָג, אַ דינער שניי איז געפאַלן און איז זיך צוגאַנגען אין דער לופט נאָך איידער ער האָט דערגרייכט די ערד. נישט ווייט פון „התחיה" פאַריין האָבן זיך ספּאָנטאַן פאַרזאַמלט הונדערטער יידן. אויף אַ שטול איז געשטאַנען פלט (פלטיאל) רעמיגאָלסקי, דעם רב׳ס זון, און געהאַלטן אַ פייערדיקע ציוניסטישע רעדע. אין יענעם טאָג איז פאַקטיש געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ פאַרברייטערטער ציוניסטישער טעטיקייט. נאָך דער ערשטער ציוניסטישער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין בית־מדרש האָט מען דעם רב רמיגאָלסקי זצ״ל אהיים געפירט אונטער אַ חופה באַגלייט מיט טענץ און געזאַנג. מ׳האָט גלייך פּראָקלאַמירט אַ קאַמפּיין פאַר א״י. יידן האָבן זיך באַשטייערט, ווער מיט געלט, ווער מיט זילבערנע לייכטער, ווער מיט ביזשוטעריע. די ווייס־בלויע קרן־קיימת פּושקע איז געהאַנגען כמעט אין יעדן יידישן הויז, דינענדיק אַלס סימבאָל פונעם אייביקן בונד וואָס פאַראייניקט דאָס יידישע פאָלק מיט ארץ־ישראל וואָס לעבט אויף פון דאָסניי.

די דאָזיקע ציוניסטישע טעטיקייט איז אָבער נישט געווען גענוג צו פאַר־ענטפערן די פּראָבלעמען פון דער דערוואַקסענער יוגנט, וואָס האָט נישט געזען קיינע אויסזיכטן זיך צו באַשעפטיקן מיט קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, און אויך נישט פאַר די קינדער וואָס האָבן געענדיקט די פאָלקס־שול. אין סטאַוויסק איז נישט געווען קיין מיטל־שול און ווער עס האָט געוואָלט פאָרטזעצן לערנען האָט געמוזט פאַרלאָזן די היים און פאָרן אין ווייטע שטעט. אויף זיך צוגרייטן צו ווייטערדיקע לימודים האָט מען זיך געלערנט ביי פאַרשידענע לערערס, וועלכע זיינען געקומען קיין סטאַוויסק זוכן פּרנסה. די לער־שפּראַך איז געווען פויליש.

די ערשטע קליינע העברעאישע שולע האָט געגרינדעט חנא מאָנדענשטיין.

שפעטער האָט דער מלמד רובינשטיין געעפנט א „חדר מתוקן", אין וועלכן עס האָבן צום ערשטן מאָל אין סטאַוויסק געלערנט יינגלאך מיט מיידלאך צוזאַמען. אינצווישן איז צוריקגעקומען קיין סטאַוויסק פון דער ישיבה משה גאָעלמאַן. משה ג. האָט זיך געשטעלט אלס ציל צו פארשפרייטן די העברעאישע שפראך צווישן די גרעסערע קינדער און יוגנט. עס האָבן ביי אים אויך געלערנט דערוואַקסענע בחורים, תלמידים פון די בעסטע מלמדים, וואָס צו זייערע ידיעות אין עברית שבכתב האָבן זיי אויך געוואָלט דערווערבן די לעבעדיקע העברעאישע שפראך און זיך באַקענען מיט דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. משה גאָעלמאַן האָט פאַקטיש אויפגעשטעלט אין סטאַוויסק א דור פון העברעאיסטן. אייניקע פון זיי, וואָס לעבן אין אמעריקע, פלעגן אים אפט שרייבן בריוו אין א זעלטן שיינעם העברעאיש. ווייזט אויס אז משה גאָעלמאַנס תורה האָט ביי זיי געשלאָגן אזעלכע טיפע וואָרצלען, אז דאָס העברעאישע לשון איז ביי זיי פארבליבן פריש און לעבעדיק ביזן היינטיקן טאָג.

ווי געזאָגט האָבן די יוגנטליכע וואָס האָבן געוואָלט פאָרטזעצן לערנען געמוזט פארלאָזן סטאַוויסק. צוערשט איז מען געפאָרן קיין לאָמזשע לערנען אין דער יידיש־פוילישער גימנאַזיע פון ד"ר גאָלדלוסט, און פון דאָרט זיינען זיי זיך צופאָרן, ווער קיין לאָדזש, ווער קיין ביאַליסטאָק און צום סוף קיין ווילנע, וואו עס האָט זיך צולעצט קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון דער לערנענדיקער יוגנט פון סטאַוויסק. א טייל האָט געלערנט אין דער העברעאישער גימנאַזיע „תרבות", א טייל אין די יידיש־פוילישע גימנאַזיעס, אין דער פאַך־שול און אין העברעאישן און יידישן לערער־סעמינאַר, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זעלבן הויף. א טייל יינגלאך האָבן געלערנט אין ישיבות.

✶

ווי באַקאַנט איז אין די 20־ער און 30־ער יאָרן די יידישע יוגנט אין פוילן געווען אָרגאַניזירט אין פארשידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די סטאַוויסקער יוגנט איז אין אָנפאַנג געווען פארבונדן מיטן „החלוץ" און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט אין די פריע 20־ער יאָרן עולה געווען קיין ארץ־ישראל; די יינגערע, די וואָס האָבן זיך שפעטער צוריקגעקערט קיין סטאַוויסק נאָכן פארענדיקן די מיטל־שולע, האָבן געגרינדעט אין שטאָט א קן פון „השומר־הצעיר", אן וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן כמעט אלע יוגנטליכע און שול־קינדער פון שטעטל.

אין א גרויסן צימער אויפן צווייטן שטאָק פון ציבולקיס אלט־פארלאָזטן הויז — האָט זיך געפונען דער קן פון השומר־הצעיר. די טרעפלאך וואָס האָבן געפירט צום בוידעם־שטיבל האָבן געסקריפעט און זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון ארויף־און־אראָפּ־גייענדיקע. ס'האָט זיך געדאַכט אז אָט־אָט ברעכן זיי זיך איבער, דאָך האָבן זיי אויסגעהאַלטן און דערפילט זייער אויפגאַבע.

פאַקטיש איז דער „השומר־הצעיר" געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ארומגענומען דעם גרעסטן טייל סטאַוויסקער קינדער און יוגנטליכע. קינדער פון רייכע היימען און יינגלאך האַנטווערקער, שניידערקעס און זייערע לערן־

מיידלאַך, שול־קינדער — זיי אַלע האָט די דינאַמישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע געגעבן א אינהאַלט, א וואַרימקייט, און געשטאַרקט דאָס געפיל פון אייגן־ווירדע. דאָס צוזאַמענטרעפן זיך ביי דערציעריש־ציוניסטישער אַרבעט און דאָס פאַרברענגען צוזאַמען אין געזאַנג און טענץ האָט באַרייכערט און פאַרטיפט דאָס קליין־שטעטלש מאָנאָטאָנע לעבן.

די אָנפירנדיקע חברים זיינען געווען באַלאָדן מיט אַרבעט ווי: אָפטע זיצונגען צו פלאַנירן די דערציאונגס־אַרבעט פאַר די פאַרשידענע קבוצות און אַנדערע טעטיקייטן. די שווערסטע פּראָבלעם איז געווען דאָס באַלאַנסירן דעם בודזשעט. מ׳האָט טאַקע אַליין גערייניקט דאָס צימער, געבראַכט בלעכלאַך נאַפט פון דער היים פאַר די נאַכט־לאַמפּן, אָבער צו דעקן דעם מאָנאַטליכן אָפּצאָל דער צענטראַלע אין וואַרשע, צאָלן דירה־געלט און דעקן אַנדערע הוצאות — אויף דעם אַלעם האָט נישט געקלעקט די מאָנאַטליכע זעלבסט־באַשטייערונג פון די חברים, ווייל נישט אַלע זיינען געווען בכוח דאָס צו צאָלן.

כדי צו דעקן דעם כראָנישן דעפיציט האָט מען פון מאָל צו מאָל אויפגעפירט אַזוי גערופענע „אָוונטן" מיט א לאָטעריע פון פאַרשידענע ווערט־זאַכן און טענץ. איינמאָל האָט די הנהגה באַשלאָסן אויפפירן א מער ערנסטן אָוונט, און דערצו אין גרויסן זאַל פון די פייער־לעשער — דאָס אַליין איז געווען א געוואַגטער שריט פאַרבונדן מיט א גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט. דאָך האָט מען געוואַגט. מ׳האָט די אַרבעט פאַרטיילט צווישן עטליכע חברים — איינער האָט צוגעגרייט דעם כאָר, א צווייטער האָט געלערנט א גרופּע מיידלאַך פון דער עלטערער שיכט פאַרשידענע טענץ לויט אייגענער „כאָרעאָגראַפיע" א.א.וו. יינגלאַך האָבן זיך אין די טענץ נישט באַטייליקט, באַזונדערס ווען עטליכע פון זיי האָבן געטראָגן א באַלעט־כאַראַקטער. בלית ברירה האָבן עטליכע מיידלאַך זיך פאַרשטעלט פאַר יינגלאַך און אויסגעפּילט זייערע ראָלן.

דער אָוונט איז געווען זייער דערפאָלגרייך. איבערהויפּט האָט אויסגענומען איינער פון די טענץ און דאָס פּובליקום האָט מיט אומאויפהערליכע אַפּלאָדיסמענטן געצוואונגען די „באַלערינעס" צו ווייזן דעם נומער נאָכאַמאָל.

דער השומר־הצעיר איז געווען אָנערקענט דורך דער פּוילישער רעגירונג אַלס סקויט־אָרגאַניזאַציע. דער פאַרוואַלטער פון דער אָרטיקער פאָלקס־שולע, א באַוואוסטער שונא־ישראל, האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן וואָס די יידישע שול־קינדער זיינען אָנגעשלאָסן אָן השומר־הצעיר. די פּוילישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן קינדער זאָלן זיין אנגעשלאָסן אָן פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, עס זיינען נאָר געווען דערלויבט ספּאָרט און סקויט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען זייער פאַרשפּרייט אין פּוילן און אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון די פּוילישע קינדער און יוגנט. אגב, די גרעסטע פּוילישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „סאָקאָל" האָט געטראָגן אן ענדעקיש־אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

ווי געזאָגט איז דער השומר־הצעיר אין סטאַוויסק געשטאַנען ווי א ביין אין האַלז פון פּוילישן שול־דירעקטאָר, ביז ער האָט איינמאָל דעם ענין געבראַכט פאַרן לערער־ראַט וואו ער האָט מיך, אַלס רעליגיע־לערערין פאַר די יידישע קינדער אין דער פּוילישער פאָלקס־שולע, עפנטליך באַשולדיקט אין שעדליכער

פּאָליטישער טעטיקייט (ביי אים האָט עס געהייסן קאָמוניסטישע טעטיקייט, וואָס איז געווען אין פוילן שטרענג פארבאָטן). ער האָט מיך אויך באשולדיקט, אז איך פיר אראָפּ די קינדער פון גלייכן וועג, האלטנדיק זיי ביז שפּעט אין דער נאכט אין קן און שיכור צוזאמען מיט זיי. עס איז נישט לייכט געווען אָפּצוּווענדן די רשעות'דיק־נארישע באשולדיקונג און אויפווייזן אז די קינדער לערנען אין די אָוונטן העברעאיש און יידישע געשיכטע.



מעשה שטן איז פונקט דאן געווען א פרייער טאָג פון לערנען און די קינדער מיט זייערע מדריכים האָבן געמאכט אן אויספלוג אין וואלד. נאָך דער לערער־פארזאמלונג בין איך שנעל אוועק אויף א וועליסאפעד אין וואלד און דורך הינטער־וועגן האָבן מיר די קינדער צוריקגעבראכט אין שטאָט און זיי אהיימגעשיקט.

איך געדענק א ל״ג בעומר, ווען דער קן איז אוועק אויף א גאנצן טאָג אין וואלד אין דער ריכטונג פון קאָלנער וועג. אויף עטלעכע וועגענער האָט מען געבראכט פּראָוויאנט און געפראוועט א „יום־מחנה" מיט אלע פיטשעווקעס. פארנאכט האָבן די קינדער ארייננעמארשירט אין שטאָט, יעדע קבוצה מיט איר פאָן, זינגענדיק העברעאישע לידער, מאכנדיק א הקפה ארום דעם מארק ביז

צום קן. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אין גאַס און עמפּפאַנגען די מאַרשירנדיקע שומרים מיט פרייד און אַפּלאַדיסמענטן. ישראל־אלי שפּירא ז״ל האָט זיך געערגערט: „וואָלטן מיר געוואוסט וועגן דעם אין צייט — האָט ער מיר געזאָגט — וואָלטן מיר אייך עמפּפאַנגען מיט בלומען".

איין זומער האָט די צענטראַלע פון השומר־הצעיר אין פּוילן איינגעאָרדנט אין סטאַוויסק א ראַיאָן־צוזאַמענפאָר. פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלאַך זיינען זיך צונויפגעקומען מאַסן „שומרים" אין זייער חאַקי־אוניפאָרם. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין סאָקאָליכער וואַלד און געדויערט א גאַנצן טאָג. ער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך יעקב ריפּטין.

די עלטערע חברים פון קן זיינען געווען אָנגעשלאָסן אן „גדוד למען הקהק״ל" און דער מורשה איז געווען פּנחס מייזנער ז״ל. איינמאָל אין חודש פלעגן פאַרלאַך „שומרים" גיין פון הויז צו הויז אויסליידיקן די קרן־קיימת פּושקעס.

נאָך עטליכע יאָר פּרוכטבאַרער טעטיקייט האָט זיך אָנגעפאַנגען די ירידה פון השומר־הצעיר אין סטאַוויסק. חברים וועלכע זיינען געווען אין דער הנהגה האָבן נישט געזען קיין צוקונפט אין שטעטל. די טויערן פון ארץ־ישראל זיינען געווען כמעט הערמעטיש געשלאָסן, האָט מען געזוכט מען זוכן אַנדערע לענדער וואו צו עמיגרירן. בלויז איינצעלנע האָבן דורכגעבראָכן די עמיגראַציע־באַגרענצונגען אין אַמעריקע און קאַנאַדע, אַנדערע זיינען אוועק קיין פראַנקרייך און בעלגיע. נחמה קטן — היינט ביעזשונסקי — איז געווען די איינציקע וועמען ס׳איז געלונגען צו פאָרן אלס „טוריסטין" צו דער ערשטער „מכביה", וואָס איז פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל אין 1932, און איז שוין פאַרבליבן אין לאַנד אומלעגאַל מיט אַסך אַנדערע אַזעלכע „טוריסטן". ווען דער גרעסטער טייל פון דער השומר־הצעיר אָנפירערשאַפט איז זיך צופאָרן, האָט זיך די טעטיקייט אין קן פאַלשטענדיק אָפּגעשטעלט. די מיטעלע שיכט האָט געגרינדעט א סניף פון „החלוץ־הצעיר", האָפנדיק אַזוי אַרום צו האָבן א מעגליכקייט עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אָבער דער סניף האָט לאַנג נישט עקזיסטירט.

✶

די ביבליאָטעק איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס. עס זיינען אין איר געווען ביכער פון דער בעסערער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, ווי אויך איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. אין ביבליאָטעק איז אויך געווען א אָפּטיילונג פון העברעאישע ביכער פאַר קינדער און יוגנטליכע, וואָס די מערהייט פון זיי האָט געלייענט העברעאיש.

דער חודש־אָפּצאָל פון די לייענער האָט נישט געקלעקט אויפצוהאַלטן די ביבליאָטעק, צו קויפן נייע ביכער, פאַרריכטן די אַלטע, באַצאָלן דירה־געלט א.א. הוצאות וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אויפהאַלט פון דער ביבליאָטעק. צו שאַפן פאָנדן צו דעקן די אַלע באַדערפענישן פלעגט די יוגנט אָרגאַניזירן „אָוונטן" מיט פאַרשידנאַרטיקע פּראָגראַמען. ווען די „אָוונטן", אין וועלכע עס איז אויך געווען א לאָטעריע פון פאַרשידענע ווערטזאַכן, וואָס א סך האָבן

געשאַנקען צו דעם צוועק, האָבן נישט אַריינגעבראַכט די נויטיקע הכנסות, האָט די ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג, מיט פנחס מייזנער בראש, באַשלאָסן אויפצופירן אַ ערנסטע פאָרשטעלונג לטובת דער ביבליאָטעק.

ווען משה זילבערשטיינס משפחה האָט זיך באַזעצט אין סטאַוויסק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז זייער הויז געוואָרן אַ מין בית־ועד פון דער מיטעלער און עלטערער יוגנט פון שטעטל און איר גייסטיקער מנהיג איז געווען אהרון־אליעזר ז״ק.

דער פאָרשלאָג צוגרייטן אַ פאָרשטעלונג איז באַהאַנדלט געוואָרן דורך אַ קאָמיסיע מיט אהרון־לייזער ז״ק בראש און אַקטיווער מיטאַרבעט פון משה זילבערשטיין, פנחס מייזנער, יאָסעלע מאַנדעלשטיין אא. לויטן פאָרשלאָג פון משה זילבערשטיין האָבן זיי אויסגעקליבן אויסצופירן גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול״. די פּיעסע האָט משה זילבערשטיין שוין געהאַט אויפגעפירט מיט אַ גרופּע ליבהאָבער נאָך זייענדיק אין ליטע. ער האָט זי אויך רעזשיסירט.

אַ פאָרשטעלונג פון ליבהאָבער איז געווען אין שטעטל אַ זעלטענע געשעעניש. פון מיין קינדהייט געדענק איך, אַז אַ גרופּע פון דער עלטערער יוגנט האָט אַמאָל אויפגעפירט „יענקל דער שמיד״ פון דוד פּינסקי. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן שפּייכלער, וואָס זיי האָבן געדונגען ביי אַ רייכן פּויער. פאַר אונז קינדער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן זען די פאָרשטעלונג. דערפאַר האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן ווען מיין חבר׳טע גיטעלע כ״ץ האָט מיר צומאָרגנס דערציילט, אַז זי האָט זיך אַריינגעגנב׳עט ביינאַכט אין שפּייכלער און געזען די פאַרבאָטענע פאָרשטעלונג.

איך בין געווען באַזונדערס נייגעריק צו זען ווי אונזער לערערין, מעליטאַ סלוצקאַ, איינע פון די בעסטע ציטוויייליקע לערערס וועלכע זיינען געווען ביי אונז, אַ יידישקע וואָס האָט קיין וואָרט יידיש נישט געקענט ריידן, וועט אויספירן די פרויען־הויפּט־ראָל אין דער פּיעסע. זי פלעגט טאָג און נאַכט אַרומגיין איבערן צימער און חזרן אויסווייניק איר ראָל, וואָס מ׳האָט ספּעציעל פאַר איר אָנגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות. אין דער צייט פון איר „שטודירן״ די ראָל האָט מיט אונז געלערנט איר מאַן. ווי געזאָגט איז מיר נישט געלונגען די פאָרשטעלונג צו זען, נאָר ווי איך האָב געהערט האָט זי אויסגעפירט איר ראָל מיט גרויס דערפאָלג.

זומער 1926 איז געווען דאָס יאָר, ווען אַסך פון דער יוגנט האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין ווילנע און צוריקגעקומען אַהיים. אַ טייל פון אונז האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג אין הויז פון משה זילבערשטיין און דאָרט האָט מען אונז פאָרגעלייגט זיך באַטייליקן אין דער פאָרשטעלונג. די פאָרבערייטונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן לייענען די פּיעסע. דער אינטערפּרעטאַטאָר און ליטעראַרישער יועץ איז געווען, נאַטירליך, אַ. אַ. ז״ק. ער האָט געהאַלטן פאַר אונז גאַנצע פאָרטראָגן וועגן אינהאַלט פון דער פּיעסע און באַלויכטן אירע געזעלשאַפטליכע און סאָציאַלע אַספּעקטן. ער פלעגט בייזיין ביי יעדער רעפּעטיציע און שטרענג קריטיקירן יעדן פּרט אין די ראָלן, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז מיר אינטערפּרעטירן נישט ריכטיק. ער פלעגט נישט מיד ווערן ווידערמאָל און נאָכאַמאָל

באמערקן און אויפקלערן ביז דער ענין האָט זיך אים אויסגעוויזן איז אונז אינגאנצן קלאָר.

וועגן א.א. ז״ק׳ס שטרענגע פאָדערונגען קען דינען פאָלגענדער פאַקט: ביי דער ערשטער גענעראַל־פּראָבע אויף דער בינע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין גרויסן באראק פון די פייער־לעשער געציילטע טעג פאר דער פאָרשטעלונג, האָט זיך צו אונז געווענדעט א. א. ז״ק מיט די ווערטער: „קינדערלאַך, אויב איר זייט נאָך נישט גענוג זיכער אין די ראָלן וואָס איר דאַרפט אויספירן, איז כדאי אָפּלייגן די פּרעמיערע אויף א 2—3 וואָכן. וואָס מער איר וועט פאַרשטיין דעם אינהאלט און אייערע ראָלן — אַלץ בעסער וועט איר זיי אויספירן״. מיר האָבן געלערנט און געארבעט מיט התלהבות, יעדער האָט אריינגעלייגט אין זיין ראָלע זיין גאנץ וועזן, כדי זי אויספירן ווי אמבעסטן, דאָך האָבן מיר געציטערט הערנדיק אהרן־לייזערס באמערקונגען. אין הארץ האָט זיך אריינגעכאַפּט א ספק: אפשר זיינען מיר טאַקע נאָך נישט גרייט צו אזא ערנסטן עפנטליכן אויפטריט?

משה זילבערשטיין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געפילט זיכער. עס איז דאָך נישט געווען זיין ערשטער אויפטריט אויף דער בינע. ער האָט טאַקע אויסגעצייכנט אויסגעפירט זיין ראָל אלס „שטן״ און האָט נישט וויניק געווירקט אויף אונז מיט זיין פרייקייט און התלהבות׳דיקן שפּילן. די מיטשפּילער זיינען געווען: קאַפּלאַן, יאָסעלע מאָנדענשטיין, ישראל׳קע מאָרוס, גוטשע מאָרוס, פייגל ניעזוואדאָוויטש, גיטל כץ און איך. הערשל רובינשטיין איז געווען דער סופליאָר.

די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם ערשטן טאָג חוה״מ סוכות תרפ״ז (1926). דער גרויסער באראק איז געווען איבערפולט, אסך זיינען געשטאנען הינטער די פאַרמאַכטע טירן מיט דער האָפנונג אפשר וועט זיך דאָך געפינען א פרייער פּלאַץ. די פאָרשטעלונג האָט געהאט א קאָלאָסאַלן דערפאָלג, און איז באשאָנקען געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אויפצומאָרגנס איז פאָרגעקומען א צווייטע פאָרשטעלונג — א זאַך וואָס האָט נאָך אין סטאַוויסק נישט פּאַסירט. אסך טרופּעס פלעגן גאַסטראָלירן אין שטעטל און קיינער פון זיי איז נישט געלונגען שטעלן א פּיעסע מער ווי איינמאָל.

א. א. ז״ק איז געווען אויסער זיך פון פרייד — מיר האָבן אים נישט ענטוישט. עס איז איבעריק צו זאָגן, אז מיר אלע זיינען געווען ממש גליקליך. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן מיר הינטער די קוליסן געזונגען און געטאנצט פון פרייד. אויך די הכנסה פון די 2 אָוונטן איז געווען צופרידנשטעלנד. די ביבליאָטעק האָט זיך באַרייכערט מיט פיל ביכער און די לייענער האָבן געהאט א נייעם גרויסן אויסוואל פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור, ווי אויך איבערזעצונגען.

✶

אין די 30־ער יאָרן, מיטן אויפשטייג פון אנטיסעמיטיזם אין פוילן, האָבן יידן דערפילט אז די ערד ברענט אונטער זייערע פיס. א סך האָבן געוואָלט עולה

זיין קיין א״י, נאָר בלויז דינע שפּארונקעס האָבן זיך פון מאָל צו מאָל געעפנט אין די געשלאָסענע טויערן. דאָס ביסל סערטיפיקאַטן וואָס די מאנדאט רעגירונג האָט ארויסגעגעבן זיינען אין פּאלעסטינע־אמט געווען פארזיגלט אויף זיבן שלעסער, בלויז געציילטע האָבן זוכה געווען צו קריגן א סערטיפיקאט, דער עיקר חלוצים וואָס האָבן דורכגעמאכט א לאנגיעריקע הכשרה אין פארשידענע הכשרה־פארמס אין פוילן, צווישן זיי אויך אין פריצישן הויף פון משפחה דענענבערג — א שוואָגער פון ישראל־אלי שפירא — וואָס זיין גוט איז געווען ביים זייטיקן וועג צו קאָלנע. ס׳איז כדאי צו באמערקן, אז דענענבערג איז געווען איינער פון די וויניקע יידן, וועמען די פּוילישע מאכט האָט דערלויבט דערווערבן ערד און ענטוויקלען א פארם. כמעט אלע וואָס האָבן געשטרעבט צו פאָרן קיין א״י זיינען געווען צו אָרעם צו באצאָלן פאר א סערטיפיקאט און אויך האָבן אויף רייזע־הוצאות. געציילטע פרויען מיט זייערע קינדער איז געלונגען פאָרן צו זייערע מענער, וועלכע זיינען מיט פארשידענע אומוועגן געקומען קיין ארץ־ישראל.

איינער פון זיי איז געווען ר׳ יעקב ליפ (לב). ר׳ יעקב ליפ איז געווען א תלמיד־חכם, א איש־תם און ירא־שמים, וואָס האָט געפירט אן עניוותדיק און צניעות׳דיק לעבן. אפאָר שעה אין טאָג פלעגט ער שטיין אין זיין געוועלבל, איינע פון די 6 קרעמלאך וואָס האָבן זיך געפונען אין מויער נעבן קלויסטער, וואו ער פלעגט העלפן זיין פרוי פירן דאָס אָרים גראָשעדיקע געוועלבל.

ר׳ יעקב איז געווען אונזערער א הויז־פריינד. אין א געוויסן טאָג איז ער געקומען צו אונז און א זאָג געטאָן: איך בין געקומען זיך געזעגנען. ער גייט קיין ארץ־ישראל — האָט ער געזאָגט. שפּעטער האָט מען דערציילט, אז ר׳ יעקב איז טאקע געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט און פון לאנד צו לאנד און אזוי ארום מקיים געווען דעם מאמר — אז ארץ־ישראל דערגרייכט מען נאָר דורך יסורים.

קומענדיק אין לאנד האָב איך געהאט די זכיה אים צו באזוכן איניקע מאָל. ווי געוויינליך איז ער תמיד געווען גוט־הארציק, עניוות׳דיק און יושר׳דיק. דעם ספר־הספרים האָט ער שטענדיק געהאלטן אָפן און געלערנט כמעט אָן אויפהער, טאקע ווי עס שטייט געשריבן — לא ימוש מפיך.

✶

יאָרן זיינען אוועק. נישט זעענדיק קיין אויסוועג, האָבן זיך אסך פון די יוגנטליכע מיאש געווען און אריבער צו די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען ביז דאן געווען אין שטאָט א גאנץ קליינע גרופּע. דער גאנצער סניף פון „החלוץ הצעיר״ איז אין איין טאָג אריבער צו דער קאָמוניסטישער פארטיי. אָבער אויך די אילוזיע איז זיי נישט בייגעשטאנען אין טאָג פון שווערן גזר־דין.

דער ביטערער טאָג האָט זיך דערנענטערט און אויף דער יידישער קהילה אין סטאַוויסק איז נגזר געוואָרן אומקום. 1942 איז געווען דאָס גורל־יאָר פאר די סטאַוויסקער יידן. אלט און יונג, קינד און קייט, ברויזנדע יוגנט — אלע זיינען ווי שעפסן צוריסן געוואָרן דורך די נאצי־וועלף מיט דער אקטיווער באטייליקונג פון די גוים פון שטעטל און פון די שכנות׳דיקע דערפער.

אזוי איז פארשניטן געוואָרן די יידישע שטעטעלע סטאַוויסק און אָפּגעמעקט געוואָרן צוזאמען מיט אנדערע יידישע קהילות פון דער פוילישער ערד. די ווייניקע וואָס זיינען אנטלאָפן מיט דער צוריקטרעטנדיקער רויטער ארמיי, נאָכדעם ווי היטלער האָט דערקלערט קריג דעם ראטנפארבאנד — זיינען אומגעקומען אין סיביר, וואו זיי זיינען פארשיקט געוואָרן. בלויז געציילטע האָבן זיך געראטעוועט פון סאָוועטישן גיהינום און קראנקע און נידערגעשלאָגענע אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

הווי ודיוקנאות

שטייגער
און פּאָרטרעטן

הרב חיים־לייב ברנשטין

שבת בסטביסק

(זכרונות מימי הילדות)

מתנה יקרה נתן הקב״ה לעמו ישראל — השבת. והמתנה נתקבלה על־ידי העם כולו בשמחה רבה. ביחוד גדולה היתה שמחת השבת בעיירות היהודיות.

על שני דברים מוכן היה יהודי לעבוט חפצי ביתו: לשלם שכר־לימוד למלמד ולהכין את השבת בכבוד והדר.

כל ימות השבוע נהנה יהודי מזיוה של שבת. עד יום ג׳ בשבוע חש עוד את טעמה הערב של השבת שעברה, וביום ד׳ התחיל מכין את עצמו לקראת השבת הבאה. ביום חמישי בשבוע כבר הוחל בהכנסת השבת לתוך הבית, כגון: אפיה, בישול, ניקוי הבית וסידורו ופיזור חול טרי על הרצפה. ביום ששי בבוקר, בצאתך לרחוב היהודי, כבר נתבשמת מניחוחם של מאכלי השבת שנדף מכל בית.

ההכנות לשבת דמו להכנות לחתונה. ביום ששי אחרי־הצהרים נהרו אבות וילדיהם אל בית־המרחץ ובידיהם דלי ומטאטא־זרדים וחבילת לבנים תחת בית־שחיים — לכבוד שבת.

אמהות רחצו בחפזון את הילדים הקטנים וחפפו את ראשיהם והלבישום בגדי שבת, כדי לא לאחר חלילה קבלת שבת ההדורה.

ובנטות השמש מערבה הופיע ר׳ יואל־דוד, שמש בית־הכנסת הגדול, במקלו העבה ברחוב היהודי ובקול רווי שמחה וחגיגיות הכריז: „יהודים, הכונו לבית־הכנסת!״ ומשאך נשמע קול הבאס שלו סגרו החנוונים את חנויותיהם ובעלי־המלאכה את סדנאותיהם והאוכלוסיה היהודית כולה התחילה מכינה את עצמה לקבלת שבת המלכה.

התחנה הראשונה של ר׳ יואל־דוד היתה בקרבת המרחץ. אין לתאר את המהומה והבהלה שאחזה באותו רגע את המתרחצים. משם המשיך לרחובות העיירה האחרים וההכרזה ששבת קודש ממשמשת ובאה הדהדה מקצה העיר ועד קצה.

כבמטה־קסם חלפו טרדות השבוע והדאגות נגוזו כלא היו. שבת־קודש הגיעה. אבות וילדיהם לבושים בגדי שבת ובפנים זוהרים נהרו בשמחה לבתי־כנסיות ובתי־מדרשות להקביל את פני שבת המלכה.

בבית־המדרש הגדול, בו התפללו הרב דמתא ופני העיר; בבית־הכנסת הגבוה בעל ארון־הקודש המפואר; בשני בתי־המדרש — של חברת ק״ס, בו התפללו הלמדנים, ובתלמוד־תורה — בית תפילתם של אנשי „עמך״ — בכולם הפיצו מנורות ה„לוקס״ והנרות הדולקים בנברשות הארד העתיקות אור נגוהות. והיהודים הזוהרים משמחה מרגישים בעליל את הנשמה היתרה הממלאה כל אתר ואתר באורה ובשמחה. ברינה וצהלה מקבלים היהודים את פני השבת מלכתא.

והבית היהודי מה טיבו? נקי ומסודר, מקושט ונוצץ, מפיץ הוא אורה וחמימות על סביבותיו. על השולחן פרושה מפה צחורה, שתי חלות קלועות מכוסות בצניעות במפית של שבת, ובפמוטות מהבהבות להבות הנרות, עליהם ברכה האם, המפיצות קרני רזי דשבת בכל פינות הבית. מאכלי השבת מפיצים את ניחוחם ומגרים את התיאבון.

האב בא מבית־הכנסת ומברך את בני הבית ב„שבת שלום" עליזה. הילדים מתיצבים בשורה ומצפים לברכת האב. בעינים מפיקות דבקות מניח האב את ידיו על ראשי הילדים ומברכם בברכה המסורתית „ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה, כשרה, רבקה, רחל ולאה".

סיים לברך את הילדים, פוסע האב בפסיעות מדודות על פני הבית ומקבל ב„שלום עליכם" את מלאכי השלום, שליווהו בדרכו מבית־הכנסת לחיק המשפחה ומסיים ב„אשת חיל מי ימצא".

והאם — מי יכירנה? שוב אין משק־בית, חלפו הלאות והטרדה של עומס העבודה והדאגה; גזו סימני העמל והיגע; התנדפו אף ריחות המליחים והזפת המלווים אותה בכל ימות השבוע.

יושבת האם מרוצה, זוהרת, הדורה בצניעות בבגדי השבת שלה. בידה ה„קרבן־מנחה" ושפתיה לוחשות דומם את תפילות השבת ותחינותיה. חדורה חדוה פנימית והכרת תודה להשי"ת, נחות עיניה על בעלה ועל ילדיה הרכים, היושבים מסביב לשולחן השבת „כשתילי זיתים".

לאחר שבעלה קידש על היין ונטל את ידיו, תגיש אל המסובים את מאכלי השבת הטעימים. בין מנה למנה שר האב את זמירות השבת והילדים מלווים אותו בקולותיהם הרכים והערבים כבמקהלה.

שבת קודש היום ובכל בית יהודי שורה השכינה...

הרב חיים־לייב בערנשטיין

שבת אין סטאוויסק

(זכרונות פון די קינדער־יארן)

גאָט האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק א טייערע מתנה — שבת. די מתנה איז אויפגענומען געוואָרן פון גאנצן פאָלק מיט שמחה. באזונדערס איז געווען גרויס די פרייד פון שבת אין די קליינע יידישע שטעטלעך.

צוליב צוויי זאכן האָבן יידן זיך פאר׳משכנ׳ט: צו באצאָלן דעם מלמד שכר־לימוד און צו פייערן שבת וואָס שענער און בעסער.

א גאנצע וואָך האָט מען געלעבט מיטן כוח פון שבת. ביז דינסטיק האָבן יידן געצויגן זייער חיות און געפילט דעם זיסן טעם פון פארגאנגענעם שבת, און מיטוואָך האָט מען שוין אנגעהויבן זיך גרייטן צום קומענדיקן שבת.

דאָנערשטיק האָט מען שוין אָנגעהויבן „אריינברענגען" דעם שבת אין שטוב אריין: באקן, קאָכן, ראַמען, רייניקן און אויסשיטן אויפן פּאָל פרישן זאמד. דער ריח ניחוח פון שבת׳דיקע מאכלים האָט זיך שוין געלאָזט שפּירן פרייטיק אינדערפרי אין דער יידישער גאס.

יידן פלעגן זיך גרייטן צום שבת ווי צו א חתונה. טאטעס מיט קינדער זיינען געגאנגען פרייטיק נאָכמיטאג אין מרחץ אריין מיט א שעפעלע, א בעזימל און א פעקעלע פרישע וועש אונטערן אָרעם — לכבוד שבת.

מאמעס האָבן אין איילעניש געצוואָגן און געוואשן די קינדער און שנעל זיי אָנגעטאָן די שבת׳דיקע בגדים, כדי חלילה נישט פארשפעטיקן אויפצונעמען דעם שבת־קודש וואָס דערנענטערט זיך מיט זיין הדרת׳דיקער מלכות׳דיקייט.

אז די זון האָט זיך גענומען זעצן האָט דער שול־רופער, ר׳ יואל־דוד, גענומען זיין גראָבן שטעקן און שטאָלץ גערופן: „יידן אין שול אריין!" ווי נאָר זיין באסאָווע שטימע איז געהערט געוואָרן האָט מען אלץ אוועקגעלייגט און זיך גענומען גרייטן גיין אין שול אריין.

זיין ערשטע סטאציע איז געווען נעבן מרחץ. עס איז נישט צו באשרייבן די מהומה וואָס איז דאָרטן געוואָרן ווען מען האָט דערהערט ר׳ יואל־דוד׳ס רוף. פון דאָרט איז ר׳ יואל־דוד אוועק צו די אנדערע גאַסן פון סטאַוויסק, אָנזאָגנדיק יעדן איינעם אז דער הייליקער שבת קומט אָן. קרעמער האָבן גענומען ארויסשטופּן די פארשפּעטיקטע קונים, מען האָט פארהאַקט טיר און טויער — עס איז שוין שבת!

די וואָכעדיקע דאגות און זאָרגן זיינען מיטאמאָל ווי פארשוואונדן. דער הייליקער שבת איז געקומען. טאטעס מיט קינדער, אויסגעפוצטע מיט ליכטיקע פּנים׳ער, גייען אין די שולן און בתי־מדרשים מקבל שבת זיין.

אין גרויסן בית־מדרש, וואו עס דאַוונט דער רב מיט די פּני העיר, אין דער הויכער שול מיטן פּרעכטיקן ארון־קודש, אין די 2 בתי־מדרשים — חברה ק״ס פון די לומדים און תלמוד־תורה פון עמך — אומעטום זיינען אָנגעצונדן די גרויסע בליץ־לאָמפּן און אין די אנטיקע הענג־לייכטערס ברענען ליכט. אומעטום לייכט און שיינט. די שטראַלנדיקע יידן פילן באשיינפערליך ווי די נשמה־יתרה פארשפּרייט איר ליכט און פייערליכקייט. אין יעדער שול און בית־מדרש איז מען מקבל שבת ברינה ושמחה.

ווי זעט אויס די יידישע היים? אויפגעראַמט, אויסגעפוצט, אלעס בלאנקט און גלאנצט, פול מיט ליכט און ווארעמקייט. דער טיש געדעקט מיט א בלאַנק־ווייסן טישטוך, צוויי געפלאָכטענע חלות ליגן צניעות׳דיק צוגעדעקט און אין די שבת׳דיקע לייכטער פלאַטערן די פלעמלעך פון דער מאמעס געבענטשטע ליכט און פאר־שפּרייטן סודות־דיקע שטראַלן אין אלע ווינקעלאַך. די ריחות פון די שבת׳דיקע מאכלים לאָזן זיך שפּירן און רייצן דעם אפּעטיט.

דער טאַטע קומט פון בית־מדרש מיט א ברייטן און פריילאכן „גוט שבת". די קינדער שטעלן זיך אויס אין דער ריי לויטן עלטער און ווארטן אז דער טאַטע זאָל זיי בענטשן. מיט פארדבקות׳דיקע אויגן לייגט דער טאַטע ארויף צערטליך זיינע הענט אויף די קינדערשע קעפּעלאַך און בענטשט יעדעס קינד מיט דער

טראדיציאָנעלער ברכה „ישימך ה׳ כאפרים וכמנשה, כשרה, רבקה רחל ולאה״.
געבענטשט די קינדער שפרייזט דער טאטע איבער דער שטוב און זינגט „שלום עליכם״ צו די מלאכים וואָס האָבן אים באגלייט און פארענדיקט מיט „אשת חיל מי ימצא״.

די מאמע — ווער קען זי דערקענען? אויס הויזווירטשאפט, נישט מער פארהאָרעוועט, פארשמאיעט און אויפגערעגט פון שווערן לעבנס־לאסט; נישט מער פארשמירט פון דער ארבעט; אוועק זיינען אויך די משונה׳דיקע ריחות פון הערינג און סמאָלע.

זיצט די מאמע א צופרידענע, א צעשטראלטע, צניעות׳דיק אויסגעפוצט אין אירע שבת׳דיקע בגדים. דעם קרבן־מנחה סידור האלט זי אין האנט און שעפטשעט שטיל די תפילות און תחינות פון קבלת שבת. דורכגעדרונגען מיט אינערליכער פרייד און דאנקבארקייט צו גאָט קוקט זי אויף איר מאן און אויף די שיינינקע קינדערלאך, וואס זיצן ארום טיש „כשתילי זיתים״.

נאָך קידוש און נטילת־ידים דערלאנגט זי די געשמאקע שבת׳דיקע מאכלים און פאָטראוועס. צווישן איין געריכט און צווייטן זינגט דער טאטע הארציק די שבת׳דיקע זמירות. די קינדער האלטן אים אונטער און זינגען מיט ווי א כאָר.
עס איז שבת קודש, יעדע יידישע שטוב איז א מלוכה...

פסח קאפלאן ז״ל

דער רב און דער חזן

(א ביסל משפחה־כראָניק)

דער חזן בנימין נח האָט זיך ארומגעקוקט אין שטעטל און דערפילט תיכף עפעס א פרעמדקייט און ניט־היימלאכקייט. דוכט זיך, די זעלביקע יידן און פאָרט אביסל אנדערש. ניט קיין חסידים, דאַוונען נוסח אשכנז, לערנען א בלאט גמרא, ריידן יידיש ניט פארצויגן, ווי אין טיף פוילן, — אָבער פאָרט איז דער קלאנג און די אינטאָנאציע פון די ווערטער אנדערש ווי אין דער ליטע. א ווייכקייט ליגט אין זייער מויל ווי זיי וואָלטן גערעדט צוזינגענדיג מיטן טראָפּ, און זיין טרוקענע און שארפע אויסשפראך רופט ארויס ביי זיי א מין קעלט און אָפּגעווייטערטקייט. אין גאנצן שטעטל איז נישט געווען נאָך איינער, וואָס זאָל ריידן מיט זיין האַרט־ליטווישן יידיש־לשון און אים האָט עס אויסגעזען ווי ער וואָלט פארבלאָנדזשעט ערגעץ אויף א אינזל. קיין פריינט און קיין נאָענטן מענטשן האָט ער דאָ אויך ניט געהאט האָט ער זיך געשפירט עלנט, פאראיינזאמט.

איינגיכן האָט ער זיך ארומגעזען, אז אויך זיין איינציקער פריינט און באשיצער, דער רב ר׳ לייבעלע, זיצט אליין אויך ניט פעסט אויף זיין טראָן, איז ארומגערינגלט מיט שונאים.

פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען? בנימין נח האָט מסתּם פאַרשטאַנען די סיבה, ער האָט אָבער וועגן דעם שפּעטער קיינמאָל ניט גערעדט.

ר׳ לייבעלע איז געווען אַ גרויסער למדן, קלאָר אין ש״ס און פּוסקים, און פרום אָן פּניות. נאָך היינט געפינט זיך ביי זיין אייניקל אין ביאַליסטאָק, ר׳ יעקב מאיר ראַקאָווסקי, דער ש״ס, אין וועלכן ער האָט געלערנט און וואָס איז אויף די ראַנדן אָנגעפּיקעוועט מיט זיינע הגהות, געשריבן מיט דראָבנינקע אותיותלאַך, פון וועלכע ס׳קוקט אַרויס, ווי מ׳פאַרזיכערט, זיין געוואַלדיקע בקיאות און חריפות. אָבער אין זיין פאַמיליע האָט זיך געהאַט אריינגעכאַפּט דער מאָדערנער גייסט. זיין זון אַבטשע (אברהם אבא ראַקאָווסקי), וואָס איז דאַמאָלס נאָך געווען אַ בחור ביים טאַטן אין שטוב, האָט געלערנט תנ״ך און דקדוק, אַריינגעקוקט אין די קליינע ספרימלאַך און געהאַט אַ שם פאַר אַ משכּיל. דאָס, וואָס דער רב גופא האָט ליב געהאַט דעם חזן פאַר זיינע שיינע מליצה־בריוו וואַרפט אויך אַ געוויסן שיין אויף זיינע אינטימע נייגונגען.

פון אָפּגעריסענע ווערטער וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט ביי באַלעבאַטים ביים דאַווענען, האָט בנימין נח געדרונגען, אַז אַרום דעם רב הערשט אַ קאַלטע אַטמאָספערע און אַמאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳ווערט אין דער שטיל עפּעס געפּלאַנעוועט קעגן ר׳ לייבעלען...

שטעטלשע יידן פלעגן בכלל גאַנץ אָפט ליב האָבן צו ריידן שטיל, סודותדיק, אַרומקוקנדיק זיך, צו קיינער הערט ניט. ס׳איז נאָענט צום פּרייסישן גרענעץ און אין שטעטל פלעגט מען אָפט רעדן וועגן די פּרייסישע שטעטלאַך עלק (ליק) און יאָהאַנעסבורג, אָפּנעמען גרוסן פון יענער זייט. אין יענער צייט, נאָכן דורכפאַל פונם אויפשטאַנד, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער איבערלויף פון פּוילישע יונגוואַרג איבערן גרענעץ און וועגן דעם האָבן יידן אויך מסתּם געהאַט גענוג צו סודען זיך... אָבער אין שטעטל האָבן זיך אַרומגעדרייט „אָביעזדטשיקעס״, אַזוינע זעלנער מיט גרינע לאַמפּאַסן, וועלכע פלעגן האָבן אַ טבע אַריינקוקן אַ מענטשן אין די אויגן און זייער בליק פלעגט שטעכן און אַרויסרופן אַ ציטער. דאָס האָט בנימין נח שוין אין די ערשטע טעג געמוזט באַמערקן און האָט דעריבער מסתּם ניט געלייגט קיין אַכט דערויף, וואָס מ׳האָט זיך געסודעט אויך וועגן רב און וואָס אַמאָל האָט עס אויסגעזען אַז אויך אַנטקעגן אים, דעם ניי אָנגעקומענעם חזן־שוחט, האַלט מען זיך פון דערווייטנס...

האָט דער חזן געטאָן דאָס זייניקע, זיך געגרייט צו זיין „דעביוט״ אין די ערשטע ימים־נוראים, צונויפגעקליבן עטלאַכע יינגלאַך־העלפערלאַך און איינ־געזונגען מיט זיי אַ פּאָר זאַכן, אַ באַזונדער „שטעל״ געגעבן דעם באַס, פּייוול דעם רופא, אַ הויכער געלער יונגערמאַן, מיט לאַנגע אָפּגעקראַכענע ברעמען, וואָס האָט געדאַרפט אין יעדן ניגון אַריינפירן זיין גראָבן „באָם־באָם־באָם״ און „טאָם־טאָם־טאָם״. און גרויס הנאה האָט ער געהאַט, דער חזן, ווען ער פלעגט זיצן אין די אָוונטן אין שטוב מיט די זינגערלאַך אַרום טיש, און מיט זיין צוברומען האַלטן דעם טאָן און דערביי זיך צוהערן, ווי אין דרויסן איז דער פענצטער באַלאַגערט מיט נייגעריקע און ס׳גייט דאָרט אַ לוסטיגע גערייידעריי. אַז ער וועט יום־טוב אין שול אויסנעמען איז ער געווען זיכער.

און אזוי איז טאקע געווען. ביי זיינע מוספים אין דער גרויסער שול האָט זיך געשאפן עפעס א מאָדנע היימישקייט צווישן אים מיטן עולם, אלע צוימען זיינען פארשוואונדען, יידן האָבן געדאוונט מיט הארציקער געבראָכנקייט און דער חזן האָט די דאָזיגע שטימונג געשאפן.

אָבער דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, באלד נאָכן דאוונען, איז געשען עפעס אזוינס, ווי א דונער וואָלט אים אויפן קאָפ געפאלן.

ווי נאָר דער חזן מיט די משוררימלאך האָבן אָפגעזונגען דעם „היום תאמצנו", ווען דער עולם האָט אראָפגעוואָרפן די עטרות פון די טליתים פון די קעפ אויף די אקסלען און האָבן געקוקט ארום זיך מיט אויפגעהייטערטע פנימער, האָט זיך אויפן בימה באוויזן יענקל דער זעלנער, א הויכער ייד מיט א ווילדער שווארצע באָרד מיט א מעשענעם בלעכל אויפן הארצן, האָט געהייסן דעם שול־שמש, בערל־וועלוול א קלאפ טאָן מיטן ברעטל אין קישעלע, און האָט נאָכדעם, האלטענדיק א פאפיר אין האנט, געמאָלדן, אז דאָס איז א באפעל פון לאָמזשער גובערנאטאָר. דאָ ווערט געזאָגט אָט וואָס: צו דער מאכט זיינען דערגאנגען זיכערע ידיעות, אז דער רב, לייב ראקאָווסקי, האָט אין דער שטיל אונטערגעהאלטן פארבינדונגען מיט די פוילישע „מיאטעזשניקעס", דעריבער ווערט פאראָרדנט, ער זאָל אין משך פון 24 שעה פרייוויליג פארלאָזן די שטאָט, אניט וועט ער געשמידט ווערן אין קייטן און איינגעזעצט ווערן אין תפיסה.

אין שול איז אנטשטאנען א שטורעם. ר׳ לייבעלע, וועלכער האָט געדאוונט אין דער ווינקל־שטאָט, ביים ארון־קודש, איז תיכף ארומגערינגלט געוואָרן דורך פריינט, צווישן זיי אויך בנימין נח דער חזן, אנדערע מתפללים זיינען געשטאנען אין גרופקעס און געשמועסט. איבערן געמורמל האָט געשוועבט עפעס ווי א דריקנדיקער סוד. ביסלאכווייז איז מען זיך פאנאנדערגעגאנגען, און דער חזן וואָס איז געווען אפגעשוואַכט פונם מוסף, איז געגאנגען מיט אונטערגעהאקטע קני, געפילט, ווי ס׳וואָלט זיך געוואקלט דער באָדן אונטער אים...

יאָרנלאנג נאָכדעם האָט מען אין שטעטל ניט אויפגעהערט ריידן וועגן יענער אויסטערלישער פאסירונג, קינדער האָבן עס פון די מאמעס געהערט און איינער דעם אנדערן איבערדערציילט. און ווייטער האָט זיך די מעשה אזוי געצויגן: אין דערזעלביקער נאכט האָט ר׳ לייבעלע זיך איינגעפאקט און אוועק פון שטאָט, צוזאמען מיט זיינע בני־בית, און אויף מאָרגן, צום גדליה, האָט מען זיך דערוואוסט, אז די גאנצע מעשה מיטן גובערנאטאָרס פאפיר איז געווען אן אָנשטעל פון עטלאכע באלעבאטים, חסידישע רעדל־פירערס, וואָס האָבן געוואָלט פטור ווערן פונם רב און האָבן אויסגעקליבן דעם דאָזיגן וועג איבערצושרעקן אים מיט א כלומרשטן באפעל פון דער מאכט...

בנימין נח האָט זיך געפילט ווי אן אונטערגעשאָסענער, זיין איינציגער אָנשפאר איז שוין ניטאָ, און וואָס וועט זיין מיט אים אליין? ווער ווייסט, אויף וואָס דידאָזיקע יידן וועלן נאָך פעאיק זיין אויך לגבי אים?

און די נאָענטע טעג האָבן באוויזן, אז זיין שרעק איז ניט געווען קיין אומזיסטער. חול המועד סוכות איז אין שטעטל פאָרגעקומען אן אסיפה פון גבאים וועגן דער פראגע פון א נייעם רב און אויך וועגן כשרות.

וואָס שייך דער לעצטער פראגע, האָבן די גבאים איינגעפונען, אז אייך שוחט, וואָס איז נאָך אויך פארנומען מיט חזנות איז וויניק, מ׳האָט דעריבער באשטעטיגט פאר א צווייטן שוחט א חסידישן יונגנמאן ר׳ לייזער פון ראדזשילאָווע. דערביי זאָלןביידע שוחטים שעכטן דווקא צוזאמען, איינער אָן דעם אנדערן זאָל ניט טאָרן האלטן דעם חלף...

ווי נאָר דער באשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָט מען תיכף געשיקט רופן דעם נייעם חזן, בנימין נח, און אים געהייסן אונטערשרייבן א צעטל, אז ער איז מסכים אויף א צווייטן שוחט און אז ער וועט גיין צוזאמען מיט יענעם אין שעכטהויז און שעכטן נאָר אין יענעמס אָנוועזנהייט.

א געבויגענער און געבראָכענער האָט בנימין נח אונטערגעשריבן דעם צעטל, ווי ער וואָלט איבער זיך אליין א פסק־דין געחתמעט.

פאר א רב איז שפעטער באשטימט געוואָרן ר׳ מאיר נח לעווין, דערזעלביגער, וואָס איז נאָכדעם געווען ווילנער שטאָט־מגיד און אין א סך יאָרן ארום — רב אין ניו־יאָרק, אמעריקע.

אברהם בן איסר חלופוביץ ז״ל

„תפילה זכה" בפוריטה

על דרך המלך בין סטביסק לקולנה, 5 ק״מ מסטביסק, השתרע על אורך של קילומטר וחצי משני צדי הכביש, הכפר פוריטה, בו גרו 12—10 משפחות יהודיות. עיסוקים שונים היו ליהודי פוריטה. חלק התפרנס ממלאכה, חלק ממסחר ואחדים עבדו את האדמה. ברם, מבחינה רוחנית היוו חלק של הקהילה היהודית בסטביסק. נולד בן זכר — הכניס אותו לבריתו של אברהם אבינו מוהל מסטביסק; צריך היה לשחוט עוף — הביאוהו אל השוחט בסטביסק; בשאלת כשר וטריפה וכן בדין־תורה — פנו אל הרב דמתא של סטביסק; ואשה שנזדקקה לטבילה היתה מקיימת את המצוה במקוה של סטביסק.

דומני שלא אטעה בקביעתי, שאם היהודים העירוניים חיו בגלות, היתה שבעתיים קשה גלותם של היהודים הכפריים. הראשונים חיו לפחות בתוך עמם, בסביבה המיוחדת שלהם, בעוד שהיהודי הכפרי חי בלב לבה של הגלות, והיא, הגלות, שרתה ממש בביתו.

בטורים הבאים ברצוני לספר מעשה שהיה, אירוע שהתרחש בערב יום־כיפור תרע״ה (1914) בכפר פוריטה. הייתי אז בן שמונה. הדבר התחיל עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה, ביום חמישי בשבוע, יומיים לפני שבת חזון. בקולנה התקיים בכל יום חמישי יריד ואילו ביום חמישי ההוא, בשעה שש לפנות ערב, הופיעו כרזות על הקירות. רקען היה אדום ואותיותיהן שחורות. בכרזות הללו הובא לידיעת האוכלוסיה כי פרצה מלחמה בין רוסיה לבין גרמניה, וכי כל החיילים שבמילואים, עד גיל 40, חייבים להתיצב בשבת חזון במרכז הגיוס

בלומז׳ה. רבה היתה המהומה והזעקה בעיירה. אולם דומני, שיותר מכולם הקימה קול זעקה הסבתא שלי צ׳יפה, שכן מארבעת בניה חויבו שלושה לצאת למלחמה, שגורמיה ופשרה היו לה זרים ובלתי מובנים. סיפרו על איזשהו יורש־עצר שנרצח, ששמעו מעולם לא הגיע לאזניה, ואף לא ידעה על קיומו.

השוק התרוקן חיש מהר, הגויים והסוחרים שבאו ליריד נסו כל עוד נפשם בם, רק תושבי קולנה נשארו וקול בכייה ויללותיה של סבתי גברו והלכו מרגע לרגע.

עד מהרה נסגר הגבול עם גרמניה, ויהודי קולנה שסחרו עם גרמניה ונמצאו שם ביום פרוץ המלחמה, נשארו בפרוסיה, ביניהם הסבא שלי, ר׳ משה זאב ז״ל, בן ה־80. למחרת, ביום ששי, בשעה שלוש אחרי־הצהרים, נראו בחוצות העיירה כעשר עגלות, וכל העתודאים היהודים עד גיל 40 הוסעו ללומז׳ה, לתחנת הגיוס. הם נסעו ביום ששי להמנע מחילול שבת. הזעקות והבכי בשעת הפרידה היו ממש קורעי לבבות. ודוקא מסבתי הישישה צ׳יפה נמנעו חבלי הפרידה, מאחר ששלושת בניה שחל עליהם צו הגיוס לא היו בקולנה: אבי איסר לא היה בפוריטה, הדוד פסח גר בפינלנד וצריך היה להתייצב במחוז מגוריו והדוד שאול שירת בימים ההם בצבא.

אותו ליל שבת עצוב היה במיוחד ורווי פחדים ביחס לעתיד. בשבת בבוקר הופיעו אנשי הרשות בבתי בעלי המונופולין על יי״ש ועיקלו את התוצרת. כל חיילי המילואים עד גיל ארבעים, גויסו מהכפרים הסמוכים. מי בשירה ומי בבכי, הובלו בעגלות עמוסות לעיפה ללומז׳ה.

אמי רבקה עם ארבעה ילדים קטנים היו בפוריטה, ואילו אני ואחי ישראל׳קה למדנו בקולנה אצל יודל־נחום מלמד־גמרא — והתגוררנו בבית סבתא וסבא. לפי הבנתה הצבאית־איסטרטגית של אמי, היינו שרויים אנחנו, כלומר, אחי ואני בשל היות קולנה קרובה יותר לגבול הגרמני, בסכנה גדולה יותר מאבינו המגויס. ואכן, ביום ראשון בבוקר, יום שחל בו תשעה באב, חשה אמנו לקולנה כציפור מבוהלת שקנה שרוי בסכנה ואין היא יודעת גורל גוזליה. משמצאה אותנו במצב רגיל נרגעה והתחילה מטכסת עצה מה לעשות. לבסוף הגיעה לידי החלטה שאני, אחי ישראל׳קה וסבתא צ׳יפה, חייבים לעזוב את קולנה ולעבור לכפר פוריטה, הרחוק קצת יותר מהגבול.

המלחמה היתה למציאות. גייסות נהרו בכל הדרכים שהובילו לעבר הגבול. פרשה מיוחדת נועדה ליהודים: הרוסים האשימו אותם במעשי ריגול, ורבים, ובייחוד יהודי ספר, הוגלו לסיביר.

עם גיוס אבי נשארה אמא עם ששה ילדים וחמישה רובל בכיס. ולחיות הרי צריך! כדי לפרנס את המשפחה התחילו אמא וסבתא לאפות דברי מאפה מקמח לבן, ואנחנו, הנערים, מכרנו את המאפה בין החיילים ומזה התפרנסה המשפחה. כעבור זמן מה הגיעה ידיעה מאבא ששולחים אותו לחזית. דודי שאול נמצא כבר מזמן שם.

הימים הנוראים משמשו לבוא. כבשנים כתיקנן הוזמנו אף הפעם לפוריטה בעלי התפילה הסטביסקאים — נטע־מנדל בתור בעל־שחרית ומיכאל גולדקס הישיש בתור בעל מוסף. היהודים האמידים מהסביבה הקרובה — אלתר הפוריטאי,

אברה'מל הרוטקאי ומאיר הזסקרודז'י, בעלי טחנות קמח, יחד עם מספר משפחות מדזשירבה ויהודי פוריטה, ערכו מניין בטחנת הקמח ברוטקה, בשל היות המקום הזה הנקודה המרכזית של הסביבה כולה. בימים הנוראים הפכה הטחנה לבית־כנסת זוטא. שלושה ספרי־תורה הובאו, ו„העליות" חולקו באופן דמוקרטי בין המתפללים ללא הפליה.

שני ימי ראש־השנה עברו כרגיל, כמעט כבשנים שמלפני המלחמה. המשפחה יוצאת הדופן היחידה היתה משפחתנו בשל העדרו של אבא שהיה מגויס. לא בכדי נישאו מעזרת הנשים בכיין וזעקותיהן של אמי וסבתי שעלו עד לב השמים; אולם ביום־כיפור נשמע בכיין כקול ענות הלושה לעומת זעקותיהן קורעות הלב של בנותיו של אלתר הפוריטאי, וזאת משום שבערב יום־כיפור עצרו הרוסים את אביהם, היהודי העשיר והמכובד ביותר בכפר פוריטה, קשרוהו בחבל ארוך לזנבו של סוס וסחבוהו למקום בלתי נודע.

בעשרת ימי תשובה כבש הצבא הגרמני את הכפר, ואילו יומיים לאחר מכן גרשום הרוסים משם. ערב יום־כיפור בבוקר, בשובנו מתפילת שחרית מטחנת הקמח ברוטקה, ראינו מעל הגבעה חיל פרשים ליד טחנת הקמח של פוריטה. יהודי פוריטה התפזרו בדרכים צדדיות כדי לא לפגוש את החיילים, ואילו אלתר הפוריטאי ובני משפחתו המשיכו מחוסר ברירה לביתם. על פי מקרה נלוויתי אליהם, שכן מורא החיילים לא נפל עלי בגלל המסחר שניהלתי אתם...

בהיותנו ליד הטחנה שאל הקצין: מי כאן בעל־הבית? אלתר ענה שהוא בעל־הבית. הקצין התחיל מיד להכות בפרגול בראשו וצעק בקולי קולות: „יהודי נבזה, אתה הובלת גרמנים לגרמניה, כלום אינך יודע שהם אויבינו?" ומבלי לחכות לתשובה זרק שאלה לחייליו: „מי מתנדב להוביל אותו?" מיד יצאו מן השורה חמישה חיילים.

היללות והזעקות של המשפחה כולה היו ללא הועיל. הם לקחו את אלתר, קשרוהו בחבל ארוך לזנב סוס, ארבעה חיילים הלכו שנים שנים מכל צד, וכך סחבו אותו לאי־שם. קל לתאר את הרגשת הדכאון ששררה בין יהודי הכפר והסביבה כולה באותו ערב יום־כיפור. נוסף לכך פשטה שמועה שגורל דומה נועד לכל היהודים.

שעת „כל נדרי" התקרבה והלכה. אמירת „כל נדרי" בציבור לא באה בחשבון כל עיקר. אמי יראת־השמים, בברכה על הנרות אחרי הסעודה המפסקת, הרבתה כ"כ לבכות עד שסבור הייתי שנפתחו כל מעינות הדמעות שהצטברו במשך הגלות היהודית הארוכה. כן לא יכלה להשלים שאני ואחי, שני נערים יהודיים, ישארו בבית בליל „כל נדרי" ושלחה אותנו לשכננו יענקל הפוריטאי, לומר „כל נדרי" ולהתפלל תפילת ערבית של ליל יום־כיפור בחברתו. היא גם אמרה לנו, שנכוון תפילתנו לא רק למען אבינו שהיה בחזית, אלא לכל בית ישראל, השרוי בסכנה גדולה.

יענקל פוריטאי, יהודי שזקנו הלבן כשלג ירד על מידותיו, לבוש ב„קיטל" נראה בעיני ככהן הגדול בשעת העבודה. כשבאנו לביתו עוד היה די אור בחוץ וטרם הגיעה השעה לאמירת „כל נדרי". כנהוג, ישב לומר „תפילה זכה". 50 שנה חלפו מאותו ליל כל נדרי, ועוד מהדהד באזני הלחן העגום, קורע הלב,

בו אמר ר' יענקל „תפילה זכה". כן אין אני יכול לשכוח אותו ערב יום כיפור בבוקר כאשר קשור לזנב סוס סחבו בצורה כה אכזרית את אלתר מפוריטה.

ליל יום־כיפור עבר בשלום. למחרת בבוקר לא יכלו יהודי הכפר להשלים, כי ביום הקדוש ביותר בשנה לא יתפללו בציבור ולא ישפכו בצוותא את מרי לבם לפני האחד והיחיד שבידו להושיע. אחד אחד התחילו מתאספים בבית־הכנסת המאולתר. תפילת שחרית עברה כרגיל, אבל בתפילת מוסף, באמירת תפילת „ונתנה תוקף", פרץ הש"ץ וכן הקהל עמו בבכי מר ובתחינה לבורא העולם שירחם על עמו ישראל ויפתח את שערי הרחמים. הבכיות והיללות מעזרת הנשים הגיעו עד לב השמים.

כעבור שבועות אחדים ותודות לפעולות שונות שנעשו בנדון, שוחרר אלתר וחזר לפוריטה. כולנו האמנו שאלתר שוחרר בזכותן של התפילות שיצאו מעומק לבנו באותו יום כיפור והגיעו עד לכסא הכבוד.

בשנת 1929 נפטר אלתר והובא למנוחת עולם בבית־הקברות בסטביסק.

אברהם בן איסר כאַלופאָוויטש ז"ל

„תפילה זכה" אין פאַריטע

אויפן טראקט צווישן סטאוויסק און קאָלנע, 5 ק"מ פון סטאוויסק, איז געלעגן אויסגעצויגן אויף 1½ קילאָמעטער די לענג פוןביידע זייטן שאָסיי דער פאַרא־פיאלנער און קאָשטשעלנער דאָרף פאַריטע, וואו עס האָבן געוואוינט יאָרן לאנג 10—12 יידישע פאמיליעס. עקאָנאָמיש האָבן זיך די פאַריטער יידן אויסגעלעבט פארשידנארטיק: א טייל האָט זיך פארנומען מיט מלאכה, א טייל מיט מסחר און איניקע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ערד־ארבעט. גייסטיק אָבער האָבן זיי געהערט צו דער סטאוויסקער קהילה. איז געבוירן געוואָרן א בן־זכר — האָט מען געבראכט דעם מוהל פון סטאוויסק; האָט מען געדארפט שחט'ן אן עוף — האָט מען עס געבראכט קיין סטאוויסק צום שוחט; איז געווען א שאלה אָדער א דין־תורה — איז מען געגאנגען צום סטאוויסקער רב; האָבן פרויען געדארפט גיין צו טבילה — איז די מקוה געווען אין סטאוויסק.

איך גלויב אז עס וועט נישט זיין איבריק צו באטאָנען, אז אויב שטאָטישע יידן האָבן געלעבט אין גלות, איז דער גלות פון די דאָרפישע יידן געווען פילפאכיק. די ערשטע האָבן לפחות געלעבט צווישן זיך, אין אן אייגענער סביבה, דאגעגן דער דאָרפישער ייד האָט געלעבט אין סאמע הארץ פון גלות, ער האָט אים געהאט ביי זיך אין שטוב.

אין די קומענדיקע שורות וויל איך באשרייבן אן אמת'ע פאסירונג, וואָס האָט פאסירט ערב יום־כיפור תרע"ה (1914) אין פאַריטע. אָנגעפאנגען האָט זיך עס מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין דאן אלט געווען

8 יאר. געווען איז דאָס א דאָנערשטיק פאר שבת חזון און זונטיק איז אויסגעפאלן תשעה־באָב. אין קאָלנע פלעגט יעדן דאָנערשטיק זיין א יריד. יענעם דאָנערשטיק, 6 א זייגער פארנאכט, האָבן זיך באוויזן פלאקאטן אויף די ווענט — רויטע פלאקאטן מיט שווארצע אותיות — וואָס האָבן מודיע געווען דער באפעלקערונג אז עס איז אויסגעבראָכן א מלחמה צווישן רוסלאנד און דייטשלאנד און אלע אויסגעדינטע זעלנער ביז 40 יאָר מוזן זיך צושטעלן שבת חזון אין לאָמזשע צום וואָיענעם פונקט. פארשטייט זיך אז די מהומה איז געווען זייער גרויס. פון אלע טומלער, אזוי האָט זיך מיר וויזיקסטנס אויסגעוויזן, זיינען מיין באָבע משיפעס געוואלדן און געוויינען געווען די העכסטע, ווייל 3 פון אירע 4 זין האָבן געדארפט גיין קעמפן פאר א זאך וואָס איז איר געווען פרעמד און אומפאר־שטענדליך. עפעס האָט מען גערעדט פון א דערשאָסענעם קרוינפרינץ, ווערמענס נאָמען זי האָט קיינמאָל נישט געהערט און נישט געוואוסט אפילו אז ער עקזיסטירט. דער מארק האָט זיך באלד אויסגעליידיקט, די גויים און סוחרים פון דער פרעמד זיינען זיך צולאָפן, געבליבן זיינען נאָר די קאָלנער תושבים, און מיין באָבעס געוויין האָט זיך פארשטארקט אלץ מער און מער.

די צייט האָט געטאָן אירס. די גרעניץ מיט דייטשלאנד איז באלד געשלאָסן געוואָרן און אלע קאָלנער יידן, וואָס האָבן געפירט מסחר מיט דייטשלאנד, זיינען פארהאלטן געוואָרן אין פרייסן, צווישן זיי מיין 80־יעריקער זיידע משה־זאב זכרונו לברכה. צומאָרגנס, פרייטיק 3 א זייגער בייטאָג, זיינען אָנגעקומען א צענדליק פורן מיט דראביאסטע ווערענער און אלע אויסגעדינטע יידישע זעלנער ביז 40 יאָר האָט מען אָפגעפירט קיין לאָמזשע צום מאָביליזירונגס־פונקט. כדי נישט מחלל שבת זיין זיינען זיי אוועקגעפאָרן א טאָג פריער. דאָס געזעגנען זיך איז געווען הארצרייסנד. מיין אלטיטשקע באָבע טשיפע, זכרונה לברכה, האָט נישט געהאט מיט ווערמען זיך צו געזעגנען: מיין טאטע איסר איז אוועק פון פאָריטע, מיין פעטער פסח האָט געלעבט אין פינלאנד און געדארפט דאָרט גיין צו מיליטער, און מיין פעטער שואל האָט געדינט אין מיליטער.

יענער פרייטיק־צונאכט איז געווען זייער א אומעטיקער און פול מיט פחדים פאר דער צוקונפט. שבת אינדערפרי האָט מען פאר׳חתמ׳עט די מאָנאָפאָלן פון בראָנפן. אלע זאפאסנע אויסגעדינטע זעלנער ביז 40 יאָר, גויים פון אלע ארומיקע דערפער, ווער זינגענדיק און ווער וויינענדיק, זיינען אָפגעפאָרן אין פול־געפאקטע וועגענער קיין לאָמזשע.

מיין מאמע רבקה מיט 4 קליינע קינדער זיינען פארבליבן אין פאָריטע. איך און מיין ברודער ישראל׳קע האָבן געלערנט אין קאָלנע ביים גמרא מלמד יודל־נחום און זיך געפונען ביי דער באָבען און זיידן. לויט מיין מאמעס מיליטערישן און סטראטעגישן באגריף, בין איך און מיין ברודער, זייענדיק אין קאָלנע אזוי נאָענט צו דער דייטשער גרעניץ, געווען אין א גרעסערער געפאר ווי דער מאָביליזירטער טאטע אונזערער. זונטיק אינדערפרי, תשעה־באב, איז מיין מאמע געקומען צולויפן קיין קאָלנע א צושטראָקענע ווי א פויגל וואָס איר נעסט איז אין געפאר און ווייסט נישט וואָס מיט אירע קינדער איז געשען. ווען זי האָט אונז געפונען אין א נאָרמאלן צושטאנד האָט זי זיך בארואיקט און אָנגעהויבן

טראכטן וואָס ווייטער צו טאָן. צום סוף האט זי באשלאָסן אז איך, מיין ברודער ישראל'קע און די באָבע טשיפּע דארפן פארלאָזן קאָלנע און פאָרן קיין פאָריטע, וואָס געפינט זיך דאָך אביסל ווייטער פון דער גרעניץ.

די מלחמה האָט זיך אויף אנ'אמת אָנגעהויבן. מיליטער האָט זיך געצויגן אויף אלע וועגן אין דער ריכטונג צו דער גרעניץ. פאר די יידן האָט זיך אָנגעהויבן א באזונער קאפיטל. די רוסן האָבן גענומען באשולדיקן יידן אין שפּיאָנאזש און אסך פארשיקט קיין סיביר, בפרט דאָרפישע יידן.

נאָך מיין טאטנס אוועקגיין צו מיליטער איז מיין מאמע געבליבן מיט 6 קליינע קינדער און 5 רובל אין קעשענע, און לעבן דארף מען. די מאמע מיט דער באָבען האָבן אָנגעהויבן באקן ווייס געבעקס, און מיר, די יינגלאך, פלעגן דאָס געבעקס פארקויפן צווישן די זעלנער און פון דעם האָבן מיר געלעבט. פון טאטן איז שפּעטער אָנגעקומען א ידיעה, אז מען שיקט אים אָפּ צום פראָנט. מיין פעטער שואל איז שוין דאָרט געווען.

ימים נוראים האָבן זיך דערנענטערט. ווי שטענדיק האָט מען אראָפּגעבראכט קיין פאָריטע די סטאַוויסקער בעלי־תפילות — נטע־מענדל דער מלמד אלס בעל־שחרית און דער אלטיטשקער מיכל־גאָלדקעס אלס בעל־מוסף. די רייכסטע בעלי־בתים פון דער נאָענטער סביבה — די מילנערס אלטער פאָריטער, אברהמ'ל דער רוטקער און מאיר דער זאסקראָדזשער, ווי אויך עטליכע פאמיליעס פון דזשירבע און די פאָריטער יידן — פלעגן איינאָרדנען דעם מנין אין רוטקער מיל, ווייל דאָרט איז געווען דער מיטלפונקט. ימים־נוראים האָט זיך די מיל פארוואנדלט אין א קליינע שול. 3 ספרים זיינען געווען צום לייענען. די עליות פלעגן איינגעטיילט ווערן דעמאָקראטיש, אָן דיסקרימינאציע און אָן יחוס.

ראש־השנה איז אדורך כמעט ווי אין די יאָרן ביז דער מלחמה. די איינציקע געליטענע פאמיליע איז געווען אונזערע, ווייל דער טאטע איז געווען מאָביליזירט. האָבן זיך טאקע פון דער ווייבערשער שול געטראָגן די געוויינען פון מיין באָבען עד לב השמים; יום־כיפּור אָבער זיינען זייערע געוויינען פארבלאָסט געוואָרן דורך די געוואלדן פון אלטער פאָריטערס טעכטער, מחמת ערב יום־כיפּור האָט מען זייער פאָטער, אלטער פאָריטער, דעם רייכסטן אָנגעזעענסטן ייד פון דאָרף, צוגעבונדן מיט א לאנגן שטריק צו אנ'עק פון א פערד און אים ערגעצוואו אוועקגעשלעפּט.

צווישן ראש־השנה און יום־כיפּור האָט פארנומען דאָס דאָרף דייטש מיליטער, אָבער 2 טעג פאר יום־כיפּור האָבן די רוסן זיי ארויסגעטריבן. ערב יום־כיפּור אינדערפרי, ווען מיר זיינען געגאנגען פון תפילת שחרית פון רוטקער מיל, האָבן מיר צוקומענדיק צום בערגל געזען פונדערווייטנס רייטער־מיליטער ביי דער פאָריטער מיל. די פאָריטער יידן זיינען זיך צוגאנגען דורך די זייטיקע וועגן, כדי זיך נישט טרעפן מיט די זעלנער פנים אל פנים. אלטער פאָריטער אָבער און זיין משפחה האָבן קיין ברירה נישט געהאט און זיינען געגאנגען גלייך צו זיך אהיים. צופעליק בין איך אויך מיטגעגאנגען מיט זיי, ווייל איך האָב נישט מורא געהאט פאר די זעלנער. איך פלעג דאָך האנדלען מיט זיי...

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום מיל האָט דער אָפיציר געפרעגט: ווער פון

אייך איז דער בעל־הבית? אלטער פּאָריטער האָט געענטפערט אז ער איז דער בעל־הבית. נישט וואַרטנדיק קיין סך האָט דער אָפיציר אים גלייך דערלאנגט מיט דער נאגייקע איבערן קאָפּ און ארויס מיט א ווילדער שפראך: „דו יידישע מאָרדע, דו האָסט געפירט דייטשן קיין דייטשלאנד, ווייסטו נישט אז זיי זיינען אונזערע שונאים?" און נישט וואַרטנדיק אויף אַן׳ענטפער האָט ער א געשריי געטאָן צו זיינע סאָלדאטן: „ווער נעמט זיך אונטער פרייוויליג אים צו פירן?" גלייך זיינען ארויסגעטראָטן פון דער רייע 5 זעלנער. די געוויינען און געוואלדן פון דער גאנצער פאמיליע האָבן גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט אלטערן צוגעבונדן מיט א לאנגן שטריק צום עק פון א פערד, 4 סאָלדאטן זיינען געגאנגען פוןביידע זייטן און אזוי האָט מען אים אוועקגעפירט. פארשטייט זיך אז דאָס געמיט ביי אלע יידן פון דאָרף און אויך פון דער סביבה איז געווען זייער א געדריקטע. מ׳האָט געשמועסט, אז מען וועט אלע יידן אזוי פארנעמען.

עס האָט זיך דערנענטערט די שעה פון כל־נדרי. פון זאָגן כל־נדרי בציבור איז שוין קיין רייד נישט געווען. מיין גאָטספאָרכטיקע מאמע האָט ביים בענטשן די ליכט, נאָכן פארפאסטן, דאכט זיך אויסגעוויינט דעם גאנצן יידישן גלות. נישט וועלנדיק אז איך און מיין ברודער, יידישע יינגלאך, זאָלן בלייבן אין שטוב די נאכט פון כל־נדרי, האָט זי אונז אריינגעשיקט צו א שכן, צו יענקל פּאָריטער, כדי מיר זאָלן אויף וויפל ס׳איז מעגליך זאָגן כל נדרי און דאוונען בציבור. אָנגעזאָגט האָט זי אונז מיר זאָלן מתפלל זיין נישט נאָר פארן טאטן, נאָר אויך פאר אלע יידן, ווייל די געפאר איז זייער גרויס.

יענקל פּאָריטער, א ייד מיט א שניי־ווייסער פאטריארכאלישער לאנגער באָרד, אָנגעטאָן אין א ווייסן קיטל, האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי דער כהן גדול ביי דער עבודה. ווען מיר זיינען אריינגעקומען צו אים אין שטוב איז נאָך געווען ליכטיק אין דרויסן און מען האָט זיך נאָך נישט געשטעלט זאָגן כל־נדרי, האָט ער, ווי דער מנהג איז, גענומען זאָגן תפילה זכה. 50 יאָר זיינען אוועק זייט יענער כל־נדרי־נאכט, אָבער נאָך היינט קלינגט אין מיינע אויערן זיין הארצרייסנדיקער ניגון און איך קען אים נישט פארגעסן. אויך שטייט לעבעדיק פאר מיינע אויגן די טרויריקע סצענע פון אינדערפרי, ווען מען האָט אלטער פּאָריטער שוידערליך אוועקגעשלעפּט צוגעבונדן צו אַן עק פון א פערד.

די נאכט פון יום־כיפור איז אריבער בשלום. צומאָרגנס, יום־כיפור אינדערפרי, האָבן די יידן אין דאָרף נישט געקענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז אין דעם הייליקסטן טאָג פון יאָר זאָלן זיי נישט דאוונען בציבור און אויסגיסן זייערע פארביטערטע הערצער פארן איין־און־אייציקן וועלכער קען העלפן. ביסלעכווייז האָט דער עולם זיך פארזאמלט אין דער אימפּראָוויזירטער שול. אין אָנפאנג איז דאָס דאוונען געווען גאנץ נאָרמאל. ביי מוסף, אָבער, זאָגנדיק „ונתנה תוקף", האָבן דער בעל־תפילה און גאנץ קהל זיך פארגאנגען אין א ביטערן געוויין און זיך געבעטן ביים רבונו־של־עולם, אז די הארצרייסנדע תפילות זאָלן עפנען די טויערן פון רחמים. פון עזרת־נשים האָבן זיך געטראָגן געוואלדן און געוויינען.

נאָך פארשידענע אינטערווענצן איז אין א פּאָר וואָכן ארום אלטער פּאָריטער באפרייט געוואָרן. מיר האָבן אלע געגלויבט אז דאָס איז געשען אין זכות פון

די תפילות וואָס זיינען דערגאַנגען צום כסא־הכבוד. אין יאָר 1929 איז אלטער געשטאָרבן און געקומען צו קבורה אויפן סטאַוויסקער בית־עולם.

נחמיה לוינוביץ

פרודות

(זכרונות מימי הילדות)

תמונות חיוורות עולות במקוטע מעיירתי סטביסק שמלפני מלחמת העולם הראשונה. רב היה העוני וחיי עמל היו חלקם של רוב היהודים בעיירה — נישא שעליו בלבד אפשר לכתוב הרבה, אך לא כאן המקום המתאים לכך. על כן אתעכב על ארועים בודדים בלבד, השמורים היטב בזכרוני, ארועים שהרטיטו לבבות ילדים ומילאום בחדוה ובצפיה מתוקה.

זוכר אני את השמחה וההתרגשות שפעמו בלבנו בעת ההכנות להקבלת חג הפסח; הצפיה הרוטטת לחליפה החדשה שנתפרה לכבוד החג, לנעלים החדשות חורקות הסוליים ולכובע החדש — כל אלה היו רגעי אושר לא ישוערו בעוני ששרר בעיירה. והתכונה הרבה להוציא את החמץ ו„להכניס" את הפסח — החג הרענן, הנקי והנוצץ — הוסיפה אף היא רגעי אושר ועליצות לילדים, שהטו שכם למלאכת הנקיון והצחצוח, להכשרת הכלים, להוצאת הספרים מן הארונות והנחתם על שולחן ארוך, פתוחים למשב־הרוח האביבי הצח, שאיוורר אותם אגב עלעול והפיכת דפיהם. זוכרני את כרכי הש"ס ו„חובות הלבבות", ספרי־קודש יקרים, שאבינו ז"ל רכשם באהבה־אין־קץ בפרוטות הנחסכות, פרי עמל, יזע ומאמץ רב.

וההכנות לאפיית המצות — אי הקולמוס לתארן? הן התחילו במו"מ ארוך ומייגע על מחיר הקמח, שבדרך־כלל היה כרוך במפח נפש. ומשנקנה הקמח החלו ההכנות לאפיה עצמה שהיתה מפעל קולקטיבי. מעניין שבשטח זה נקטו כבר אז — אמנם מטעמי דת — בשיטת הייצור המודרנית ביותר באמריקה, כלומר בשיטת חלוקת התפקידים בין אנשים שונים. איש איש ותפקידו. שכן מי שלש את הבצק לא יצק מים לתוך הקמח, ומי שניקב את המצות לא עשה כל עבודה אחרת וכו'.

המפורסם בין אופי־המצות בעיירתנו היה שלום המלמד ז"ל. הוא גם היה בעל קריאה מצויין, וגם חונן בחוש הומור שנון. על בנותיו הרבות היה דורש את הפסוק: „קצתי בחיי מפני בנות חת". (יש כאן משחק מלים, שהרי האות ח' מספרה 8). וכהנה וכהנה הלצות ובדיחות שהתהלכו בעיירה יוחסו לר' שלום, שהיה אישיות רב־גונית ומעניינת.

*

שתי סבתות היו לנו: האחת הסטביסקאית, אמה של אמנו, שהיתה ידועה בשם „איטקה חיה־לאה׳ס״. נכדיה המרובים נקראו על שמה — „הנכד, או הנכדה, של איטקה חיה־לאה׳ס״; ואילו הסבתה השניה, אם אבינו, גרה בעיירה וונסוס (ליד שצ׳וצ׳ין). שונות היו 2 הסבתות גם באופין וגם במזגן והצד השווה שבהן, שזו וזו היו אמיצות מבעליהן, הסבים שלנו. את הסבתות זוכר אני היטב, ואילו הסבים דמויותיהם מעורפלות בזכרוני. כרוב הנשים בתקופה ההיא, היו סבתותינו ולדניות והשפיעו עלינו שפע של דודים, דודות ודודנים.

דודים היו לנו רבים, ושנים מהם שמם היה חיים. האחד, חיים קבקביץ מסטביסק, והאחד — חיים לוינוביץ מווֹנסוס. דומים היו בשמם, אך שונים באופים. הדוד חיים קבקביץ, שהיה יותר קרוב לנו, משום שגר בשכנותנו, כינויו בעיירה היה „חיים קאַשטאַן״ (ערמון) בשל צבע שערו הערמוני. גבה־קומה היה, גאה, מוצק־גו ואוהב חיים. אשתו, הדודה מרים, היתה בעלת־בית למופת. ביתה היה הנקי והמצוחצח מכל בתי השכונה. אנו, הילדים, היה לנו לעונג לבקר בביתה של הדודה מרים.

הדוד חיים ניהל, בשותפות עם בנו בכורו יענקל־ניסל, מסחר עם „פרייסן״ (פרוסיה), כלומר היו קונים תבואה אצל הפריצים הפולנים ואיכרי הסביבה ושולחים אותה לגרמניה. בשל מגעם עם העולם הגדול היתה רמת־חייהם גבוהה מהמקובלת בעיירה.

הדוד חיים היה ידוע כליצן ומעשי־הקונדס שלו עוררו גלי צחוק. היה מתבדח על חשבונם של שלומיאלים וטפשים לא ניצלו מלשונו השנונה. עצלן זכה בכינוי מיוחד: „דער פראַצאָוויניק״, היינו: „איש עמל״.

לדוד חיים היו ילדים מאשתו הראשונה והשניה. הדודה מרים המופלאה גידלה את היתומים מאשתו הראשונה באותה מסירות שגידלה את ילדיה היא. כדי לסלק כל שמץ של אפליה בין ילדי הראשונה וילדיה, קראו לה אלה ואלה „דודה״ במקום „אמא״. הדודה מרים זכורה לי כאחת הנשים האצילות ביותר שהיו בסטביסק.

מכל בניו של הדוד חיים ניצלו רק 3 שהיגרו לארה״ב. כל השאר — בנים, בנות ונכדים — ניספו בשואה מידי הנאצים.

טיפוס שונה לחלוטין היה הדוד חיים מוונסוס. לביקורו אצלנו בכל חול־המועד פסח צפינו בקוצר־רוח. הוא היה גבה־קומה, יפה, בעל לחיים ורודות ושפתים אדומות ועל פניו היתה נסוכה תמיד בת־צחוק מלבבת. נעלה מכל ספק שכל הבחורות שבעירו היו מאוהבות בו. היה לבוש בקפידה, נקי למשעי ומצוחצח. אנחנו הילדים היינו גאים בדוד חיים והיינו בטוחים שדודנו הוא היפה מכל הדודים שבעיירה.

בן אחר שלו, יהושע (הבכור חי בארגנטינה), ניצל ממש מתוך האש. בפרוץ המלחמה שירת כחייל בצבא פולין. עם כיבוש פולין הגיע לוילנה ומשם לארץ־ישראל, וכאן נפל במלחמת השחרור בגוש־עציון.

✶

על „סדר״ פסח ועל החג בכללו, דומני שאין מה להוסיף. וכאן ברצוני

לספר על אירוע אחד שנחרת בזכרוני מאז ימי ילדותי. אחד מידידיו הקרובים של אבינו ע״ה היה ר׳ גדליה גואלמן ז״ל. ר׳ גדליה, שהיה שד״ר מטעם אחת ה„ישיבות״ בפולין, היה רוב ימות השנה מחוץ לבית, אך לפסח היה חוזר לסטביסק, כדי לחוג את החג בחיק משפחתו. עלינו, הילדים, היה ר׳ גדליה אורח מקובל ואהוב מאד. הוא היה יהודי עליז והשרה מרוחו הטובה על סביבתו. אך לא זה בלבד, תמיד היה מביא למשפחתנו מתנה לחג, מתנה נעימה מאוד שלה צפינו בקוצר־רוח. הוא הביא לנו רבע ליטרה ענבים. כל ילד היה מקבל 2—3 ענבים. לאחר ברכת „שהחיינו״ באה החוויה הגדולה של החזקת הענב בפה. צר היה לי לבלוע מתנה כה יפה — ענב עגול ועסיסי, פרי ארצות רחוקות, שנוסף לכך בא מידו הטובה של ר׳ גדליה, אשר בחזרו ממרחקים לעיירה הקטנה והעניה נשא עמו ריחו של העולם הגדול, ניחוח של ענבים ותפוזים. וכדי שהחוויה תארך החזקתי בפה את הענב רגעים מספר ונמנעתי לנגוס בו, עד שהמימות הפה גברה על הרצון והענב נמחץ ונבלע בגרוני. לא אבוש ואודה שרבה היתה אכזבתי כשהענב המתוק־חמצמץ נמס ולא היה, שכן מעתה שוב אצטרך לחכות שנה שלמה כדי לזכות בענב טעים, יפה ונחמד, תאוה לעיניים!

*

מרכזה של „סטביסק־של־מעלה״ היה, לדעתי, בית־המדרש הגדול. שם היה אבי ר׳ מנדל ע״ה מתנער מאבק המאפיה והופך לאדם חדש. שם, בבית־המדרש, שוב היה ר׳ מנדל התלמיד המבריק של ישיבת מיר המפורסמת. סביב השולחן של חברת „מגן־אברהם״ היה יד־ימינו של ר׳ וועלוול ז״ק, ראש החברה. אם אין זכרוני מטעני היתה החבורה של „מגן־אברהם״ העלית הרוחנית של סטביסק, מעין סטביסק של מעלה.

לפני מלחמת העולם הראשונה היו יהודי עיירתנו רובם ככולם אדוקים, שומרי מצוות, שהקפידו להתפלל שלוש פעמים ביום — שחרית, מנחה ומעריב. ואם בכל ימות השנה כך, בשבתות ובמועדים לא כל שכן. ואילו לגבי אותה הקבוצה, שאני מכנה אותה סטביסק־של־מעלה, היו להם יומרות מיוחדות כגון: לזכות בשבת ל„עליה שמנה״, ל„מפטיר יונה״ בתפילת מנחה של יום כיפור, ומי שחונן בקול נעים — לעבור לפני התיבה בבית־המדרש הגדול בימים הנוראים, מי בתפילת שחרית, מי בתפילת מוסף, שלא לדבר כבר בליל כל־נדרי ובתפילת נעילה.

ר׳ וולוול ז״ק, אביו של אהרון־לייזר, חברי מנוער, היה מוסמך להיות רב בישראל. ברם, כאבינו ע״ה, שעפ״י נטיית לבו צריך היה לעסוק רק בתורה וכדי לפרנס את משפחתו נאלץ להיות אופה, כך ראה הכרח ר׳ וולוול, הלמדן המופלג, להתעסק בחנות לממכר מוצרי ברזל. לאמיתו של דבר ניהלה את העסק אשתו הצדקנית מרת רבקה, אמו של אהרון־לייזר חברי, שיצאו לו מוניטין בזכות כשרונותיו המופלגים.

בזכרוני חרותה דמותה של רבקה ז״ק כאשה שגילמה את מיטב המידות היהודיות. מימיה לא נשמעה מפיה מילת גנאי על מישהו. אשה צנועה, כמעט

ביישנית, היה כבודו של כל אדם יקר בעיניה. היה מעשה וחיים־זבולון ברמזון, אדם צעיר ותקיף, פתח בית־מסחר למוצרי ברזל, וע״י כך נתקפחה במידה רבה פרנסתו של ר׳ וולוול. והיה ומישהי מנשי סטביסק, שאהדתן היתה נתונה למשפחת ז״ק, היתה מטיחה קללה בנוכחותה של רבקה על חיים־זבולון, היתה האשה העדינה והצדקנית הזאת מזדעזעת ממש מדבריה ובדמעות בעיניה היתה מפצירה באותה אשה שלא תזרוק מרה באדם מישראל. אסור — היתה אומרת ומניחה כף ידה על פיה של אותה אשה לבל תחטא בשפתיה.

אורח־החיים של היהודים בסטביסק הושפע אך במעט מהאוכלוסיה הפולנית. באותה תקופה עוד שלט אלוהי ישראל בכל פינה של החיים היהודיים ומבחינה תרבותית ומוסרית עלו לאין־שיעור היהודים על שכניהם הפולנים. היטב זכורים לי ימי ששי לפנות ערב שעה שהשמש עבר ביעף את העיירה והכריז „עת ללכת לבית־הכנסת !״. וכל מלה הדהדה בחלל האויר והגיעה לכל פינות העיירה, גם זה היה האות שהחולין מסתלק ושבת־המלכה קרבה ובאה.

אמא ז״ל מיהרה להכניס את סירי־החמין האחרונים לתוך התנור הגדול, ניגבה בסינרה את זיעת פניה והודתה לאל הטוב שסו״ס בא „יריד החמין״ לקצו.

רצונכם לדעת מה היתה הסחורה הטובה ביותר אצל יהודי סטביסק — התורה. בגיל 10—11 היו שולחים את הילדים לערים אחרות ללמוד ב„ישיבות״. שם היו „אוכלים ימים״ אצל משפחות מוקירות לומדי תורה, ומכשירים עצמם לשמש ברבנות ובמקצועות אחרים הקשורים באורח החיים היהודי, כפי שעושים כיום הורים יהודים השולחים את בניהם לאוניברסיטאות לרכוש מקצוע חפשי. כנאמר, התרכזו חיי הרוח בבית־המדרש הגדול, בבית־הכנסת הגדול וב„שטיבלאך״ החסידיים. ה„בנק״ החשוב ביותר שלהם היה בספירות העליונות, שם צבר כל יהודי מצוות קלות כחמורות לעתיד לבוא.

עיקר פרנסתם של היהודים עמד על המסחר עם איכרי הכפרים הסמוכים. היום החשוב ביותר היה יום חמישי — יום השוק, שהתקיים בכיכר הגדולה שבמרכז העיר. בצדה האחד של הכיכר התנשאה הכנסיה הקתולית, מתוכה היו מביטים „האם הקדושה״ ובנה האלוהי על מאמיניהם, אגב תקוה שיניחו לנפשם את בני העם, מחיקו יצאו. אך תקוותם נתבדתה. ב„עיניהם״ ראו כיצד מאמיניהם הכחידו את יהודי סטביסק במיתות אכזריות ומשונות.

סטביסק עיירתי, אינך קיימת עוד. זכרך נמחה מתחת שמי ד׳. עד היסוד נותצו בית־הכנסת ובית־המדרש הגדול. קבריהם של רבני סטביסק הגדולים נחרשו, בית־העלמין היה לכר־מרעה. ו„האם־הקדושה״ ובנה — זה שנולד כיהודי ומת כיהודי — מתוך חלונותיה של הכנסיה הקאתולית חזו כיצד מאמיניהם בני העם הפולני, ענודי צלבים, יוצאים ומשמידים את יהודי סטביסק, והם מחרישים. אולי הזילו דמעה ? אולי בכו במסתרים בקול־אין־שמע, כשם שהשכינה בכתה על מר גורלם של 6 מיליון יהודים, בני אברהם, יצחק ויעקב.

מיאמי, פלורידה

נחמיה לעווינאָוויטש

פראגמענטן

(זכרונות פון אמאָל)

סטאַוויסק. בלאַסע בילדער טויכן אויף אין מיין זכרון פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אסך אָרימקייט איז דאָרט געווען, א שווער האָרעפּאַשנע לעבן. פיל בלעטער וואָלט איך געדאַרפט האָבן דאָס אליין צו באַשרייבן, אָבער נישט יעצט איז די צייט דערצו. איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף עטלעכע מאָמענטן, ווען די קינדישע הערצער האָבן געצאַפּלט פון פרייד און זיסע דערוואַרטונגען.

קומט מיר אויפן זינען די קינדישע פרייד, וואָס האָט באַגלייט די הכנות צום יום־טוב פסח; די פריידיקע דערוואַרטונגען אַרום דעם נייעם אָנצוג אויף פסח, די נייע סקריפּענדיקע שיך, די נייע הוט א.א.וו. דאָס זיינען אפשר געווען די גליקלעכסטע מאָמענטן אין דער סטאַוויסקער אָרימקייט, גליקליך פאר די קינדער וועלכע האָבן צוגעלייגט א האַנט אַרויסצופירן דעם חמץ און אַריינפירן דעם פסח, דעם פרישן שיינענדיקן פסח. איך געדענק די הכנות און צערעמאָניעס פון כשר׳ן כלים, בדיקת חמץ און פאַרברענען דעם חמץ ערב פסח; דאָס העלפן ראַמען און וואַשן, אויסלייגן די פאַרשטויבטע ספרים אויף א לאַנגן טיש אונטערן פרייען פרילינג־הימל און לאָזן די פרישע דופטיקע ווינטן בלעטערן דעם ש״ס, דעם „חובות הלבבות״ און די אַנדערע טייערע הייליקע ספרים, וועלכע אונזער פאָטער ז״ל האָט מיט אַזויפיל מי און ליבע אָנגעזאַמלט, ספרים געקויפטע מיט שווער־פאַרהאָרעוועטע בלוטיקע גראָשנס.

ווען איך דערמאָן זיך אָן די שווערע „פאַרהאַנדלונגען״ אין שייכות מיטן צוגרייטן די מצות אויף פסח — ווער איך אויף אָן אמת סענטימענטאַל. די פאַרהאַנדלונגען ביים קויפן מעל, די לאַנגע דינגעניש איבער דעם פּרייז — זיינען געווען באַגלייט מיט א היבש ביסל עגמת־נפש. באַקן מצות איז געווען א קאָלעקטיווע אונטערנעמונג. אינטערעסאַנט וואָס אויף דעם געביט פון מצה־באַקן האָט מען שוין דעמאָלט אָנגעווענדעט, צוליב רעליגיעזע טעמים פאַרשטייט זיך, דעם מאָדערנסטן אַמעריקאַנער סיסטעם פון פּראָדוקציע — צוטיילן די אַרבעט אויף פאַרשידענע קליינע חלקים. יעדער איינער האָט געהאַט זיין באַזונדערן חלק, זיין „ספּעציאַליטעט״ — דער וואָס האָט געקנאָטן דעם טייג האָט נישט געגאָסן וואַסער, דער וואָס האָט גערעדלט די מצות האָט נישט געטאָן קיין אַנדערע אַרבעט א.ז.וו.

דער באַרימטסטער מצה־בעקער אין אונזער שטעטל איז געווען שלום דער מלמד. ער איז אויך געווען אָן אויסגעצייכנטער בעל־קורא. ער האָט אויך געהאַט א שאַרפן חוש פאר הומאָר. וועגן זיינע צאַלרייכע טעכטער האָט ער געהאַט א ספּעציעלן וואָרט־שפּיל: „קצתי בחיי מפני בנות חת״, ח = 8. ענליכע קלוגע איינפאַלן, גוטמוטיקער הומאָר און סאַטירע פלעגן צירקולירן אין אונזער שטעטל אַרום שלום מלמד׳ס קאָלירפולער פערזענליכקייט.

*

מיר האָבן געהאט 2 באָבעס: די סטאַוויסקער באָבע, אונזער מוטערס מוטער, וועלכע איז געווען באַקאַנט אַלס „איטקע חיה־לאה׳ס", און אַלע אירע צאָלרייכע אייניקלאַך פלעגן זיך רופן אויף איר נאָמען — „איטקע חיה־לאה׳ס אייניקלאַך". די צווייטע באָבע איז געווען אונזער פאָטערס מוטער פון וואָנסאָנס. די צוויי באָבעס זיינען געווען גאַנץ פאַרשידן אין זייער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט. דער צד השווה שבהן איז געווען, וואָס ביידע זיינען געווען שטאַרקערע פּערזענליכקייטן פון זייערע מענער, אונזערע זיידעס. אין מיין זכרון זיינען געבליבן די באָבעס, קוים קוים וואָס איך געדענק די זיידעס. די באָבעס, ווי ס׳רוב באָבעס אין יענער צייט, האָבן אַסך געקינדלט און אונז באַזאָרגט מיט אַ צאָל פעטערס און מומעס און שוועסטער־קינדער. פון די צאָלרייכע פעטערס האָבן מיר געהאט 2 וואָס האָבן געהייסן חיים: חיים קאַווקעוויטש פון סטאַוויסק, און חיים לעווינאָוויטש פון וואָנסאָס.

ווי גלייך די פעטער חיים׳ס זיינען געווען אין זייערע נעמען, אַזוי פאַרשידן זיינען זיי געווען אין זייער כאַראַקטער. דער פעטער חיים קאַווקעוויטש איז געווע: נענטער צו אונז, ווייל ער איז געווען אונזער שכן. זיין צונאָמען איז געווען „חיים קאַשטאַן", ווייל ער איז געווען אַ רויט־האָריקער. ער איז געווען אַ הויכער, שטאָלצער לעבנסלוסטיקער מענטש. די מומע מרים איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקע באַלעבאָסטע, איר הויז איז געווען דאָס ציכטיקסטע אין אונזער געגנט. עס האָט דאָרט געשמעקט אין יעדן ווינקל. פאַר אונז קינדער איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן באַזוכן די מומע מרים׳ס הויז.

דער פעטער חיים פלעגט בשותפות מיט זיין זון יענקל־ניסל „האַנדלען מיט פּרייסן", ד. ה. זיי פלעגן צוזאַמענקויפן תבואה ביי די פּוילישע פּריצים און פּויערים און זי אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד. ווייל זיי זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסערער וועלט איז זייער לעבנסטאַנדאַרט געווען העכער ווי דער דורכשניט אין סטאַוויסק.

דער פעטער חיים האָט געהאט קינדער פון דער ערשטער און צווייטער פרוי. „שטיקלאַך" וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס געלעכטער. ער פלעגט חוזק מאַכן פון טויגעניכטסן און פון נאַראָנים וואָס פלעגן פון אים גלאַט נישט אַרויס. איז ווער געווען פויל צו אַרבעטן פלעגט ער אים רופן „דער פּראַצאָווניק".

דער פעטער חיים האָט געהאט קינדער פון דער ערשטער און צווייטר פרוי. די וואונדערבאַרע מומע מרים האָט די יתומים פון דער ערשטער פרוי דערצויגן ווי אירע אייגענע קינדער. כדי עס זאָל נישט זיין קיין אונטערשייד צווישן די קינדער פון דער ערשטער פרוי און אירע אייגענע קינדער, האָבן די און די איר גערופן „מומע" אָנשטאָט מאַמע. די מומע מרים איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אַלס איינע פון די איידלסטע פרויען אין סטאַוויסק.

פון פעטער חיים׳ס קינדער האָבן זיך געראַטעוועט בלויז 3, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע. דער גרעסטער טייל פון זיינע קינדער און אייניקלאַך זיינען אומגעקומען אין פּוילן דורך די נאַציס.

דער פעטער חיים פון וואָנסאָס איז געווען גאַנץ אַנדערש פונעם פעטער חיים פון סטאַוויסק. זיין באַזוך אין אונזער משפחה יעדן חול־המועד פסח איז ביי אונז קינדער געווען א פריידיקע דערוואַרטונג. איך געדענק אים אלס א הויכן שיינעם בחור מיט ראָזעווע באַקן און רויטע ליפּן, און איידל ראַפינירט פּנים אויף וועלכן עס איז שטענדיק געווען אויסגעגאָסן א גוטמוטיקער שמייכל. געוויס זיינען אין אים פאַרליבט געווען אַלע וואָנסאָסער מיידלאַך. א ריינער, א שיינער, א ציכטיקער — פלעגן מיר קינדער שטאַרק שטאָלצירן מיט אונזער פעטער חיים. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אונזער פעטער איז דער שענסטער פון אַלע פעטערס אין סטאַוויסק.

איין זון זיינער, יהושע, (דער עלטסטער לעבט אין אַרגענטינע), וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט ממש פון פייער זייענדיק א פוילישער סאָלדאַט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. פאַרן פראָקלאַמירן די מדינה איז ער געפאַלן אין גוש עציון.

*

וועגן די פסח׳דיקע סדרים און יום־טוב פסח בכלל קען מען, דוכט זיך, קיין נייעס נישט צוגעבן, איך וויל אָבער פאַרצייכנען א פּערזענליכן מאָמענט, וואָס איז געבליבן אין מיין זכרון פון מיינע קינדער־יאָרן.

איינער פון אונזער פּאַטערס ע״ה גוטע פריינד איז געווען ר׳ גדליה גאָעלמאַן. ר׳ גדליה פלעגט אַרומפאָרן אין שליחות פאַר א געוויסער ישיבה און אויף פסח פלעגט ער אהיים קומען, כדי צו פראווען דעם יום־טוב צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. ר׳ גדליה פלעגט ביי אונז קינדער זיין זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ער איז געווען א גוטמוטיקער פריילאַכער ייד. אחוץ דעם פלעגט ער אונז ברענגען אויף פסח א זייער וואַזשנע מתנה. די גרויסע מיט הארץ־קלאַפּעניש־דערוואַרטעטע מתנה, וואָס ר׳ גדליה פלעגט געבן אונזער משפחה, איז געווען אַרום א פערטל פונט וויינטרויבן. יעדעס קינד האָט באַקומען אויף זיין חלק צוויי אָדער דריי טרויבן. נאָכן מאַכן „שהחיינו" אויף די טרויבן איז געקומען דער גרויסער מאָמענט ווען איך האָב דעם וויינטרויב אַריינגענומען אין מויל. דאָס קינדיש הערצל האָט נישט דערלויבט איינשלינגען אויף גיך אַזא טייערע מתנה, אַזא קיילעכדיק־זאַפטיק־זיס־זויערע וויינטרויב, א פרוכט וואָס קומט פון ווייטע לענדער, דערצו א מתנה פון דעם זייער אינטערעסאַנטן ר׳ גדליה — א ייד וואָס פאָרט אויס א וועלט און קומט צוריק אין דעם קליינעם שטעטל א מער וועלטליכער, אָנגעשמעקט מיטן ריח פון טרויבן און פאָמעראַנצן. האָב איך געהאַלטן דעם וויינ־טרויב אין מויל מינוטן־לאַנג און נישט געלאָזן מיינע ציין אים צובייסן. און ווען די וואַרימקייט פון מויל האָט ענדליך געהאַט איר ווירקונג און דער שיינינקער וויינטרויב איז פאַרשלונגען געוואָרן — האָב איך געפילט אַן ענטוישונג. איצט וועל איך דאַרפן וואַרטן א גאַנץ יאָר אויף צו האָבן נאָכאַמאָל א וויינטרויב אין מויל, אַזא זיס־זויערע אָפּגעטאָקטע וויינטרויב.

*

דער צענטער פון „סטאָוויסק של מעלה" איז, לויט מיין מיינונג, געווען דער גרויסער בית־מדרש. דאָרט האָט דער טאַטע ר' מענדל ע"ה זיך באַפרייט פון בעקערשן מעליקן שטויב און געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. דאָרט איז ר' מענדל געוואָרן צוריק דער באַרימטער תלמיד פון דער מירער ישיבה. אַרום דעם טיש פון דער חברה „מגן־אַברהם" איז ער געווען די רעכטע האַנט פון ר' וועלוול ז"ק, דער ראש פון דער חברה. אויב איך מאַך קיין טעות נישט, איז די גרופּע אַרום דער חברה „מגן־אַברהם" געווען די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע פון אונזער שטעטל פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי איז געווען די סטאָוויסק של מעלה.

אין יענע טעג איז אונזער שטעטל באַשטאַנען פון פרומע גאָטספאָרכטיקע יידן, וועלכע זיינען נישט מיד געוואָרן צו דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג: שחרית, מנחה און מעריב. באַזונדערס געשמאַק האָט די עדה יידן געדאַוונט שבת און יום־טוב. צווישן די באַהאַלטענע אַמביציעס פון יענע יידן פון „סטאָוויסק־של־מעלה" דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער גייציג נאָך אַ „פּעטער עליה", נאָך אַ „מפטיר יונה", דאַווענען אַלס בעל־תפילה אַ שחרית אָדער מוסף אין די הייליקע טעג אין גרויסן בית־מדרש.

ר' וועלוול ז"ק, אהרון־לייזערס פּאָטער, האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות; נאָר, ווי אונזער פּאָטער ע"ה, וועמעס נאַטירלעכער באַרוף איז געווען לערנען תורה, און צוליב פרנסה, האָט ער זיך געמוזט אָפּגעבן מיט דער בעקעריי — האָט אויך ר' וועלוול, דער גרויסער למדן, געצויגן זיין חיונה פון אַ אייזן־געשעפט. אָבער די אמת'ע געשעפטספירערין איז געווען די זעלטענע צדקנית, די איידעלע גאָטס־פאָרכטיקע רבקה, אונזער שכנה און הויז־פריינדין, ר' וועלוול ז"ק'ס פרוי און די מוטער פון דעם זייער באַגאַבטן אהרן־לייזער ז"ק.

איז רבקה ז"ק געבליבן אין מיין זכרון אַלס אַ פרוי וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די שענסטע יידישע מידות. פון איר מויל האָט מען קיינמאָל נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט. אַ שטילע, כמעט שעמעוודיקע, האָט זי יעדן מענטש באַהאַנדלט מיטן גרעסטן דרך־ארץ. און ווען חיים־זבולון בראַמזאָן האָט געעפנט אַ אייזן־געשעפט האָט ער, זייענדיק יינגער און אַגרעסיווער, צוגענומען ביי ר' וועלוולען אַ שטיק פרנסה. ווען די סטאָוויסקער ווייבער האָבן אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע די געקריוודעטע ז"ק'ס, און דערביי אין רבקה'ס געגנוואַרט זיך ערלויבט שיקן עטליכע שאַרפע קללות אויפן חשבון פון חיים־זבולון בראַמזאָן — פלעגט די איידעלע רבקה ווערן אַן אויפגעציטערטע, אַ צושראָקענע, און כמעט מיט געוויין געבעטן דער פרוי זי זאָל נישט שעלטן. מ'טאָר נישט... זי האָט איר האַנט אַרויפגעלייגט אויף יענער פרוי'ס מויל, כדי צו פאַרמיידן אַ קללה.

✶

דער לעבנסשטייגער פון די יידן אין סטאָוויסק איז ווייניק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער נישט־יידישער סביבה. אין יענע טעג האָט דער יידישער גאָט געהערשט אין אַלע ווינקלען פון דעם שטעטלשן לעבן. איך געדענק נאָך דעם רוף פרייטיק פאַרנאַכט „אין שול אריין!" דער שמש האָט אויסגעצויגן דעם

„אריין" מיט א שטימע וואָס איז געהערט געוואָרן אין די ווייטסטע ווינקלען פון שטעטל. דער רוף איז געווען א סיגנאַל, אַז די וואָכעדיקייט האָט זיך געזעגנט און דער הייליקער שבת קומט אָן.

די מאַמע, עליה השלום, פלעגט גיך פאַררוקן אין אויוון דעם לעצטן טשאָלנט, מיט איר פאַרטוך אָפּווישן איר פאַרשוויצטן פּנים און אויסדריקן א דאַנק דעם אייבערשטן וואָס עס האָט געגומען אַן עק צום טשאָלנט־יריד.

ביי די יידן אין דער דעמאָלדיקער סטאַוויסק איז תורה געווען די בעסטע סחורה אינעם בוכשטעבליכן זין פון וואָרט. אין דעם עלטער פון 10—11 יאָר פלעגט מען די קינדער אוועקשיקן אין אנדערע שטעט, אין ישיבות, וואו זיי האָבן געגעסן „טעג" און זיך צוגעגרייט פאַר א תורה־קאַריערע — פונקט ווי די היינטיקע יידן שיקן זייערע קינדער אין די אוניווערסיטעטן פאַר וועלטליכע קאַריערעס. דאָס גייסטיקע לעבן פון די סטאַוויסקער יידן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם גרויסן בית־מדרש, דער גרויסער שול און די זייטיקע „שטיבלאַך". דאָרט פלעגן זיי זיך אויסלעבן געזעלשאַפטליך און גייסטיק. די וויכטיקסטע „באַנק" פאַר יענע יידן איז געווען די „באַנק" פון מצוות און יראת־שמים, וואו מען האָט געקליבן און געזאַמלט קליינע און גרויסע מצוות, ווי א געלט־גייציקער מענטש זאַמלט בערג מיט געלט, און אָפּטמאָל מיט די זעלבע רעזולטאַטן.

געלעבט האָט דאָס שטעטל פון האַנדלען מיטן דאָרף. דער וויכטיקסטער טאָג אין וואָך איז געווען דער דאָנערשטיקער מאַרק־טאָג. איין זייט מאַרק איז געווען פאַרנומען פון קאַטוילישן קלויסטער, פון וואַנען די „הייליקע מוטער" מיט איר „געטליכן" זון האָבן „געהאַלטן אַן אויג" און פרום געהאַפּט, אַז זייערע נאָכפאָלגער וועלן זייערע שטאַמברידער לאָזן לעבן. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן מיט זייערע „אויגן" געזען ווי זייערע גלוביקע האָבן אומגעבראַכט די סטאַוויסקער יידן ממש אונטער זייער נאָז.

דאָס שטעטעלע — נישטאָ מער, אָפּגעמעקט פון גאָטס ערד. אָפּגעמעקט דער גרויסער בית־מדרש און די שול. די קברים פון די סטאַוויסקער גרויסע רבנים — צעאַקערט. דער בית־עולם — א לאָנקע. די מצבות — באַנוצט פאַר בוי־מאַטעריאַל. און די „הייליקע מוטער" מיט איר זון — דער וואָס האָט געלעבט און געשטאָרבן ווי א ייד — איינגעמויערט אינם קאַטוילישן קלויסטער, אין זיינע פענסטער, האָבן צוגעזען ווי זייערע פוילישע גאָט־בעטער, מיט צלמים באַהאָנגען, האָבן גע'שחט'ן און אויסגעמאָרדעט דאָס יידישע סטאַוויסק. געזען און געשוויגן. אפשר האָבן זיי פאַרגאָסן א טרער, וואָס קיינער האָט נישט באַמערקט. אפשר ?! אפשר האָבן זיי שטילערהייט געוויינט, ווי גאָט אַליין האָט געוויינט אויף דעם ביטערן סוף פון 6 מיליאָן יידן — קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

מיאַמי, פלאָרידא

פועה ראקאווסקי ז״ל

וואס חסידים קענען

(א פרק פון איר בוך „זכרונות פון א יידישער רעוואָלוציאָנערין״)

מיין זיידע ר׳ לייבעלע ראקאָווסקי איז דעמאָלט (אין 1873) געווען רב אין סטאָוויסק, וואָס אין לאָמזשער גובערניע.

געווען איז מיין זיידע א גרויסער מתנגד... האָט פיינט געהאט חסידים בתכלית השנאה, און זיי, די חסידים, האָבן אים אָנגעטאָן געבראָטענע צרות. אין סטאָוויסק, למשל, וואו ער איז געווען רב, האָט מען אין איינעם א פרייטיק — דער זיידע איז נאָך דעמאָלט געווען א יונגערמאַן — אין דער איינציקער וואַנע, וואָס איז געגרייט געוואָרן פארן רב, אַנגעלייגט טשוועקעס מיט די שפּיצן ארויף.

צופעליג איז ביים זיידן אין שטוב גראָד קראַנק געוואָרן א קינד, דערפאַר איז ער נישט ארויס פונדערהיים און זיך נישט באַנוצט מיט דער וואַנע.

נאָך דער געשיכטע איז דער זיידע אוועק קיין פּלאָצק, וואו ער איז געווען רב גאַנצע 17 יאָר, כאָטש אויך פונדאָרט האָט ער די אַלע יאָרן געוואָלט אַנטלויפן איבער די כסדר׳דיקע קאַמפן צווישן די מתנגדים און חסידים...

נאָך פּלאָצק האָט ער פארנומען דעם כסא־הרבנות אין מסטיסלאוו. (אויף יידיש: אמטשיסלאַוו, סמאָלענסקער גובערניע).

הרב חיים־לייב ברנשטין

בין מנחה למעריב

יצאתי את סטביסק בגיל צעיר, אבל זכרונותי עליה הם מן הטובים והיפים שבזכרונותי. עיר של תורה, עבודה וגמילות חסדים היתה סטביסק מפורסמת ברבניה, גאוניה וצדיקיה, החל בר׳ חיים לייב הגדול, הרב יהושע לאנג, הרב דבורצקי, הרב רמיגולסקי ועד אחרון רבניה הרב ווסרמן זצ״ל, שניספה בשואה.

כחי עומד לפני עיני רוחי בית־המדרש הגדול על חכמיו ולומדיו המופלגים. אצל שולחן אחד למדו „שולחן ערוך״ ונושאי כליו: הש״ך, הט״ז והסמ״ע; אצל שולחן שני למדה חברה ש״ס ובשלישי, ליד התנור, למדו פשוטי העם „עין־יעקב״; ובחדר מיוחד צדדי היה המבצר של „עמך״ — חברת תהלים.

והנה מתנוסס לפני עיני רוחי בית־הכנסת הגדול והגבוה כדי 4 קומות, בעל הכתלים העבים והעמודים המרובעים, ושיא תפארתו — ארון־הקודש, מעשה מלאכת מחשבת, הידוע בפארו ובהדרו בסביבה כולה.

בצד ימין היתה חברה ק״ס (קוני ספרים), בה התרכזו בעיקר בעלי התריסין, הלומדים ביחידות, ובצד השני הת״ת (תלמוד תורה). יהודי יקר, שקראו לו



ארון־הקודש בבית־הכנסת הגדול — דער ארון־קדוש אין דער גרויסער שול

„מונצ'קי" היה מלמד ודורש לפני „עמך" מהספר „מנורת המאור". כל השולחנות היו תמיד תפוסים עד אפס מקום ויהודים עמלים היו שותים בצמאון את הדברים המתנגנים בפי הדורש. ויש שמרוב עייפות מעמל היום היו העינים נעצמות...

זוכרני, לפנות ערב, בין מנחה למעריב, כל יהודי העיירה הניחו את עסקיהם, החייט והסנדלר, העגלון והחנווני, האמיד והדלפון — כולם התנערו מטרדותיהם ופניהם מועדות לבית־הכנסת או לבית־המדרש לבלות שעה אחת בנעימים. זה לומד דף גמרא, זה פרק משניות, זה אגדה בעין־יעקב, ואלה שאינם לומדים

אומרים תהלים בציבור או ביחידות. איש איש לפי דרגתו ולפי החברה היאה לו. יהודים למדנים ופשוטי־עם התרעננו בשעות הללו והשיבו את נפשם, „מ׳האָט זיך מחיה געוועזן״, ואם נתקיימה באותו ערב דרשה של רב או מגיד — היתה ההנאה כפולה ומכופלת.

ברחובות שהובילו מן השוק לרחבת בית־הכנסת, במיוחד בסימטה ע״י „שאיע פ.״ — היתה תנועת האנשים מופנית לכיוון אחד — לבית־הכנסת. מה נהדר היה המראה הזה!

כנאמר, הצטיינה סטביסק בתורה ובעבודה. ועבודה תרתי־משמע: עבודת הבורא ועבודה כפשוטה — עמל כפיים. סטביסק היתה עיר עמלים, עליהם נאמר „בזעת אפיך תאכל לחם״. כולם עבדו קשה והתפרנסו מיגיעת כפם. געפּירט א ערליכן כשר׳ן לעבן.

ואחרון חביב: גמילות חסדים. בסטביסק היחיד והציבור התענינו במצבו של הזולת. להגשת עזרה לנצרכים התקיימו חברות שונות: ת״ת, הכנסת־אורחים, סומך נופלים, גמילות חסד, מתן בסתר וכדומה.

תופעה אופיינית ומענינת היתה בסטביסק: כמעט כל האופים היו אנשים דגולים: ר׳ חנא — גבאי בית־המדרש הגדול, ר׳ מנדל — בעל שחרית, ר׳ יעקב חצקל — גבאי חברה ק״ס, ר׳ שלום — בעל תוקע, ר׳ מאטל — גבאי ת״ת, ר׳ מאיר כ״ץ, דער קאשע מאכער ואחרים. כדאי להזכיר את ר׳ יוסל־שייע (היה הרבי שלי), ר׳ משה לייב, ר׳ גדליה גואלמן, ר׳ עקיבא — בעל המוספים, ר׳ זאוול, מייזנר דער וואסער־מענטש — כולם היו לומדים מופלגים ואנשים דגולים וחשובים.

ולא רק זקנים ומבוגרים עסקו בתורה. רבים מבני הנעורים גלו למקום תורה לישיבת לומז׳ה הסמוכה ולמקומות אחרים ועד לסלובודקה הרחוקה הגיעו. ו„בין הזמנים״, בניסן ותשרי, בבואם לסטביסק לחגים, היו ספסלי בית המדרש הגדול תפוסים ע״י תלמידי הישיבות וניגון הגמרא הערב מילא את חללו של בית המדרש.

כל זה היה ואיננו עוד. הנאצים־העמלקים ושכנינו הפולנים החריבו והשמידו הכל. מי יתן ואנו, שרידי החרב, נזכה לראות קיומם של דברי התורה: „לי נקם ושילם, לעת תמוט רגלם, כי קרוב יום אידם, ונקם ישיב לצריו וכפר אדמתו עמו!״

זלדה הולצמן לבית פונק

מעשי אבות סימן לבנים

בשיחזור תולדות משפחתי עולים לפני זכרונות על משפחה פורחת וענפה, אשר עלה הכורת עליה. אני לבדי מכל המשפחה זכיתי לדפדף בדפי תולדותיה, לאחר שהגשמתי שאיפה כמוסה של רבים מבניה — הקמת בית בישראל.

סבי, מצד אבי ז״ל, ר׳ אברהם זליג, שאני נושאת את שמו, עלה לארץ־ישראל בשנת תרס״א־1901. בעל מידות טובות היה ואהבת הבריות ורגשי אחוה לזולת פיעמו בלבו במשך כל ימי חייו. אב נאמן היה למשפחתו. ההגות בתורה והעיסוק בתפילה תפסו את רוב יומו. נימנה עם המתפללים המסורים בבית־הכנסת „חברת ק״ס״. בבית היו מספרים, כי בעת שירותו בצבא הצאר היה נזהר ומדקדק בכשרות ומתקיים על מים, מלח ולחם בלבד. גם לאבי, כשהגיע זמנו לשרת בצבא, הורה להזהר בעניני כשרות.

גדולה היתה חיבתו לציון וכל ימיו השתוקק לחיות בארץ הקודש, וכנאמר זכה להגשים את שאיפתו בשנת תרס״א. מכתביו מארץ־ישראל שפעו אהבה לארץ ובדבריו הדגיש את ייחודה. כל מכתב היה מסיים במשפט ״ותחזינה עינינו בשובך לציון״. כשנפטר הובא למנוחת עולם בירושלים על הר הזיתים.

עליית סבי לארץ ומכתביו השפיעו רבות על אבי, אבל מסיבות שונות נבצר ממנו להצטרף לאביו בארץ־ישראל. היה עסקן באגודות שונות למען א״י ואף נפל ברוב תמימותו בפח אשר הוטמן לו ולאחרים ע״י חבורה יהודית, שהשתמשה בשם המצלצל „נחלת אחים״ ומכרה „נחלאות״ בארץ־ישראל. אבי קנה מאותה אגודה מגרש בארץ־ישראל וקיבל ״קושאן״ שאישר כביכול את זכותו עליו. קרבנות רבים נפלו ברשתה של אותה כנופיה, אשר הצליחה ״למכור״ במרמה מאות דונמים בארץ־ישראל. משהתגלתה התרמית ורבים הגיבו ברוגז, היתה תגובתו של אבי כפי שציפיתי ממנו. הוא אמר: ״אסור להטיל דופי ביהודים״, ובזה התנחם. ולחבריו ושכניו שנפלו אף הם בפח המרמה אמר: ״בכל זאת נשאר הכסף אצל יהודים, יבושם להם״.

אבי, אשר צוואתו של סבי בדבר עליה לארץ־ישראל לא משה מלבו, לא חדל מלקוות כי ביום מן הימים יזכה לחיות בארץ, ואם חלילה לא תתגשם שאיפתו — קיוה שלפחות יזכה מישהו מאתנו להגשים שאיפה זו. לא רק חובב ציון נלהב היה אבי, הוא היה גם אוהב אדם ודואג לזולת. הוא היווה כתובת למוסדות צדקה רבים, ולא רק בעירנו סטביסק, אלא גם לעיירות שונות בסביבה וכן בעיר הבירה וורשה, שגם לשם הגיע שמעו. לרגל עסקיו היה אבא נוסע מפעם לפעם לוורשה ותמיד בהגיעו לשם היו מחכים לו באכסניה שבה התאכסן עסקנים וזקוקים לעידודו הרוחני והחמרי. נוסף לפעילותו בחברות צדקה שונות, ניהל אבי גם קופת גמילות־חסד משלו עצמו. ואיך ניהל אותה? אחת לארבעה־חמישה שבועות היה נוסע לוורשה לקנות סחורה לחנות המנופקטורה שלנו. בכסף שהצטבר ממכירת הסחורה בין נסיעה לנסיעה היה מממן את פעולות „הקופה״, ונצרכים להלוואה של 1000 או 2000 זלוטי מקופתו של אבי ללא רבית, ללא שטרות וללא ערבים לא חסרו. ואכן רבים היו הלקוחות של קופת גמ״ח הפרטית של אבא. והיה ואחד הלווים פיגר בהחזרת

החוב, היה אבי מנחמו ואומר: ״מיין קינד, ס׳איז גארנישט געשען״ (בני, שום דבר לא קרה) והיה דוחה את פרעון החוב. בין לקוחותיו היו גם סוחרי מזונות, והיה ובעל מכולת או קצב קשה היה לו להחזיר את ההלוואה במזומנים, נאות לקבל את תמורתה במיצרכי מזון. ההרגשה כי עזר לזולת היתה בשבילו הגמול החשוב ביותר בעיניו.

אנו הילדים עזרנו לו בקיום קופת גמ״ת זו. היינו שליחי מצוה, כלומר, היינו מביאים את הכסף לניצרך, שלפעמים היה מתבייש לבקש ולקבל מידי אבי את ההלוואה, ואנו גם היינו המחזירים את החוב לאבא. שכרנו היה קבלת ממתקים משני הצדדים.



משפחת פונק — רובם ניספו בשואה

היה לנו בית גדול, שהיינו משכירים בו דירות. הדיירים, כמו האלמנה ברמזון ובניה והשוחט ושלוש בנותיו לא רצו לעקור לדירות אחרות, אעפ״י שדירות להשכרה היו בשפע בסטביסק. שעל כן בשביל מה יחליפו דירה? הרי אבא מעולם לא לחץ בתשלום שכר דירה ובמקרים מסוימים אף נאות לקבל שכר סמלי בלבד, נוסף להשכרת הדירה ללא חוזה וללא התחייבות. מי יסכים, איפוא, להיפרד מבעל־בית כזה? ובאימרת הכנף שלו ״זאלן יידן הנאה האבן״ (ייהנו יהודים) המשיך בדרכו לעזור לזולת. מימרה שגורה היתה בפיו: הפרנסה מצויה בידי בעזרת ה׳.

* * *

אמי בלהה ז״ל, אשה יפה היתה, מעורבת בין הבריות ומקובלת עליהן. אמי היתה מצויה אצל ספר והיתה ידועה בכשרה לנהל מו״מ. ערנית היתה ופקחית ואהבה לחוות דעתה לא רק בעניני משפחה, אלא ברוב עניני הציבור שעמדו על הפרק. אמי נפטרה בדמי ימיה והשאירה 8 ילדים — ארבע בנות וארבעה בנים. מעתה הוטל על אבי למלא את התפקיד של אם ואב כאחד והוא מילא אותו במסירות ובאהבה אין קץ. שלח אותנו לבית־הספר לעברית שהיה בעיר. אחי למדו לימודי קודש (תנ״ך, משנה וגמרא) אצל מלמדים מעולים. אחדים מהילדים נשלחו

ללמוד לבתי־ספר מחוץ לעיר ורוב אחי השתלמו גם במקצועות אקדמאיים, אשר היו להם לתועלת בניהול מסחר, הנהלת חשבונות ועוד.

לאחר שעליתי לארץ נודעו לי פרטים נוספים מהסטביסקאים המעטים שניצלו על אבי ומשפחתי ז״ל. אחר כניסת הגרמנים לסטביסק עבר אבי לביאליסטוק ושם המשיך במסחר המנופקטורה. הוא המשיך לעזור לפליטים ושיתף עמם פעולה בעניני מסחר, אשר לעתים נדירות הביא לו רווחים. הוא עשה מה שעשה לשם שמים. זכה אבי ונפטר במיטתו בגלות ביאליסטוק והובא לקבר ישראל בתשעה באב תש״ב—1942. ת.נ.צ.ב.ה.

אחי גרשון ז״ל, בכור האחים, היה חבר בועד סניף „החלוץ״. היה בהכשרה בקיבוץ וקיבל רשיון עליה לארץ־ישראל, אך איתרע מזלו ובאותו זמן גוייס לצבא הפולני. גם אחי בצלאל היה פעיל בארגון ציוני־חלוצי, בשומר הדתי. אף הוא שאף לעלות לארץ ושאיפתו לא הוגשמה.

עו״ד אברהם פונק, אחי, אשר נקרא על שם סבי, היגר לארה״ב, שם הקים ביתו, אך בלבו פנימה קיוה תמיד לעלות לישראל. בביקורו האחרון כאן לפני שנים אחדות גילה לי מעט ממחשבות לבו, אך עקב מחלתו לא זכה להגשים את משאלת לבו ונפטר בשנת תשכ״ט (1969) בנכר. השאיר אחריו אשה ובן, ששמו פנחס, בוגר אוניברסיטת בוסטון, הנצר היחיד למשפחת פונק.

ספגנו הרבה מידות טובות מבית אבא, שאותן השתדלתי לטעת בלב ילדי שגידלתי בארץ.

בשנת 1932 הכרתי את בעלי אברהם הולצמן, שהיה עסקן ציוני, מפעילי הקהק״ל, קרן־היסוד והחלוץ. באמתחתו היתה המלצה לקבל סרטיפיקט לעלות לארץ, דבר שהיווה בשבילנו גורם ראשון להקים בית בישראל. לפני עלייתי נפרדתי ממשפחתי הענפה, משלושת אחיותי: רייזל, זלטקה ושיינדלה, ומאחי הקטן דב־ברלה. חקוקות בלבי המלים שאמר לי אבי ר׳ פנחס בעת פרידתנו: „ותחזינה עינינו בשובך לציון״ — המלים שהיו תמיד שגורות בפי אביו, ועוד אמר לי אבא: „את היחידה שזכית להגשים את שאיפת סבך בדבר עליה לארץ־ישראל״. ואכן ביום 2 בנובמבר 1933, יום הצהרת בלפור, הגענו אני ובעלי אברהם הולצמן לארץ־ישראל באניה ״פולוניה״. מקץ תלאות ועיכובים רבים בדרך הגענו לעיר הנמל קנטרה על גדות תעלת סואץ, משם המשכנו ברכבת לתל־אביב. נשארתי נצר יחיד למשפחה ענפה, המגשימה את צוואת סבי ר׳ זליג ז״ל.

חיים־אריה לוינוביץ

דיוקנאות וטיפוסים מעיירתי סטביסק

העיירה היהודית בפולין עם אורח־חייה המסורתי־עממי היתה עשירה באישים בעלי רמה רוחנית ומוסרית וכן בטיפוסים עממיים, ואלה ואלה שיוו גוונים וגווני־גוונים לגלות פולין הדוויה למודת־היסורים.

הדמויות והטיפוסים הללו קמו וגדלו בסביבה היהודית המיוחדת בה חיו, את אוירה נשמו ואת מסורותיה ומנהגיה רבי־הדורות ספגו בנפשם, — והם הם שעיצבו וגילמו את דיוקנם, שיוו להם צבע ותוכן ונסכו עליהם חן יהודי מיוחד.

בקשת הרחבה של עיירות וערים בפולין לא היתה סטביסק יוצאת דופן. אעפ״י שהיתה עיירה קטנה — בסך הכל חיו בה כשלושת אלפים נפש — שפעה דמויות וטיפוסים שונים, מעין קלידוסקופ צבעוני של דיוקנאות. אשתדל לצייר אחדים מהם, שנחרתו עמוק בזכרוני, אשר כולם יחד מגלמים יריעה רחבה של יהודים שונים לגווניהם.

הראשון העולה בזכרוני, שונה מכל האחרים, אשר זוהר מיוחד חופף עליו, הוא צדיק העיירה — ר׳ וולוולה ז״ק. הוא היה אישיות בעלת מידות תרומיות, שצדקותו וישרותו, עניוותו ואצילות נפשו — עשוהו משכמו ומעלה גבוה מכל העדה.

דור דור וצדיקיו. בדור שלפניו היה ר׳ חיים־לייב צדיק הדור של עיירתנו, ואחדים מאנשי עירנו, ואני בתוכם, זכו להיקרא על שמו. אין זאת שהיהודים ששאפו שבניהם יגדלו יראי־שמים, ראו כסגולה לקראם בשם הצדיקים שהיו חביבים עליהם. יותר מפעם אחת שמעתי את אמי נ״ע מבטאה את שמו של הצדיק ר׳ חיים לייב ברטט של קדושה, בהוסיפה אגב־אורחא בקשה, שבעולם האמת יהיה לנו למליץ־יושר.

אישיות דגולה היה ר׳ וולוולה ז״ק, שכיהן בעיירתנו כדיין, היחידי שיהודי סטביסק כינוהו בשם החביב צדיק. כשפירשו בשמו של הרב, היו אומרים „הרב יאריך ימים ושנים״, אבל ההתיחסות לר׳ וולוולה היתה כאל קדוש, ראו בו את „הנשמה־יתירה״ של סטביסק.

ואכן חד בדרא היה ר׳ וולוולה. היה מוסמך לרבנות, ואילו רצה יכול היה לשבת על כיסא הרבנות בסטביסק, אך מיאן לקבל את המשרה הזאת משום שלא רצה לעשות את התורה קרדום לחפור בו. את מחייתו משך מחנות לכלי ברזל, והעיסוק בפרקמטיה נחשב לדבר טפל בעיניו, שכן את עיקר חייו ותוכנם ראה בתלמוד־תורה לשמה. ואכן ימים ולילות ישב ר׳ וולוולה בבית־המדרש יעסק בהוויות אביי ורבא.

עוד היום עומדת לנגד עיני דמותו הפטריארכלית של ר׳ וולוולה. גבה־קומה ותמיר, ומעיניו הגדולות והעצובות נשקפו טוב־לב, תמימות ושלווה נפשית. שכנים היינו ומשפחותינו היו מיודדות. לעתים קרובות הייתי בא לביתו של ר׳ וולוולה, ואני מוכן להעיד שמימי לא שמעתי אותו מרים קולו על מאן דהוא, לא בביתו הוא ולא בבית־המדרש, שם היה אומר שעור גמרא לפני למדני העיירה. הם ישבו מסביב לשולחן ארוך, ואילו הוא היה עומד בשעת אמירת השעור על

רגליו. כמוהו ראיתי בדמיוני את התנאים והאמוראים בימים קדומים מרביצים תורה לפני תלמידיהם בישיבות המפורסמות בארץ־ישראל ובבבל. השקלא וטריא בעת השעור ואחריו, התנהל בהשראתו של ר׳ וולוולה בהשקט ובנחת, לקיים מה שנאמר „דברי חכמים בנחת נשמעים".

גם אשתו רבקה׳לה היתה צדקת. נמוכת־קומה היתה, ממעטת בדיבור, וטוב־לבה ועדינות־נפשה היו נסוכים על פניה העגומים. כשהיתה באה לביתנו — צעדיה כמעט ולא נשמעו. אמי היתה מקשיבה לדבריה ביראת כבוד. מעולם, בקניותיה, לא עמדה על המקח כרוב נשי העיירה, ובערב שבת לא היתה ממששת בידיה את החלות כפי שנהגו לעשות הנשים האחרות. נכנסה בשקט ויצאה בשקט, ובצאתה הותירה אחריה אוירה של מנוחה, שלא פגה זמן ממושך ושרתה על הלקוחות בחנות.

בשבתות היתה מבקרת אצלנו. והיה ובנוכחותה הטיל מישהו מרה באדם, גם כשהלה הסב לה יסורים, היתה אוטמת את אוזניה וממלמלת בלחש: „אסור, אסור לדבר רעות על יהודי". דמות אצילה ועדינת נפש כזאת היתה רבקה׳לה, אשת ר׳ וולוולה.

בנם, אהרן־ליזר ז"ק, שבישיבה בה למד כינוהו בשם „העילוי מסטביסק", היה אף הוא אדם יוצא מגדר הרגיל. הוא ניחן בזכרון מופלא. אמרו עליו שכל דף גמרא הוא זוכר על־פה (בודאי היתה בכך משום הגזמה, אך אין ספק שהיה בעל זכרון יוצא מן הכלל), ולא עוד אלא אף יכול היה לקרוא בעל־פה את דף הגמרא במהופך, כלומר, מלמטה למעלה. כשהיה קורא ספר, היה מעלעל את דפיו בלבד, וידע את תוכנו טוב יותר מאלה שקראו אותו ספר ימים שלמים. אבא ע"ה, ר׳ מנדל החרד, שישב תמיד בצדו הימני של ר׳ וולוולה בעת שאמר את שיעור הגמרא, התיחס בהסתיגות לדעותיו החפשיות של אהרן־ליזר, ואף חשד שנדבק בו אבק של אפיקורסות, אך מתוך הוקרה אליו מעולם לא העיר לו על כך.

הנוער שבעיירה העריץ ממש את אהרן־ליזר. ראינו בו את מורנו הרוחני. הוא היה נמוך־קומה ואף גמגם במקצת, אולם בהופיעו לפני קהל או במסיבת נוער — היו דבריו קולחים כמעין המתגבר. אז השתחרר לגמרי מהגמגום. הוא היה נואם בחסד. מעולם לא הכין את עצמו לנאום או להרצאה. דיבורו נבע ללא מעצורים, והשפעתו על הציבור היתה כה רבה, שעשוי היה להביאו לידי דמעות. ואילו במסיבת שמחה היה בצורה בדחנית־קונדסית מתאר את הנוכחים, והקהל כולו היה מתגלגל מצחוק. לא היה גבר נאה ושערו הקריח, אך תחת זאת היו לו עינים שהורות חודרניות שהקסימו את המין היפה.

ר׳ עקיבא

ר׳ עקיבא, הש"ץ של בית־המדרש שלנו, היה חסיד. נשאלת השאלה: עיירתנו שרוב רובה של אוכלוסיה היו „מתנגדים" — מה ראו שנתנו לחסיד לעבור לפני התיבה בבית־הכנסת? על שאלה זו אין לי באמת תשובה, אך דבר אחד ידוע לי: שמנוסח התפילה שלו ומקולו הערב נהנו גם ה„מתנגדים". חזקה היתה לו לעבור לפני התיבה בימים־הנוראים, וקולו וניגוניו הערבים שמורים בלבי עד היום.

ואכן באופן תפילתו ובפירוש המילות שלו היה אמן בחסד. ביחוד נהנה הנועד מתפילתו ומהנעימה החסידית בה היה מתבל את לחניו. גם היום, בבוא ראש־השנה, משתוקק הלב לשמוע „ובכן תן פחדך" או „יעלה תחנונו" בנוסח ובנגינה, בהם היה ר' עקיבא, הש"ץ של בית־המדרש שלנו, שופך את צקון נפשו לפני השי"ת בימים הנוראים.

ר' שלום המלמד

דמות מיוחדת בסטביסק היה ר' שלום המלמד. ר' שלום היה מלמד גמרא ומחונן בחוש הומור עדין ושנון כאחד, אשר לעתים פגע בנקודה הרגישה ביותר של „קרבנו". למען האמת ייאמר שלעתים קרובות היה הוא עצמו מטרה להציו השנונים. ביחוד לא חסך שבט לשונו מתלמידיו כאשר לא היטו אוזן קשבת לשעוריו. כך, למשל, אמר פעם לתלמיד מוכשר ובעל תפיסה טובה, שאלוהים חוננו באף ארוך: „אסונך בזה שאתה מחליף את ראשך הטוב באפך הארוך, אך אַל נא באפך, פן יארך עוד יותר".

יש והיה גם יוצא מכליו וגוער בתלמיד בניגון של גמרא: 'ואין דבר שבערוה פחות משניים'. מאי קא משמע לן? שפרה עפה מעל לגג והטילה ביצה, שיקחך האופל!" הילד המסכן הנבוך היה עונה באותו ניגון־גמרא: „שיקחך האופל". למותר לומר שהתשובה עוררה צחוק בין התלמידים, שבסופו של דבר הצטרף אליו גם ר' שלום המלמד.

הוא היה גם מכין מצה שמורה עבור יהודי סטביסק החרדים, ולמלאכה זו שכר נשים רבות בתור מגלגלות המצות. מעניין היה לראות כיצד היה מאיץ בהן שתגלגלנה ביתר מהירות, בחפזון. לשם כך היה מביים את יציאת מצרים ומכריז בקול רם: „מהר, נשים, יותר מהר, אל תעכבו את הגאולה". ואכן המצות גולגלו במרץ ובהתלהבות.

יהודי מכל השנה

טיפוס ססגוני בין יהודי סטביסק היה ללא־ספק איצ'ה־ליזר הפונדקאי. פונדק אחד היה בעיירה, בדרך ללומז'ה, והוא, איצ'ה־ליזר, היה בעליו. למדן גדול לא היה, אבל היה בעל יומרה להחשב דוקא כיודע־ספר והיה אוהב להתחכך בין לומדי העיר. בשבת, אחרי הסעודה, היה סר אלינו לחטוף שיחה עם אבי ועם אהרן־ליזר בן הדיין, שהיה בא לביתנו בכל שבת. אבי ע"ה, ר' מנדל הנחתום, נחשב בסטביסק ללמדן החריף ביותר, ואחרי פטירתו של ר' וולוולה קיבל על עצמו לומר שעור גמרא באזני למדני סטביסק. „ולמה באמת לא אכנס לר' מנדל?", היה טוען איצ'ה־ליזר הפונדקאי, ולפי דרכו של טוביה החולב היה מפטיר: „הרב את ריבנו, הדן את דיננו — רב הולך לרב, דיין לדיין, ואני הולך לר' מנדל. ולמי רצונכם שאלך? — לעמי־הארצות, לבעלי־עגלות?"

את המימרה „לעולם יהא אדם" היה איצ'ה־ליזר מפרש בצורה דלקמן: „לעולם — יהא אדם, ירא שמים — בסתר". הוא היה אוהב לצטט, כביכול, את בן־סירא. הוא היה אומר: „בן־סירא אומר: לעולם ידע אדם מהו עושה". ומי

יתוכח אתו ויגיד שלא כך אמר בן סירא? בדרך־כלל היו שומעים בסבלנות את פירושיו ואף היו נהנים ממעשי הקונדסות שלו.

פעם היה מעשה שעורר את זעמו של איצ׳ה־ליזר על שכנו פלטיאל החנווני. פלטיאל היה יהודי קבצן, עני שבעניים, אבל מסתפק במועט. היה יהודי ירא־שמים וענו, ולא היה מסוגל לפגוע אפילו בזבוב. גודל חנותו היה כשל גרוגרת דר׳ צדוק והון מחזורו היה של אגורות. נבצר היה להבין מנין משך יהודי זה חיותו. יושרו היה ללא גבול. אמרו עליו שהיה מבקע גרגר של פלפל, כדי שלא יחשדו בו, חלילה, שהוא מבקש למשוך לקוחות לחנותו ע״י מתן משקל יתר.

והנה קרה שאיצ׳ה־ליזר הטיל מרתו ביהודי זה. יום אחד פגש את אהרן־ליזר ז״ק ברחוב ופנה אליו בזו הלשון: „אהרן־ליזרקה, הרי אתה מכיר את הנוכל הזה, את המנוול, את ׳ההויכער בעמלקים ישראל׳ (עוכר באלוקי ישראל)״. שואל אותו אהרן־ליזר בתמיהה: „ומיהו היהודי הזה?״ משיב לו איצ׳ה־ליזר: „אהרן־ליזרקה, תמוה בעיני איך אדם כמוך אינו יודע מיהו? הרי זה פאלטושקה החנווני״.

ועוד מספרים על איצ׳ה־ליזר: פעם לקח הלוואה אצל הגביר שבעיירה, בתנאי שיפרע את החוב לאחר שנה. כנהוג בימים ההם אצל יהודים, לא נתנו ערבויות על הלוואות. מילה ותקיעת־כף הספיקו. הגביר הירבה לבקר אצל איצ׳ה־ליזר בפונדק שלו, והוא קיבל אותו תמיד בסבר פנים יפות, כיבד אותו ביי״ש ותופינים ולעתים קרובות אף הזמינו לארוחה. האוכל היה משובח והגביר נהנה מן התבשילים הטעימים. פשיטא, שהיה בטוח כי הפונדקאי עושה זאת מתוך הסברת־פנים והכרת טובה על הכסף שהילווה לו. ברם, איצ׳ה־ליזר עשה את החשבון שלו, וכאשר הגיע מועד פרעון החוב פתח את „ספר הזכרונות״ שלו, בו היו רשומים בקפידה שחור על גבי לבן כל המאכלים הטובים שהגביר אכל אצלו. בסופו של חשבון הסתבר שההלוואה מזמן סולקה, וכי הגביר צריך להוסיף לו כמה עשרות רו״כ שהצטברו מעל לחוב.

בעלי־עגלות

בתוך האוכלוסיה היהודית בסטביסק נמנו בעלי־העגלות עם גסי־הרוח ועם המגושמים ביותר, ולא עוד אלא תמיד היו נכונים ממש לדרוס זה את זה, אבל לא חלילה בהרמת־יד אלא בקללות ובחרמות. כאן, בנושא זה, לא היה איש שישווה להם. לא אחת, בלכתי הביתה מבית־המדרש, הייתי מטה אוזן לקללותיהם כפולות־השמונה, שאיש היה שופך על רעהו. שעון על גבי עגלתו היה כל עגלון שופך קיתון של שופכין על עמיתו, — עלבונות ובזיונות שאינם בנמצא בשום מילון. לאמיתו של דבר היו הם המומחים בהא הידיעה של מילות הגנאי בלשון יידיש.

בעלי אגרוף גדולים אמנם לא היו עגלוני עיירתנו, להוציא אחד — הרשל בעל־עגלה. הרשל היה יהודי גברתן, רגזן, סמוק־פנים שהטיל חיתתו על כל רואיו. אפילו הגויים פחדו מפניו פחד־מוות. בעטי „סגולותיו״ אלה היה הוא השליט בבורסה של בעלי־העגלות והסעת נוסעים ללומז׳ה, בירת המחוז שלנו — היתה המונופולין שלו.

כל ימות השנה היה הרשל בעל־עגלה מושל בכיפה, והוא משל ביד חזקה

ובהטלת אימה על הכל. אולם משקרבו והלכו ה„ימים הנוראים״, חל בגברתן זה שינוי מהותי, כאילו השיל את עורו ולבש עור חדש. וראה זה פלא, בעל גוף זה, שבמשך כל ימות השנה נשפכו מפיו קללות וחרפות כלבת אש מהר־געש, הפך ליהודי שקט וצנוע, המתהלך עם הבריות בעניוות ובדרך־ארץ ובקושי הוציא הגה מפיו.

לסליחות היה בא הראשון. הוא גם קם הראשון למשמע דפיקת השמש בחלון והכרזתו „יהודים, קומו לעבודת הבורא!״. ערב יום־כיפור דרש הרשל בעל־עגלה מהשמש שלא יחוס עליו בחלקו לו ה„מלקות״, וימנה לו ככתוב ארבעים חסר אחת. וביום הכיפורים לא זז ולו לרגע ממקומו הקבוע, שהיה בשורה מאחורי שורתנו. הוא התפלל בכוונה רבה, ובהגיעו לתפילת „על חטא״, היה מטיח באגרופו מכות בחזהו שהדהדו בבית־המדרש כולו.

ביום־כיפור ניתנה לי ההזדמנות להתבונן היטב בהרשל בעל־עגלה. הכרת פניו לא העידה כל עיקר שהוא יהודי בעל גוף ובעל זרוע. להיפך, הוא נראה יהודי כשר, שלבו פתוח לעבודת הבורא, חיוורון היה נסוך על פניו, שנראו כמעט רוחניים. זוכרני, שבתור ילד, לא הטיל עלי פחד ביום־כיפור. אדרבה, נעור בי הרצון לגשת אליו ולשאלו: „ר׳ הרשל, איך עבר עליך הצום?״ ולברך אותו בגמר חתימה טובה.

כאן היתה כמוסה הסגולה הרוחנית היהודית, שאפילו המגושם ביותר שבהם יכול היה, ולו לזמן קצר, להגיע למדרגה עילאית וליהפך לאדם עדין וצנוע.

כל הדמויות והטיפוסים האלה, שהיו מצויים בכל עיר ועיירה יהודית, נגדעו ונרצחו בידי רוצחים, והעולם — ראה והחריש. אנו היתומים האחרונים של החלק העממי והעסיסי ביותר של עמנו, ואנו עדים לחורבן שעלה על כל החורבנות שפקדו את עמנו בתולדותיו.

מיאמי, פלורידה

חיים־אריה (חיים־לייבל) לעווינאָוויטש

סטאַוויסקער געשטאַלטן און טיפּן

דאָס יידישע שטעטל אין פּוילן מיט איר טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער איז געווען רייך אין גייסטיקע און עטישע פּערזענליכקייטן ווי אויך אין פאַרשידענע פאָלקס־טיפּן, וועלכע האָבן צוגעגעבן פיל קאָליר דעם פינסטערן לעבן אין גלות פּוילן.

די אַלע טיפּן זיינען געווען א פּראָדוקט פון דער ספּעציפיש יידישער סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, געאָטעמט און איינגעזאַפּט דורות־לאַנגע טראַ־דיציעס, וועלכע האָבן געפּאַרעמט זייער געשטאַלט, געגעבן זיי פאַרב און אינהאַלט און ארויפגעלייגט אויף זיי אן אייגנאַרטיקן שטעמפּל און יידישן חן.

סטאַוויסק איז נישט געווען קיין אויסנאַם. ווי קליין דאָס שטעטל איז געווען, אַרום 3 טויזנט נפשות, איז עס געווען פול מיט פאַרשידענע טיפּן יידן, א

קאַלירפולער קאַליידאָסקאָפּ פון געשטאַלטן. איך וועל זיך באַמיען אָנצוצייכנען עטליכע אַזעלכע טיפּן, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע קלאַסן יידן.

דער ערשטער, וועלכער קומט מיר אַרויף אין זכרון און טיילט זיך אויס פון די איבריקע מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ, איז דער צדיק פון שטעטל ר׳ וועלוועלע ז״ק, אַ מאָראַלישע פּערזענליכקייט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט מיט זיין צדקות, עניוות און גייסטיקער שיינקייט.

יעדער דור האָט זיין צדיק. מיט אַ דור פריער איז עס געווען ר׳ חיים־לייב דער צדיק, וועמענס נאָמען עס טראָגן עטליכע סטאַוויסקער לאַנדסלייט און איך בין איינער פון זיי. עלטערן האָבן אַפּנים געוואָלט זייערע זין זאָלן אויפוואַקסן פרומע און גוטע יידן האָבן זיי די קינדער געגעבן נעמען פון צדיקים. נישט איינמאָל האָב איך געהערט מיין מאַמען דערמאַנען ר׳ חיים־לייב צדיקס נאָמען מיט אַ הייליקן ציטער, בעטנדיק דערביי אַז אויף יענער וועלט זאָל ער זיך באַמיען און זיין אַ מליץ־יושר פאַר אונז.

אַ זעלטענער טיפּ איז געווען ר׳ וועלוועלע ז״ק, דער דיין פון שטעטל, דער איינציקער וועמען די סטאַוויסקער יידן האָבן ריידנדיק וועגן אים, צוגעגעבן „דער רב זאָל לעבן״. צו ר׳ וועלוועלען האָט מען זיך באַצויגן ווי צו אַ הייליקן, ווי צו דער נשמה יתירה פון סטאַוויסק.

ר׳ וועלוועלע איז טאַקע געווען אַ חד בדרא. האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות און געקענט ווערן רב פון שטעטל, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מאַכן פון דער תורה אַ קרדום לחפור בו. פּרנסה האָט ער געצויגן פון אַ אייזן־געשעפט. אָבער ביי ר׳ וועלוועלען איז דאָס געשעפט געווען אַ טפל, דער עיקר איז ביי אים געווען לערנען תורה לשמה. ער איז טאַקע געזעסן יומם ולילה אין בית־המדרש און געלערנט תורה.

ר׳ וועלוועלעס פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט שטייט מיר נאָך עד היום פאַר די אויגן — אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט גרויסע אומעטיקע אויגן, וועלכע האָבן געלויכטן מיט אַ זעלטענער גוטסקייט, געמיטליכקייט און תמימות׳דיקייט. אונזערע משפּחות זיינען געווען שכנים און זייער באַפריינדעט און איך פלעג אָפט אַריינ־קומען צו ר׳ וועלוועלען אין שטוב. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין הויך וואָרט פון זיין מויל — נישט ביי זיך אינדערהיים און נישט אין בית־המדרש, וואו ער פלעגט זאָגן אַ שעור גמרא ביי אַ לאַנגן טיש, וואו די גרעסטע למדנים פון סטאַוויסק פלעגן זיצן, און ער, ר׳ וועלוועלע, פלעגט שטיין. אַזוי, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, האָבן געדאַרפט אויסזען אַמאָליקע תנאים און אמוראים ווען זיי פלעגן לערנען מיט זייערע תלמידים אין די ישיבות פון ארץ־ישראל און בבל און זיך מתוכח געווען איבער די ענינים וואָס זיי האָבן באַהאַנדלט. אונטער ר׳ וועלוועלעס מילדע אויגן איז דער ויכוח תמיד געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער, ווי ס׳שטייט געשריבן — „דברי חכמים בנחת נשמעים״.

אויך זיין פרוי רבקה׳לע איז געווען אַ צדקת. אַ שטילינקע, אַ קליינ־געוויקסיקע, וואָס לויטער גוטסקייט און גאָט־זעליקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר אומעטיק פּנים. זי פלעגט אַריינקומען צו אונז אין שטוב מיט שטילע

טריט. די מאַמע פלעגט זיך צוהערן צו אירע רייד מיט יראת־הכבוד. זי פלעגט זיך קיינמאָל נישט דינגען, נישט אָנטאָפּן די שבת׳דיקע חלות און זיי א קוועטש טאָן ווי עס פלעגן טאָן די אנדערע ווייבער. זי איז שטיל אריין אין הויז און שטיל ארויס און איבערגעלאָזן נאָך זיך א מנוחה וואָס האָט געווירקט אויף די אנדערע קונים א לאַנגע צייט נאָכדעם ווי זי איז שוין אוועקגעגאַנגען.

שבת פלעגט זי קומען צו אונז צו גאַסט. פלעגט ווער אין איר געגנוואַרט אויסריידן א שלעכט וואָרט געגן עמיצן, אפילו ווען דער בעל־דבר האָט איר אָנגעטאָן צרות, פלעגט זי זיך פאַרשטעלן די אויערן און זאָגן שטילערהייט: „מ׳טאָר נישט ריידן קיין שלעכטס אויף א יידן!״ אָט אַזאַ זעלטענער מענטש איז געווען רבק׳לה, ר׳ וועלוועלעס פרוי.

זייער זון אהרון־לייזער ז״ק, וועמען מ׳האָט אין דער ישיבה וואו ער האָט געלערנט גערופן „דער סטאַוויסקער עילוי״ — איז אויך געווען א זעלטענער מענטש. ער האָט געהאַט א פענאָמענאַלן זכרון. מ׳פלגט אויף אים זאָגן, אז ער געדענקט יעדן בלאַט גמרא אויף אויסווייניק און קען זאָגן די ווערטער פון בלאַט אויף צוריק — פון אונטן ארויף. (מסתמא איז דאָס א גוזמא, אָבער זיכער איז אז ער האָט געהאַט א אויסערגעוויינליכן זכרון). ער פלעגט לייענען א בוך מישנדיק די בלעטער און פלעגט וויסן זיין אינהאַלט בעסער ווי די וועלכע האָבן דאָס בוך געלייענט גאַנצע טעג. מיין טאַטע ע״ה, דער פרומער ר׳ מענדל, וועלכער איז געזעסן ביי דער רעכטער האַנט פון זיין טאַטן ר׳ וועלוועלע ביים לערנען דעם שעור גמרא, האָט אהרון־לייזערן געהאַלטן פאַר א שטיקל אפיקורס און געקוקט קרום אויף זיינע געוואַגטע געדאַנקען, ער האָט אָבער געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים און עס איז אים קיינמאָל נישט אויסגערעדט.

די יוגנט פון שטעטל האָט אהרון־לייזערן שטאַרק פאַרערט. מיר האָבן אים באַטראַכט אַלס אונזער גייסטיקן לערער. ער איז געווען קליינגעוויקסיק און אביסל געשטאַמלט ביים ריידן, אָבער ווען ער פלעגט אויפטרעטן פאַר אַן עולם אָדער צווישן יונגוואַרג ביי א שמחה — פלעגן זיך זיינע ווערטער גיסן ווי א שטראָם. דעמאָלט איז דאָס שטאַמלען אינגאַנצן פאַרשוואונדן. ער האָט געהאַט א אויסערגעוויינליכן כוח־הדיבור. ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעגרייט צו קיין רעדע אָדער רעפעראַט, ער פלעגט ריידן ספּאָנטאַן און ער האָט געקענט דעם עולם רירן ביז טרערן. אויף א שמחה פלעגט ער אויף א בדחנ׳יש־שטיפערישן אופן כאַראַקטעריזירן יעדן איינעם פון די פאַרזאַמלטע, אז דער גאַנצער עולם האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. ער איז נישט געווען קיין שיינער מאַן און נאָך דערצו געהאַט אַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ האָר, ער האָט אָבער געהאַט א פּאָר דורכדרינגענדיקע שוואַרצע אויגן וואָס פלעגן באַצויבערן דעם שיינעם מין.

ר׳ עקיבא

ר׳ עקיבא, דער בעל־תפילה פון אונזער בית־מדרש, איז געווען א חסיד. ווי קומט א חסיד צו זיין א בעל־תפילה אין אונזער שטעטל, וואָס איז געווען כמעט הונדערט פּראָצענט מתנגדיש? ווייס איך טאַקע נישט, אָבער אז די מתנגדים האָבן גרויס הנאה געהאַט פון זיין זיסן נוסח־התפילה — דאָס איז זיכער. ער

האָט געהאַט א חזקה צו דאווגען פארן עמוד ימים־נוראים. זיינע זיסע ניגונים ליגן מיר נאָך איצט אין טעם. ער איז געווען אַנ׳אמת׳ער קינסטלער אין אופן פון זיין דאווגען און אויסטייטשן די ימים־נוראים׳דיקע תפילות. מיר, די יוגנט, פלעגן זיך קוויקן מיט זיינע הארציקע ניגונים, אין וועלכע ער האָט ארייננעפלאָכטן א חסידישן קנייטש. אפילו איצט, ווען ס׳קומט ראש־השנה, בענקט זיך צו הערן א „ובכן תן פחדך״ אָדער א „יעלה תחנוננו״ — לויט ר׳ עקיבא׳ס נוסח און נגינה.

ר׳ שלום מלמד

נאָך א זעלטענע געשטאלט איז געווען שלום דער גמרא מלמד. ער איז געווען א ייד מיט א פיינעם חוש פאר הומאָר און פלעגט קענען ארייגזאָגן ביז אין דער זיבעטער ריפ. ער האָט אפילו זיך אליין אויך נישט געשאָנעוועט. ער פלעגט זיינע תלמידים ארייגזאָגן אויף א קיבעצדיקן אופן ווען זיי פלעגן נישט צולייגן דעם קאָפּ צום לערנען. אָט, למשל, האָט ער א זאָג געטאָן איינעם א תלמיד, וואָס האָט געהאַט א גוטן קאָפּ, אָבער א גאַנץ לאַנגע נאָז: „דער אומגליק מיט דיר איז וואָס אנשטאט צוצולייגן דיין גוטן קאָפּ לייגסטו צו דיין לאַנגע נאָז. ווער אָבער נישט אין כעס, ווייל אז נישט וועט דיין נאָז נאָך לענגער ווערן״.

אמאָל פלעגט ער אויך ארויס פון די כלים און זיך צעשרייען מיט א גמרא־ניגון: „,ואין דבר שבערוה פחות משניים׳. נו, איז וואָס? דעריבער איז געפלויגן א קו איבערן דאך און געלייגט אן איי, די כאָלערע זאָל דיך נעמען!״ דער אָרימער יינגל פלעגט צעטומלט ווערן און ענטפערן אויך מיט דעם גמרא־ניגון: „די כאָלערע זאָל דיך נעמען״. נאטירליך האָט עס ארויסגערופן א געלעכטער ביי די תלמידים און שלום דער מלמד האָט אויך מיטגעלאכט.

ער פלעגט אויך צוגרייטן מצה־שמורה פאר די פרומע יידן אין סטאָוויסק און פלעגט אנשטעלן אסך ווייבער וועלגערינס. ס׳איז געווען טשעקאווע צו זען ווי ער פלעגט זיי טרייבן צו וועלגערן וואָס שנעלער, בחפזון. ער פלעגט פאר זיי דראמאטיזירן יציאת מצרים און שרייען דערביי: „שנעלער, ווייבער, שנעלער, האלט נישט אָפּ די גאולה״, און דאָס וועלגערן די מצות איז טאקע געגאנגען ווי א מזמור.

פשוטע יידן אין סטאָוויסק

איינער פון די קאָלירפולסטע טיפּן אין סטאָוויסק איז געווען איטשע־לייזער דער קרעטשמער. די איינציקע קרעטשמע אין שטאָט אויפן וועג קיין לאָמזשע אין געווען זיינע. נישט קיין גרויסער למדן האָט ער דוקא געוואָלט גילטן פאר א יודע־ספר און זיך געשארט צווישן די למדנים. יעדן שבת נאָכן קוגל פלעגט ער קומען צו אונז אין הויז זיך דורכשמועסן מיטן טאטן און מיט אהרון־לייזערן דעם דיינ׳ס זון, וועלכער פלעגט אונז באזוכן יעדן שבת. מיין פאָטער, ר׳ מענדל דער בעקער, איז פאררעכנט געווען אין סטאָוויסק אלס דער שארפסטער גמרא קאָפּ און נאָך ר׳ וועלוועלעס פטירה האָט דער טאטע איבערגענומען דאָס זאָגן דעם שעור גמרא פאר די סטאָוויסקער לומדים. „טא פארוואָס זאָל איך טאקע

נישט קומען צו ר׳ מענדלען?״ — פלעגט איינטענה׳ן איטשע־לייזער דער קרעטשמער, און אויף טוביה דעם מילכיקערס אופן א זאָג טאָן: „הרב את ריבנו, הדן את דיננו — א רב גייט צו א רב, א דיין צו א דיין און איך גיי צו ר׳ מענדלען. וואו וואָלט איר דען געוואָלט איך זאָל גיין — צו די עמי־הארצים די בעלי־עגלות?״

איטשע־לייזער פלעגט אויך אויסטייטשן דעם „לעולם יהא אדם״ אויף אזא אופן: „לעולם — יהא אדם, ירא־שמים — איז בסתר״. ער פלעגט ליב האָבן צו זאָגן אז ער ציטירט דעם בן־סירא. ער פלעגט, למשל, א זאָג טאָן: „דער בן־סירא זאָגט, אז ׳א מענטש דארף שטענדיק וויסן וואָס ער טוט׳״. נו, ווער וועט זיך מיט אים שפארן און זאָגן אז בן־סירא האָט דאָס נישט געזאָגט? מ׳פלעגט גוטמוטיק אויסהערן זיינע אויסטייטשונגען און שמייכלען, מ׳האָט הנאָה געהאט פון זיינע שטיק. אָט האָט עפעס געטראָפן וואָס האָט ארויסגערופן איטשע־לייזערס צאָרן געגן זיין שכן פלטיאל דער קרעמער. פלטיאל דער קרעמער איז געווען א ייד אן אָרימאַן אין זיבן פאָלעס, אָבער א מסתפק במועט, א שטילער גאָט־פאָרכטיקער ייד וואָס איז נישט געווען בכוח א פליג אויפן וואנט אָנצורירן. א קרעמל האָט ר׳ פלטיאל געהאט גרויס ווי א געניץ און פון גראָשנדיקע זאכן. שווער צו פארשטיין ווי אזוי ער האָט פון דעם געצויגן חיונה. זיין יושר׳דיקייט איז געווען אין לשער. מ׳פלעגט זאָגן אז ר׳ פלטיאל שפאלט א פעפער אויף צוויי
ען ביים אָפוועגן א לויט פעפער, כדי מ׳זאָל נישט מיינען אז ער וויל, חלילה, מיט אנאיבערוואָג צוציען די קונים צו זיין קלייטל.

אָט אויף דעם ייִדן האָט איטשע־לייזער געוואָרפן אן אומחן. טרעפט ער אָן אהרון־לייזער ז״ק אין גאס און גיט א זאָג צו אים: „אהרון־לייזערקע, די קענסט דאָך דעם אויסוואורף, דעם מארוויכער, דעם הויכער־בעמלקים ישראל (עוכר באלוהי ישראל)״. פרעגט אים אהרון־לייזער א דערשטוינטער: „ווער איז עס דער דאָזיקער ייד?״ ענטפערט אים איטשע־לייזער: „אהרון־לייזערקע, מיר איז א וואונדער אויף דיר, ווייסטו דען נישט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך פאלטושקע דער קרעמער״.

מ׳דערציילט אויף איטשע־לייזערן, אז ער האָט איינמאָל גענומען א הלוואָה ביים גביר פון שטעטל. דאָס געלט האָט ער געזאָלט באצאָלן אין א יאָר ארום. ווי דער שטייגער ביי יידן אין יענער צייט האָט מען קיין משכונות ביי קיינעם נישט פארלאנגט, א וואָרט און א תקיעת־כף איז געווען גענוג. דער גביר פלעגט אים אָפט קומען באזוכן אין זיין קרעטשמע און ער, איטשע־לייזער, האָט אים זייער פריינדליך אויפגענומען און אים מכבד געווען מיט שנאפס און לעקאך און אים אָפט פארבעטן אויף א מאָלצייט. דאָס עסן איז געווען געשמאק און דער גביר האָט טאקע הנאה געהאט פון די געשמאקע מאכלים, בפרט ווען ער האָט דאָס אָנגענומען אלס גאסט־פריינדליכקייט און אלס סימן אז איטשע־לייזער איז אים דאנקבאר פאר דער הלוואָה וואָס ער האָט אים געגעבן. איטשע־לייזער האָט אָבער געהאט זיינע אייגענע חשבונות און ווען ס׳איז געקומען די צייט צו באצאָלן דעם חוב — האָט ער אויפגעעפנט דעם ספר־הזכרונות, וואו ס׳איז געווען פארשריבן שווארץ אויף ווייס אלע גוטע מאכלים וואָס דער גביר האָט

ביי אים געגעסן און ס׳איז אויסגעקומען אז די הלוואה איז שוין לאנג אויסגעצאָלט און אז ער, דער גביר, דארף אים נאָך צוצאָלן א פאָר שיינע קערבלאַך.

בעלי־עגלות

אין סטאַוויסק זיינען די בעלי־עגלות געווען די פאַרגרעבסטע יידן. רוי און פראָסט און שטענדיק גרייט איינער דעם צווייטן דורס זיין, אָבער נישט חלילה מיט די פויסטן נאָר מיטן מויל, מיט קללות. דערויף זיינען זיי געווען געוואַלדיקע בריה׳ס. איך פלעג נישט איינמאָל, גייענדיק אהיים פון בית־המדרש, זיך איינהערן צו די כפול־שמונה׳דיקע קללות און חרמות מיט וועלכע זיי פלעגן איינער דעם אנדערן מכבד זיין. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין וואָגן פלעגט יעדער איינער אויסגיסן אויף זיין קאָלעגע א פּאַרציע קללות, וואָס מ׳קען זיי נישט געפינען אין קיין שום ווערטער־בוך. זיי זיינען געווען מייסטערס פון יידישע זידל־ווערטער.

קיין גרויסע שלעגער זיינען טאַקע צווישן זיי נישט געווען, ס׳איז אָבער געווען איינער אַנ׳אויסנאַם — הערשל בעל־עגלה. ער איז געווען א ייד א גיבור, זיין רויט־רוגזה׳דיק פּנים האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אויף אַלעמען. אפילו גויים פלעגן ציטערן פאַר אים אימת־מוות. ער האָט טאַקע געהערשט אויף דער בעל־עגלה בירזשע ביד חזקה און אָנגעהאַלטן א מין מאָנאָפּאָל אויף צו פירן פּאַסאַזשירן קיין לאָמזשע, די הויפּט־שטאָט פון אונזער גובערניע.

אגאַנץ יאָר איז הערשל בעל־עגלה געווען א מושל בכיפה, געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט און אָנגעוואָרפן א שרעק אויף אַלעמען; ווי נאָר אָבער ס׳האָבן זיך דערנענטערט די ימים־נוראים האָט ער זיך איינגאַנצן געענדערט. ער איז געוואָרן גאָר אַנ׳אַנדער מענטש, גאָרנישט צו דערקענען. אָט דער בעל־גוף, פון וועמענס מויל ס׳האָט זיך א גאַנץ יאָר געשאָטן קללות און חרמות ווי א לאַווע פון א וואולקאַן, איז מיטאַמאָל געוואָרן א שטילער באַשיידענער ייד, זיך געהאַלטן ענייוות׳דיק און קוים אויסגערעדט א הויך וואָרט.

צו סליחות איז ער געקומען דער ערשטער. ער איז געווען דער ערשטער אויפצושטיין ווען ער האָט דערהערט דעם אַלטן שמש׳ס קלאַפּ אין פענסטער און זיין רוף: „שטייט אויף, יידן, לעבודת הבורא!“. ערב יום־כיפור פלעגט הערשל בעל־עגלה זיך הייסן שלאָגן מלקות און אָנגעזאָגט דעם שמש אים געבן קלעפּ וויפל עס וועט אין אים אריין, נישט שאַנעווען, טאַקע גאַנצע ארבעים חסר אחת. דעם גאַנצן טאָג יום־כיפור איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון זיין „שטאָט“, וועלכע איז געווען בלויז איין ריי הינטער אונזערע. ער פלעגט דאַווענען מיט ברוים כוונה און זאָגנדיק „על חטא“ פלעגט יעדער זעץ וואָס ער האָט זיך דערלאַנגט אין האַרצן מיט דער פויסט אָפּקלינגען ווייט אַרום.

יום־כיפור האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אין אים זיך איינצוקוקן: זיין פּנים איז כלל נישט געווען פון א ייד א בעל־גוף, א שלעגער, נאָר פון א כשרן ייד וואָס עפנט זיין האַרץ פאַרן רבונו־של־עולם, זיין פּנים איז געווען בלאַס, כמעט רוחניות׳דיק. איך געדענק, אלס יינגל האָב איך יום־כיפור כלל זיך נישט געשראָקן פאַר אים, אדרבא, איך האָב געוואָלט צוגיין צו אים און אים א פרעג טאָן: „ר׳

סבלים בעיירה


סטאוויסקער טרעגער





סטאוויסקער קצבים

הקצבים בסטביסק



מרדכי חבר (קטן) ז"ל
נפל בפיליפינים במלחמת העולם השניה
בשירותו בצבא ארה"ב



אליהו חבר (קטן) ז"ל
נפטר בארה"ב



יצחק לוינוביץ ז"ל
נפטר בארה"ב

הערשל, ווי איז אייך געגאַנגען דער תענית?" און אים ווינטשן א גמר חתימה טובה.

דאָס איז געווען דער גייסטיקער ידישער כוח. אפילו דער גרעבסטער פלעגט זיך קענען דערהויבן צו א העכערער מדרגה און כאָטש אויף א קורצער צייט ווערן אן איידעלער און שענערער מענטש.

דידאַזיקע אלע געשטאַלטן און טיפּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אלע יידישע שטעט און שטעטלאך זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון רוצח'ישע הענט אין א וועלט האָט דאָס צוגעזען — און געשוויגן. מיר זיינען די לעצטע יתומים פון יידישסטן טייל פון אונזער פאָלק, און עדות פון א חורבן וואָס שטייגט איבער די חורבנות פון אלע צייטן.

מיאמי, פלורידה

משה גואלמן ז"ל

הרשל בעל־עגלה

בתחילת המאה הזאת, לפני 60 שנה ומעלה, לפני היות מכוניות ואוטובוסים, לא היתה בעיירתנו אף מרכבה להסעת נוסעים ללומז'ה, עיר המחוז, ולעיירות הסמוכות לסטביסק. היתה רק ה„בויד" (עגלה מסוככת) של הרשל בעל־עגלה.

